דע =... – פּרעפיקס אין אינטערנאַציאָנאַליזמען; גיט צו דעם גרונטוואָרט די באַטײַטן: 1)אָפּטיילונג, אָפּזונדערונג, דערווייטערונג, אָפּשאַפונג, למשל: דעמאָביליזאַציע, דעמיליטאַריזירן; 2) באַוועגונג אויף אַראָפּ, אַראָפּנידערונג, למשל: דעגראַדאַציע, דעגענערירן.

ד ע ! – "אויסרוף אין קאַרטנשפּיל, וואָס מיינט אַז דער

אײַנשטעל וועט געטאָפּלט" |קטוור|.

(?נ?) ד ע אָ ד אַ ר - דער, =ן. הימאַלאַישער צעדערבוים,
אויך דאָס האָלץ פֿון דעם בוים.

ד ע אָ ד אַ ר י ז י ר ן - ----→ דעזאַדאַרירן.

ד ע א י ז ם - <----- **דעיִזם.**

ד ע א י ס ט - -----> דעיסט.

(?נ?) ד ע אַ נ ט אָ ל אָ ג - דער,=ן. פילאָסאָף וואָס פאַרנעמט זיך
מיט פּראָבלעמען פון מאָראַלישע התחייבותן פון מענטשן.

1960 " |...| און דעאָנטאָלאָגן |...| הערן נישט אויף צו
13 גריבלען זיך אין באַגריף פון מאָראַלישער פליכט".

א. ציטלין, פּער 9, פסח=נומער, ז' 11.

8 דע-

(?נ?) דעאנטאלאגיע - די, בא. טייל פון דער עטיק, באטראכט די פראבלעם פון מאראלישע התחייבותן.

1960 " ר׳ ישראל סאלאנטער איז נישט קיין ׳דעאנטאלאג׳. זיין ׳דעאנטאלאגיע׳ איז - די תורה". א. צייטלין, 14

פער 9, פסח=נומער, ז׳ 12.

ד ע א ק ס י ג ע נ א צ י ע – ----< דעזאקסיגענאציע.

דע-

ד ע אָ ק ס י ג ע נ י ר ן - ----> דעזאָקסיגענירן.

-דע

.דעזאקסידאציע <---- - ד ע א ק ס י ד א צ י ע

 -דע

ד ע א ק ס י ד י ז א צ י ע - ----> דעזאקסידירן.

ד ע א ק ס י ד י ז י ר ן - ----> דעזאקסידירן.

ד ע אַ ק ס י ד י ר ן - ----> דעזאַקסידירן.

ד ע ב א ט א נ ט - דער, =ן. אנטיילנעמער אין א דעבאַטע, א דיסקוסיע; בעל=פלוגתא.

1954 " דער עולם שאַרפט זיך די צינגער - נאָך מער דעם מוח. מען ווערט פאַמעלעך געניטע דעבאַטאַנטן, רעדנער". 24

ש. ווינער, יזב 10, 704.

1960 " יעדער פון זיי האט, אַזוי ווי דער ציוניסט קענגשטיין, שלמה הורוויצעס פריינד און אייביקער דעבאַטאַנט-- א פנים". 23/1

ניגער, 10, 195.

רעד: קאָנטראָלירן אין בוך: "פנים" צי פניה"?

ד ע ב אַ ט י ר ן - <u>טרוו.</u> פירן אַ דעבאַטע; דיסקוטירן.

1927 " <u>דעבאַטירן</u> איז ניט אַזאַ שלעכטע זאַך; פאַרקערט,

25 עס איז נוצלעך - עס לופטערט דורך די געדאַנקען".

<u>לעוויט, 1, 14.</u>

1951 " די רעזאָלוציע וועגן דער טעטיקייט און צוטרוי

27 צו דער ייִדישער סיים=פראַקציע <u>ווערט</u> לייִדנשאַפטלעך

דעבאַטירט". <u>ל. שמעוני, פער 106, 269.</u>

ד ע ב אַ ט ע  — די, =עס/ =ן. דיסקוסיע, וויכּוח.

1910 " העפּטיקע דעבאַטן האָט אַרויסגערופן דער פּונקט

39 וועגן דעם, וועלכער ייִד עס קאָן גערעכנט ווערן פאַר אַ

מיטגליד פון דער ייִדישער קהילה". א. ליטוואַק,

פער 169א, מערץ, ז׳ 7.

1937 " |...| האָט מען היציק זיך גענומען// אויסצופּעכטן

41 די דעבאַטע". ליעסין, 1, 232.

1951 " ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די דעבאַטן

41/1 איז אוממיגלעך געווען צו שאַפן איין שול, וואָס זאָל

אַלעמען באַפרידיקן". ע. ווידאַנס, פּער 106, 249.

ד ע ב אַ ל אַ נ ס י ר ן - טרוו. צעשטערן דעם באַלאַנס,
די גלײַכוואָג.

1953 " |...| צוגעבן עפּעס נײַס, וואָס איז עלול צו
47 דעבאַלאַנסירן דעם אָנגענומענעם נוסח". ח. גרינבערג, 28,1.

(?נ?) ד ע ב א ר א ס י ר ן - |טרוו?|. (רעג, פֿראנקרייך)

"פֿטור ווערן פֿון עמעצן/עפּעס, אפּרייניקן דעם טיש" |קטור|.

ד ע ב א ר ע מ ד י ק ( יי ט ) - ----> דערבארעמדיק(ייט).

ד ע ב א ר ק א ד ע ר - דער, =ן. 1. דאס ארט אין א האוון, צו וועלכן ס'קומען צו און קומען אפ די שיפן (באזונדערש אין טייכהאוונס).

2. (עלט) פעראן אין באן־סטאנציע.

דע-

(?נ?) ד ע ב אַ ר ק אַ צ י ע – **די, באַ.** דאָס אַראָפּגיין פֿון
דער שיף אין פּאָרט, דאָס אַראָפּלאָזן די פּאַסאַזשירן פֿון
דער שיף נאָך דער רײַזע.

(?נ?) ד ע ב אַ ר ק י ר ן - טרוו. אַראָפּגיין פֿון דער שיף אין פּאָרט, אַראָפּלאָזן די פּאַסאַזשירן פֿון דער שיף נאָך דער נסיעה.

ד ע ב אַ ש – דער, =ן. סקאַנדאַל, טומל, הוליאַנקע(אַ פּעיאָראַטיוו) הולטייִסטווע.

ד ע ב א ש י ר ן – **אוטור**. מאכן א סקאנדאל, א גרויסן טומל, הוליען (פֿעיאַראַטיוו), הולטאַיעווען.

ד ע ב י ו ו ע ן ( ז י ך ) - דזוו דאַביוועץ (זיך/דאַבהוועץ.

1903 " |...| זוכט ער און נישטערט און גריבלט און

וויל זיך דעביוועץ, ווי אַזוי האָט דאָס געברענט און 62

פֿון וואַנען?". שלום-עליכם, 7ד, 233ע

........................................................

רעד: ס׳קען זײַן, אַז ס׳איז סתם אַ גרייַז, און ס׳דאַרף

זײַן "דאַביוועץ". סטוטש פֿסלט אויך, ~~דאַבחדוקעס~~" "דאַ־ווען"

און "כשרט" גאָר "דערביוועץ", כאָטש דער פּרעפֿיקס

"דער" ~~ס~~ פּאַסט גאָר ניט אַהער לחלוטין...

דער "דאַ" איז פֿון דעם סלאַווישן סופֿיקס до

(добувати).

........................................................

ד ע ב י ו ט - דער, =ן. 1. ערשטער אַרויסטריט פון

אַ קינסטלער, אָנהייב פון אַרטיסטישער קאַריערע.

|1914| " וואָס גייט אים אָן זײַן ערשטער דעביוט |...|,

וואָס וועט געווייס |...| אַפּלויפן מיטן זעלבן טרומף, 63

ווי ביז אַהער". שלום=עליכם, 9ב, 232.

1958 " שוין |...| אין דעם דעביוט=בוך 'דער שטן אין גאָריי'

אַנטפּלעקט זיך |...| די קינסטלערישע צורה פֿון דעם

דערציילער יצחק באַשעוויס". ביקל, 1, 358.

2. אין שאַכשפּיל – די ערשטע עטלעכע צוגן (געגנג).

~~דרע==דעבוטאַנטקע, די,=ס.~~

|| דעביוטאַנט – דער, =ן, ווע דעביוטאַנטקע, די,=ס.

– דער וואָס טרעט אַרויס צום ערשטן מאָל אויף דער בינע

אָדער אויף אַן אַנדער קונסט=שטח.

1965 " |...| יונגע דעביוטאַנטקעס, וועלכע פֿליגן

דאָרט אַפּהיניען גאַנצענע נעכט |...|". דזשעקסאָן, 55

פער 155, 12/X.

ד ע ב י ו ט י ר ן - <u>אוטוו.</u> ארויסטרעטן צום ערשטן
מאל אין א געוויסן קונסט=שטח.

1958 " דער נסתר האט <u>דעביוטירט</u> אין 1907 |...|".

73 <u>ניגער, 8, 368</u>.

ד ע ב י ט - ----> דעבעט.

ד ע ב י ט אָ ר - דער, =ן. דער וואָס איז שולדיק
(אין בוכהאַלטערישן, פֿינאַנציעלן אַספּעקט).

ם

**דעביטאָר.**

1774 " דעביטאָר - איין שולדנר". חנוך לנער, דף כ"א. 76

א' 31 ה–

ד ע ב י ט י ר ן – טרוו. פֿאַרשרײַבן אויף דעם דעבעט=חשבון (בוכהאַלטעריש).

ם דעביטירן.

1774 " |...| נאך צו זעהן |דעם חשבון| אונ' רעכט

79 בפינדונג מיך דער פאר דעביטירן". חנוך לנער, דף 6.

ד ע ב י ל – דער, =ן. שוואַכזיניק, אַ ביסל אָפּגעשטאַנען גייסטיק.

1968 " אויב ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן במשך פֿון דער
צײַט, אַז דאָס קינד איז נישט פּאַסיק פֿאַר אונדזער אַנשטאַלט, 85
ווי, למשל דעבילן=אידיאָטן, פּלעגט מען אַזעלכע
אַריבערשיקן אין אַנדערע אַנשטאַלטן". י. פּערעל,
יזב 2, 349.

ד ע ב ל |דעבעלע, =ר| - אדי. פֿעסט געבויט, דיק, פֿעטלייביק.

Ик: дебелий

1898 " די טעכטער זייענע זענען פּראָסטע, דעבעלע מיידלעך, אַזוינע ווי מיר דאַרפֿן - אָן קונצן". 83

מאליי, 1, 23.

(?נ?) ד ע ב ע – <u>די, =ס.</u> (<u>רעג, ישראל</u>) מין חיה, פֿיגורירט
אין אַראַבישן פֿאָלקלאָר.

198... " ריִבט מען שוועבעלעך און זוכט מען,// דעט
87 מען ברענענדיקע אויגן,// זיצט אַ <u>דעבע</u> אַנגעשראָקן//
ביי אַ בוים געבויגן". <u>א. אויערבאך, 1, 27</u>.

1972 " אַ, זיי געוואָרנט דעמאָלט אין סכנהס קאַלטע רייפֿן://
88 ס'קאָן אַ <u>דעבע</u> נאָך מיט אויגן בליציקע ~~אַנטלעפֿן~~".
אַנטלויפֿן".
<u>מאניק, פֿער 46, נומ' מערץ=אפריל</u>.

ד ע ב ע ט – דער, בא, פפ דעביט. די לינקע זייט

פון בוכהאלטערישער רעכענונג און באלאנס, ווו ס׳ווערן

אריינגעטראגן די פאזיציעס "שולדיק".

|| ~~דעביטאר – דער, =ן. דער וואס איז שולדיק~~

~~(אין בוכהאלטערישן, פינאנציעלן אספעקט).~~

(?נ?) ד ע ב ק ע - די, בא. (רעג, ישראל) אראבישער טאנץ.

1952 " א באגדאדער יונג, א ביזיגעוודיקער ווי א קאץ,//

94 טאנצט א דעבקע". א. אויערבאך, 4.

דעברע - די, =ס. געדיכט פאַרוואַקסענער טאָל.

P: debra

1949 " ס'איז חודש מערץ - // אין דעברעס און אין וועלדער
97 פֿון מײַן היים // בליט איצט דער וואַלפֿסבעז לילאַ=בלאָ".
קארן, 5, 84.

1957 " |...| איז אפרים געזעסן אויף אַ פּניאַק און געקוקט
96 אויף דער גרינגער פּאַסטוויסקע, וואָס לויפֿט פֿון
בערגל אַראָפּ צו דער דעברע צו". קאָרן, 6, 67.

[7 עס זאָל פֿאַלן אויף אַלע דעברעס - אַפּשפּרעכעניש פֿון
אַ קראַנקייט.

38 דע־

ד ע ג אַ ז אַ ט אָ ר – דער, ־ן. 1. אַפּאַראַט צו דעגאַזירן.

2. כעמישער פּרעפּאַראַט צו דעגאַזירן.

3. דער וואָס דעגאַזירט.

ד ע ג א ז א צ י ע – די, בא. אקט אדער רעזולטאט פון דעגאזירן.

ד ע ג אַ ז י ר ן – טרוו. 1. באַזייטיקן די גאַזן, וואָס זענען צעלאָזן אין וואַסער.

2. באַזייטיקן די שעדלעכע גאַזן פֿון גרובנס, נאָך אַ גאַז=אַטאַקע (בית מלחמה) אד"גל.

ד ע ג אָ ט י ר ן - ----> דעקאַטירן.

ד ע ג ו ס ט אַ ט אָ ר - דער, =ן. ספּעציאַליסט, וואָס באַשטימט די איכות פֿון ווײַנען, פֿאַרזוכנדיק ~~דעם~~ טעם.

**ד ע ג ו ס ט י ר ן** – <u>טרוו</u>. באשטימען די איכות פון ווייִנען דורך פאַרזוכן ~~דעם~~ זייער טעם.

ד ע ג ט י אַ ר - דער, =עס, פּפּ דזיעכטיאַר/דעכטיאַר.

1. דער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסאַרבעטן ד(ז)יעגעכץ, סמאָלע.

2. פֿאַרקויפֿער פֿון דזיעגעכץ.

ד ע ג ן ! – דער, =ס. (עלט) מין שווערד, קורץ און שפּיציק.

1877 " דו ביסט אונדזער גאַנץ פֿאַרמעג,// אונדזער כּבֿוד
107 און אונדזער דעגן". גאָלדפֿאַדען, 1א, 23.

1915 " קען איך ניט דײַן מלך זײַן – // האָב קיין
108 גאָלדענעם דעגן". ראַלניק, 1, 89.

1932 " זוך איך די בלויע האַלבּ=לבֿנה//פֿון מײַן קרומען
104 דעגן". נאַדיר, 4, 271.

□ דעגן.

1668 " אונ' דער פֿריץ דער פֿר בערגט דען דעגן אונטר
106 זייני קליידר אונ' ער קאם אונטר דיא פילי דיז פאלק
אויף דעם מארק |...|". יוסיפון, 3, דף ריד.

ם דעגן !! - דער. יונגער העלדישער קריגסמאן.

1541 " ווי באלדד דורזייאנה דא נוך אים שיקט דא קאם
111 דער דעגן איש דיקארן". בבא=בוך, סטר' 107.

1544 " דא ענטוורט אים דער קויניג און ליש בוך זיינם
105 שפוט.// זוא גיא הין דעגן יונגן דאש דיר מוש העלפן
גוט". שמואל=בוך, סטר 352.

ד ע ג ע ט – -----> דיעגעט/דזיעגעכץ.

ד ע ג ע נ ע ר אַ ט – <u>דער, =ן.</u> 1. אַ מענטש מיט סימנים
פון פסיכישן אָדער פיזישן אָפנייג/אָפווייך פון דער
ביאָלאָגישער נאָרמע.

1938 " |אַלקאָהאָל| מאַכט אונדז ניט נאָר פאַר <u>דעגענעראַטן</u>,
נאָר דורך באַשעדיקן און דעפאָרמירן די ירושהדיקע
פלאַזמע, אָדער אידיאָפלאַזמע |...| דעגענערירט ער
אויך אונדזערע קינדער און קינדס=קינדער".
<u>פער 151, נ' 6.</u>

2. (<u>שש</u>) מנוול, אויסוואָרף, אוממענטש.

1968 " |דער לאַגער| איז אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן
און באַוואַכט דורך <u>דעגענעראַטן</u>=מערדער מכל המינים-
פאָלקסדייטשן, ווייסרוסן און אוקראַינער". <u>ב. אָרנשטיין</u>,
<u>יזב 2, 859.</u>

49 דע-

דעגענעראטיוו - אדי. שייכדיק צו דעגענעראציע.

ד ע ג ע נ ע ר א צ י ע – די, בא. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
פון דעגענערירן ב׳ 1.

1954 "סעקסועלע אימפּאָטענץ איז אַ חרפּה און אַפּט מאָל
127 אַ סימן פון דעגענעראַציע". ח. גרינבערג, 3, 208.

2. פֿאַרערגערונג, דעגראַדאַציע.

1911 "דעריבער האָבן אַלע די, וואָס קאָנען א ביסעלע
129 טיפער אַריינבליקן אין דער נשמה פון עם מענטשן,
אויך געקענט דערקענען די ערשטע |...| סימנים פון
אונדזער דיכטערס דעגענעראַציע". באַוושאַוער, 3, ז׳ XV.

ד ע ג ע נ ע ר י ר ן - אוטוו. 1. (ביאל, מעד)

פארלירן געוויסע ביאלאגישע אייגנשאפטן, וואס זיינען אייגן דעם געגעבענעם ארגאניזם אדער זיינעם א טייל, אפשטייגן אדער אפווייכן אין דער נארמאלער אנטוויקלונג.

1910 "|...| אין דען ניט מעגלעך, אז מיר ווערן גרוי
84 דערפאר, ווייל אונדזערע הארוואַרצלען הייבן אן צו
דעגענערירן?". קופערמאן, 1, 9.

1936 "|...| א משפחה פון געוויינלעכער ארעם מיליטערישער
130 אפשטאמונג, קליינ-פריציש און שטארק דעגענערירט".
מ.אלטמאן, 3, 33.

2. ערגער ווערן, פאלן אין דער מדרגה.

1919 "|...| 'נאראדנאיא וואליא', וואס איז אין יענער
137 צייט דעגענערירט געווארן כמעט צו א ריינעם באמביזם".
זשיטלאווסקי, 9, 210.

1940 "פֿון אייך זייַט זעען זיך סימנים פֿון א ייִדישקייט,
133 וואָס באַפרייט זיך און פּראָגרעסירט, און פֿון דער
אַנדערער זייַט – אַ ייִדישקייט, וואָס צעפּאַלט זיך
און <u>דעגענערירט</u>". <u>קאַראַלניק, 2, 261</u>.

ד ע ג ר אַ ד אַ צ י ע - די, =ס. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון דעגראַדירן.

1898 " |...| ער איז געווען באַשטעלט צו ברענגען דרייפֿוסן
פֿון פֿעסטונג און צו ענדיקן די דעגראַדאַציע". 140
אַנ, קאַפּיטאַן דרייפֿוס, ז' 197.

2. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעגראַדירן, ב' 2.

1953 " די געהעריקייט צום פּראָלעטאַריאַט, ווי צו אַ נייעם
הערשנדיקן קלאַס, איז פֿאַר אַ סך מיליאָנען געוואָרן אַ 142
סאַטיספֿאַקציע פֿאַר היסטאָרישער באַליידיקונג און
דעגראַדאַציע". גרינבערג, 1, 208.

514

דעגראַדירן - 1. טרוו. (מיל) אַראָפּנידערן/ פאַרקלענערן, עמעצן דײַן דינסטראַנג.

1898 " |...| לויט דעם באַפעל פון דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק - דעגראַדיר איך דיך!". אנ, קאפּיטאַן
140 דרייפוס, ז' 198.

1917 " |...| איז ניט בעסער פֿאַר אײַך, איר זאָלט שטאַרבן
155 דאָ, איידער מען זאָל אײַך דעגראַדירן, מען זאָל אײַך שענדן אַלס אַן אָפיציר און מענטש?". י. גאַרדין, 13, 171.

1929 " פאַר פאַרגעסן די קופּל מיט באַיאָנעט, אַז מע כאַפּט דיך דערבײַ, דעגראַדירט מען דיך תיכף אויף א געמײַנעם סאָלדאַט". מ. ווינער, 2, 105.

2. טרוו. אַראָפּנידערן פון דער מדרגה (פון [illegible]נ'וואַ, מצב), פאַרערגערן, פאַרדאַרבן.

1953 " |...| מאָראַליש אָבער **האָט** ער דאָס רעליגיעזע לעבן
ניט נאָר ניט אויפגעהויבן, נאָר גיכער גאָר **דעגראַדירט**". 152
גרינבערג, 2, 156.

1959 " אין דעם טאָג=טעגלעכן שפּראַכגעברויך **איז** אָט דאָס
היינע וואָרט |קריטיק| טאַקע **דעגראַדירט געוואָרן** 153
ביז צום אָרעמען באַגריף פֿון חטאים=זוכעריי".
ניגער, 9, 131.

|| **דעגראַדירונג** - די, =ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעגראַדירן;
דעגראַדאַציע.

1973 " האַלטנדיק די 'טאַרטשע' אין דער האַנט, האָט זי
מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ געוואַרט אויף דער ווייטערדיקער
דעגראַדירונג!" ראָזענפֿארב, 3, 248.

ד ע ג ר ע – די, בא. (גארבעריי) פּעטס, געניצט אין פּראָצעס פון גאַרבן לעדער.

רעד: אַן אינפאָרמאַנט גיט אַן די פאָרמע "דעגרען".
די קאָרעקטע פאָרמע איז געווען, ווי אין פויליש (degros) און רוסיש דעגראַ (дегра), ס'קומט פון פראַנצויזיש "dégras". צי האָבן טאַקע יידישע גאַרבערט איבערגערוקט דעם טראָפ אויפן ערשטן טראָף אדער ס'איז אַ גרייז פון די אינפאָרמאַנטן?

ד ע ג ר ע ס י ו ו – אַדי/אַדוו. אָראָפּפאַלנדיק, אַראָפּנידערנדיק.
(להיפּך צו פּראָגרעסיוו).

ד ע ג ר ע ס י ע - די, בא. אראפפאל, אראפגאנג

(פארקערט פון פראגרעסיע).

(?נ?) ד ע ד אַ כ אָ ר ד – דער, =ן. מוזיקאַלישער אינסטרומענט

|סטוטש 286|.

רעד: וואָסער אינסטרומענט? ניט געפֿונען אין

ענציקלאָפּעדיע אַפֿילו...

ד ע ד אַ ל אָ ס – געשטאַלט פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע – גרויסער מײַסטער, סקולפּטאָר און אַרכיטעקט, ער זאָל עס האָבן געבויט דעם באַוווּסטן לאַבירינט אויפן אינדזל קריט(קרעטאַ).

(?נ?)

דעדווארים[ם] – מין ווארעם, וואס רופט ארויס אן אויסשיט אויף די פינגער.

1728 " |...| וועך איינר ח"ו ביקומט וויטאג אן פינגר דש קומט דש זיך זעצט אייך דיקיר אום פלויט איין דען ביין פון פינגער, ווערט גינענט דעד ווארים". 166

סגולות ורפואות !!, דף כ"ז.

רעד: אין שפאניש איז "dedo" א פינגער; זאל עס טאקע זיין א פינגער=ווארעם?...

ד ע ד ו צ י ר ן - טרוו. (פילאס) אויפפירן לאגיש דאס איינציקע (באזונדערע) פון דעם אלגעמיינעם, דאס גיין פון כלל צום פרט.

ד ע ד ו ק ט י ו ו - אדי/אדוו. לויטן מעטאָד פֿון דעדוקציע.

1917 " איבער מיר וואָלטן דעם ענטפֿער געפֿונען |...|

171 נאָר א דאַנק |...| וואָרשיינלעכע דעדוקטיווע השערות,

דאַרף דאָס לעצטע וואָרט |...| פֿאַרט געהערן דעם אינדוקטיוון

אויספֿאָרשונג". צשיטלאָווסקי, 7, 46.

ד ע ד ו ק ט י ר ן - ---> דעדוצירן.

ד ע ד ו ק צ י ע - די, =ס. (פֿילאָס) מעטאָד פֿון דענקען, באַשטייט אין לאָגישן אַרויספֿירן דאָס איינציקע (באַזונדערע) פֿון דעם אַלגעמיינעם, פֿון כּלל צום פּרט.

1975 "אַנאַליזירן און מאַכן אַ <u>דעדוקציע</u> פֿון מסקנות אויפֿן סמך פֿון דערפֿאַרונג און אַנאַלאָגיעס אין דער געשיכטע". נ. יעלין=מור, פּער 14, 10/I. 175

(?נ?) ד ע ד י - |די?| =ס. בנב.

1933 " ער דערציילט אפילו פון א פאל, ווען א יונגערמאן,

177 וואס האט געליטן אויף א הוסט מיט לייכעץ, האט זיך

אויסגעהיילט דערפון דורך טרינקען 8 טעג נאך אנאנד

א 'דעדי' (10 גראם, דעקא?) אוריך". פער 131, נ' 6.

......................................................................

רעד: אפשר איז א גרייז און ס'דארף זיין "דעצי",

ס'הייסט דעצילימער (צענטל פון א ליטער)?

......................................................................

(?נ?) ד ע ד י ק אַ ט אָ ר - דער, =ן. דער וואָס גיט (שרייבט) די דעדיקאַציע.

ד ע ד י ק א צ י ע – די, =ס. 1. צושריפט פון מתנה=
געבער אויף א בוך, פאטאגראפיע אד"גל לכבוד דעם וואס
קריגט די מתנה.

1947 " צווישן די מתנות, וואס זי האט באקומען, איז
אויך געווען אן אלבום איינצושרייבן אין פערז און 180
פראזע דעדיקאציעס". סעגאלאוויטש, 10, 75.

1967 " |...| אין 1947 האט ער מיר צוגעשיקט פון לאנדאן
אן עקזעמפלאר פון זיין האצמאך-שפיל מיט א קורצער 253
דעדיקאציע". י. קארא, פער 38, נ' 66, ז' 174.

2. צושריפט אין אנהייב פון א קינסטלעריש ווערק מיטן
נאמען פון דער פערזאן, לכבוד וועמען אדער פאר
וועמען דאס ווערק איז געשאפן (געהייליקט).

ד ע ד י ק י ר ן - טרוו. 1. אנשרייבן א דעדיקאציע, ב׳1.

2. שענקען דעם רעזולטאט פֿון א געוויסער שאפֿונג (ס׳רוב א קינסטלעריש ווערק) צו א געוויסן מענטשן, ווי אן אויסדרוק פֿון ליבשאפֿט, כּבוד, אנערקענונג; הייליקן.

1956 " |...| איר דעדיקירט ער זיינע ערשטע וועלטשמערץ=לידער". י.מ. ניימאן, פֿער 38, נ׳ 25, ז׳ 174. 178

דעה |דייע| - =ות |דייעס|. 1. מיינונג, איבערצייגונג.
% ארויסזאָגן אַ דעה. מע הערט זיך צו צו זיין דעה.

1848 " און פֿון קיין מענטשין וועגין וויל איך מיין
227 דיעה ניט פֿארענדרין, אז איך זאל אנדרש ריידן איידר
איך מיין". חובות הלבבות, 3, דף ב - 1.

1875 " |...| זיך איך יענע בגדים קליידן,// וועלכע
246 ס'טראָגן פֿעלקער=היידן,// גאָלן בערד און שערן
זיי פֿאות // הייסט עס אָנצונעמען זייערע דעות".
מענדעלע, 10, 23.

1917 " מחמת דעם זעלבן טעם האָט זיך עסטרייך שטארק
234 געמוטשעט צו צוהערן צו דער דעה און דעם ווילן אויך
פֿון דעם טשעכישן פֿאָלק". זשיטלאָווסקי, 8, 84.

1935 " לויט זייער דעה מוז דאס דור פאר דער אויסלייזונג
ווערן כולו חייב, און זיי פלייסן זיך דערום צו
פארדארבן גרויס און קליין". באשעוויס, 1, 158.

1958 " דאס מאל האט ער, דער היפכא-מסתבראניק, קיין
מזל ניט געהאט ארויסצוזאגן זיין פארקערטע דעה". 226
גראדע, פער IV,68 /18.

2. כוונה, מיין, פארלאנג. % ער האט עס געטאן מיט דער
דעה אים גוטס צו טאן.

1821 " מיין דיעה איז ניט גקילט גיווארן |...|".
קב הישר, דף 1/3. 226/1

1864 " ווען איין טראגעדיקע אשה שמעקט עפעס אן איין
עסנווארג, |...| אפילו זי זאגט ניט, זאל מען איר 202
איינראמען אין אויער אריין, אז עס איז יום=כיפור,
ווארעם מאנכעס מאל ווערט אפגעזעצט מיט דעם די דעה".
אנ, דרך אדם.

1888 "|...| איז מיט זיין כבוד אליין צוגעגאנגען צו
משהלען מיט דער דעה אים אנצולערנען". מענדעלע, 3, 100. 264

1968 " אין דער נאכט פון ראש=השנה האב איך זיך
אריינגעכאפט אין דער אויטאמאטן=קאמפאניע מיט דער
דעה צו באגעגענען זיך מיטן דאזיקן בחור". 236
ח. פארבער, יזב 2, 1029.

3. כוח פון דעציזיע, אויטאריטעט.

1888 " זינט דענסטמאל איז דער יצר=הרע פון ליבע אויס
מחותן מיט זיי, די דעה אין שידוכים איז איבערגעגאנגען 242
פון אים צום יצר=הרע פון האנדל". מענדעלע, 3, 198.

4. (עלט) שכל, פארשטאנד.

1872 " |...| אסתר, וואס זי איז געווען א טאכטער פון
אזוי א גאון ווי דער ש"ך, זי איז שוין געווען מיט 271
א דעה ווי א גרויסע". דיק, 60, 12.

דעה=זאגנדיק - אדי. (שנש) דעצידירנדיק, אויטאָריטאַטיוו, וואָס האָט השפּעה.

1951 " די סאָציאַלע גרופּע פרייע פּראָפעסיעס האָט געהאַט אין די דעה=זאגנדיקע אָרגאַנען בערך דעם זעלבן אַנטייל, ווי אין דער מיטגלידערשאַפט". י. לעשטשינסקי, פער 106, 932. 279

(0) דעה=זאגער - דער, =ס/מצ דז. דער וואָס האָט דעם כוח (די מאַכט, דעם אויטאָריטעט) צו דעצידירן.

1883 " אַ כלל, אַ קאַזאַק פון די אַלטע קאַזאַקן, |...| אַ שרייער |...| און אַ דעה=זאגער, און קוקט עס אָן, אין דאָס ניט ווערט צו אָטעמען אפילו די לופט אין באַד". ליניעצקי, 6, נ' 4, ז' 6. 282

1936 " די אינטעליגענטן, וואס קריכן אומעטום און רייסן

286 זיך צו זיין דעה=זאגער". י.י. זינגער, 637,6.

**דעה=זאגערין** - די, =ס. ווע צו דעה=זאגער.

|1926 - 1931| " פארן מאן אבער האט זי עס נישט געוואלט

288 צוגעבן. געווינט געוועזן פון דער חתונה אן צו

זיין די דעה=זאגערין". אפאטאשו, 9, 225.

**דעה=זאגעריי** - דאס, בא. דאס זאגן א דעה, דאס ארויסווייזן

פוח, אויטאריטעט צו דעצידירן.

1958 " מען האט געליטן פון תקיף און מען האט פאר

זיין הערשערישקייט און דעה=זאגעריי געפונען דאס

פאסיקע ווארט". י.מארק, פער, 94, נ' XLI, ז' 146.

דעה מיושבת |...מעיושעוועס| - (לל) א מיושבֿדיקע, גוט באַטראַכטע, געזעצטע מיינונג.

1883 " |...| און די קינדער פֿון קין זיַינען מיט צוויי קעפּ. א טייל זייַנען הויך און גרויס און אַ טייל זייַנען קליינע, זיי האבן ניט קיין דעה מיושבֿת". 297

אנ, נופֿת צופֿים, 2, 36.

דעה צלולה [...צלולע] - (לל) קלורער שכל/פארשטאנד.

% די צוואה האט ער געשריבן נאך זייענדיק בדעה צלולה.

בעל=דעה |באַל=דייע| - דער, מצ בעלי=דעה |באַלע=דייע|.

דער וואָס האָט דעם כוח, דעם אויטאָריטעט צו דעצידירן.

1880 " געגוג שוין צו זייַן אַ מאַכער א ווילער,// א בעל=טובֿה, א בעל=דעה אין דער שטאָט". ימי"ן, 1, 8.

חסר=דעה |כאסער=דייע| - פרעדיקאטיווער אדי. אן קלארן שכל, משוגע. % צו טאן אזא ווילדע זאך דארף מען זיין משוגע, חסר=דעה.

לכל=הדעת |לעכאל=האדייעס| - אדוו פר. פון אלע שטאנדפונקטן. נעמענדיק אין אכט אלע/פארשיידענע מיינונגען. % דעם ~~זיידן~~ דער אויבן=אן קומט, לכל הדעות, דעם זיידן.

חילוקי=דעות |כילוקע=דייעס| - מיינונג=פארשידנקייט, פארשיידענע, קעגנדיקע מיינונגען. % עס הערשן שארפע חילוקי=דעות וועגן דעם עקאנאמישן פלאן.

רוב דעות |ראוו דייעס| - דער, בא. די מערהייט. (לל) ס'איז דא אויף דער זיצונג א רוב דעות, אז מע דארף אננעמען דעם פלאן.

1883 "די קאמער [פון די דעפוטאטן] האט די פרעדלאזשעניע [פארשלאג] מיט זייער א גרויסער באלשינסטווא (רוב דעות) אנגענומען". פער, 74, נ' 2, ז' 22. 288/1

ברייטע דעה – מיינונג, שטעלונג ארויסגעזאגט מיט אויטאריטעט, מיט תקיפות.

1910 "און רב קמצא וועט ביי קהל ווידער ברייט זיין דעה // זאגן, קלינגענדיק, ווי פריער // שטאלץ מיט דער מטבע". פרוג, 3, 300. 237

א קאפ מיט אכצן דעות – וועגן עמעצן וואס האט ניט קיין באשטענדיקע מיינונג, וואס זאגט א מאל אזוי און א מאל אנדערש, פארקערט.

אראפשלאגן פון דער דעה – משפיע זיין, איבעררעדן צו
ענדערן די מיינונג.

1914 " |...| פון זיין דעה וועט אים שוין קיין מענטש
אין דער וועלט ניט אראפשלאגן". מ. ריבקין, 1, 368.

אריינגעבן א (וואר: אין דער) דעה – אויפגעבן א געדאנק,
איינרעדן, איבערצייגן.

1883 " אזוי איז מיטן זיווג: גאט גיט מיר אריין אין דעה,
אז דער מיט דעם איז א באשערטער זיווג, און איך 274/1
~~און איך~~ פיר אויס א שידוך". ש. בעקערמאן, 2, 27.

ס'בלייבט/ס'איז געבליבן די דעה – ס'איז דעצידירט (געווארן).
... "האט מען איין עצה |זיך| געהאלטן, און עס איז די דעה
געבליבן, אז מען מוז גאר |...| אוועקזעגלען". 274/2
אנ, היסטאריע איינע שיף בראך.

<u>האבן א/די דעה</u> – האבן כוח (אויטאריטעט, השפעה) צו
דעצידירן.

182... " |...| ווער <u>האט דיא</u> גרעסטע <u>דעה</u>, אז נישט נאר
274/3 דער באש"ט אליין?". <u>מאלאגא, 1, 236</u>.

1929 " בהמות, אקסן, וואס ,ענט איר געקומען אהער?
198 וואס בין איך, א גאט? צי קאן איך מחיה מתים זיין?
זיי מיינען, אז איך, מענדל קאצקער, <u>האב א דעה</u> אין הימל...".
<u>א. בערגמאן, 2, 130</u>.

1951 " די ראשי=המדינות פון וועד |...| זיינען געווען
218 די געזעצגעבער און זיי <u>האבן געהאט א דעה</u> איבער אלע
ענינים פון וועד". <u>מ. ווישניצער, פער 182,106</u>.

<u>האבן בדעה</u> |...בעדייע| – האבן די כוונה, ווילן, פארלאנגען.

1939 " האט געהאט בדעה צו בעטן, אז דאס בוך
זאל זיין געווידמעט דעם אנדענק פון זיין קינד |...|". 218/1
מ. אלטמאן, 4, 125.

איך האב אויך א דעה - איך וויל אויך דעצידירן, מיט מיר
דארף מען זיך אויך רעכענען.

1873 " איך בין אויך א בעל=הבית, אויך א היגער, איך האב
אויך א דעה". מענדעלע, 1, קאנק 171/30. 274/9

1887 " איך בין דאך דער פאטער! איך האב עפעס אויך א
שטיקל דעה, צי ניין?". שלום=עליכם, 15, 25. 195

זאגן א דעה - ארויסברענגען אן אויטאריטאטיווע
דעצידירנדיקע מיינונג, משפיע זיין.

1894 " באקומט א משרת א ביסל געלט, קומט אים די בכורה,
זאגט אויף אלץ א דעה, אויף חכמה, אויף תורה" 251
צווייפל, 4, 43.

1910 " אויף קיין אסיפות גיי איך ניט,// קיין עצות

358 קהל גיב איך ניט// און זאג קיין דעות ניט".

פרוג, 2, 166.

1936 " |...| נישט געמישט זיך איך קיין שום זאַך און

269 ארויסגעדרייט זיך פון זאגן א דעה". י.י. זינגער, 6, 145.

אין עפעס

(איינזאגן) זאגן עמעצן א דעה - דיקטירן עמעצן וואס צו

טאָן, ארויפצווינגען די אייגענע מיינונג, קריטיקירן.

... " גאָט איז אוודאי גערעכט, ער פירט די וועלט, מיר

269/1 קענען אים קיין דעות נישט איינזאגן". אנ, ס'שבתי רמ"ל, ז' 43

1928 " |...| א שרייבער וועט קיינער נישט איינזאגן

230 קיין דעה, וועגן וואס ער זאל שרייבן און וועגן וו[illegible]

וואס [illegible]- ניט". [illegible] ניגער, 4, 213.

זײַן (בײַ) אײן דעה – האָבן די אײגענע מײנונג, מסכים זײַן.

1921 " |...| זי איז געווען מיט אים אײן דעה".

272 אש, 2א, 86.

זײַן גרינג אין/אויף דער דעה – זײַן אומקאָנסעקווענט,
ניט האָבן קײן באַשטענדיקע מײנונג, נוטה זײַן צו בײַטן
גרינג די איבערצײַגונגען.

ייִשובֿן זיך מיט דער דעה (וואָר: זיך מיישבֿ זײַן...) –
באַטראַכטן זיך, איבערקלערן גוט.

1815 "דר נאך הט ער זוך מיישב גוועזן און |=אין| דר דיעה.
220 אדר ביי אז סע אוז יוא אזו אז הש"י קאן יוא אזונס
טאן |...|". בראַסלאַווער, ז' מב/ד.

ס'לײגט זיך אויף דער דעה – ס'איז שכלדיק, ס'איז אַ גוטער
געדאַנק, מע קאָן דעם געדאַנק אָננעמען.

קומען צו דער דעה – קומען צו אן אויספיר, באשלוס, שאפן
זיך א מיינונג.

שטעלן אויף דער דעה – האלטן זיך ביי דער אנגענומענער
מיינונג, ניט וואקלען זיך.

שלאגן זיך מיט דער דעה – וואקלען זיך צווישן פארשיידענע
מעגלעכע דעציזיעס, באטראכטן פארשיידענע מעגלעכקייטן צו
לייזן א פראבלעם.

1875 " יודל שלאגט זיך מיט דער דעה, איז צעדרייט און
און קראצט די פאה". מענדעלע, 10, ~~155~~ 53. 215

1946 " וואסער לייטישער ייד וועט זיך שלאגן מיטן ווייב?
דערפאר אבער שלאגט ער זיך מיט דער דעה". 196
פאלקסוויץ, ציט ב.י. ראזען, פער 90, נ' VI, 3 - 6, ז' 52.

שוו: ווער ס'האט די מאה, האט די דעה - ווער ס'איז רייך, דער האט אויטאריטעט, מאכט, השפעה.

אז מ'האט די מטבע, האט מען די דעה - דזוו דפוו.

דער בעל=המאה איז דער בעל=הדעה - דזוו דפוו.

ווען גאט גיט מאות גיט ער אויך דעות - דזוו דפוו.

אז מע גיט ניט קיין נדן, זאגט מען קיין דעה ניט אויפן שידוך - אן ארעמאן מוז אננעמען אלץ פאר ליב.

א גרויע פאה און א נארישע דעה - ניט שטענדיק איז אן אלטער מענטש קלוג (קליגער פאר יינגערע).

שיינע בארד און פאות און ווייניק דעות - דזוו דפוו.

די צייט מאכט גרא די פאה און בייט די דעה.

ווייבער זענען גרינג אויף דער דעה.

האט מען ברויט איז מען גרינג אויף דער דעה.

□ דעה

1. ←----

1595 " ווען מן ארום דעות זאגט דא זאל מן איטליכן
239 לאזין זין דעה אויז זאגין |...|". תקנות פון קראקעווער קהילה.

1676 " |...| שפריכט רבי מאיר דיא דעות זיין ניט
231 גלייך אן לייטן |...|". ברנט שפיגל, פרק יד.

1739 " |...| אונ׳ צו דישפוטירן מיט אליר הנד דעות
360 אין איינר זאך |...|". ס׳ מבחר הפנינים, דף ח.

2. <----

1610 " איך בין בייא אים גילעגן אין קליידר

191 אבר זיין דעה איז ניט גיוועזן צו עפש אנדרש".

טייטש=חומש(מדרש), ויקרא, טו - יט.

5. מצב=רוח, געמיט.

1610 " מיר גיפינדן אים תלמוד דאז, ער |יוסף| אים

192 שיקט אלטן וויין דאז דיא דעה פון דעם אלטן |יעקבן|

איז זענפטיג דר פון". טייטש=חומש(רשי), בראשית, מה - כג.

7. אין קיין דעה - בשום אופן.

1676 " מילכיגש אונ' ליישיג טאר מן אין קיין דעה

192/1 גיטרויאן |א גוישער דינסט| זיא האלטן עד פויר

גישפויט דש אסור איז |...|". ברנט שפיגל, פרק יח.

1723 " גמיינגליך וועך בקומט פיל מאות, קומט אים אלירלייא

359 וואונדרליכי דעות". שמחת הנפש, דף ג.

ד ע ה ו מ אַ נ י ז אַ צ י ע - די, בא. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעהומאַניזירן.

1953 " |...| עפּרויקין ווייזט אויף, אַז דער דייטשער

387 עקספּערימענט פֿון דעהומאַניזאַציע האָט זיך איינגעגעבן".

מ. דוואַרזשעצקי, פּער 38, נ׳ 20, ז׳ 207.

1966 " ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די תקופֿה פֿון ׳קונסט פֿאַר

278 קונסט׳ (נישט פֿאַרן מענטש). ביי באַדלעער האָט זיך

אָנגעהויבן די דעפּערסאָנאַליזאַציע, |...| וועלכע איז ביי

רמבאָ דערגאַנגען צו דעהומאַניזאַציע". י. האָפּער, פּער 169,

מײַ-יוני.

88 דע־

דעהומאניזירן - טרון. גורם זײַן דאָס פֿארלירן
די אײגנשאַפֿטן פֿון אַ קולטורעלן מענטשן.

% דער נאַציזם האָט דעהומאניזירט דאָס דײַטשע פֿאָלק.

(?נ?) ד ע ה י ד ר אָ ג ע נ י ז י ר ן - טרוו. (כעמיע)

באַזייטיקן, אַרויסציִען דעם וואַסערשטאָף (הידראָגען).

|| דעהידראָגעניזאַציע - די, בא. אַקט אָדער רעזולטאַט

פֿון דעהידראָגעניזירן.

ד ע ה י ד ר י ר ן - טרוו. אָפּרייניקן פֿון וואַסער, אַרויסציִען דאָס וואַסער.

|| דעהידראַטאַציִע/דעהידראַציִע - אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעהידרירן.

1964 " |...| בעסער ווי דער אָרגאַניזם זאָל אויסטריקענען. דעהידראַציִע, אַנטוואַסערונג, איז דאָך איינע פֿון די ערגסטע סכנות". א. בלוישטיין, פֿער 69,X/12. 292

ד ע ה ע - די, =ס |ליפשיץ 1|. דזוו דוהע.

(?נ?) ד ע ה ע ב ר ע י ז א צ י ע - די, בא. (נש) דאס

אויסמיידן העברעיִשע ווערטער ביים שרייבן/רעדן יידיש.

1938 " אמווינציקסטן איבערצייגעוודיק איז, ווען די

304 חסידים פון 'דעהעברעיזאציע' טרעטן אויף ווי פארזארגער

|...|". נ. פריצוקי, פער 92, נ' 3.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש - צו א קנאפער קאנטעקסט.

ד ע ו ו אָ ט - דער, =ן. פֿרומאַק, כּלומרשט פֿרומער מענטש.

|| דעוואַטקע - די, =ס. 1. ווע צו דעוואַט.

2. |לאַקל, פֿאַלאַנגע| אַ נאַנע, אַ מאַנאַשקע |מ. מארק, פֿער 90, X-1|. 309

פּפּ: פֿרום ווי אַ דעוואַטקע.

איבעריק ווי ביי אַ דעוואַטקע דער בוזעם.

ד ע וו אַ ל ו אַ צ י ע - די, =ס. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעוואַלויִרן.

1961 "די באַנק איז געשטערט געוואָרן אין איר טעטיקייט דורך דער דעוואַלואַציע פֿון מאַרק". ש. וואַרקאַוויצקי, 316

יזב 13, 230.

(?נ?) ד ע וו א ל וו א צ י ע - ----> דעוואלואציע.

(?ב?) ד ע וו א ל וו י ר ן - ----> דעוואלוירן.

97 -דע

ד ע וו <u>א</u> ל ו ? ר ן - <u>טרוו</u>. אראפנידערן, פֿארמינערן דעם .

ווערט (ס'רוב וועגן ווערט פֿון געלט).

ד ע וו אַ ן - דער, בא. (גואל) פּעריאָד אין דער געאָלאָגישער אַנטוויקלונג פֿון דער ערד, פֿאַררעכנט צו דעם עלטערן טייל פֿון דער פּאַלעאָזאָישער ערע.

|| דעוואָניש - אַדי. שייכדיק צו דעוואָן. % דעוואָנישער פּעריאָד.

ד ע וו י א צ י ע - די, =ס. אפווייכונג.

1959 " איצט, אַז מען וועט דעם איינהײטלעכן אויסלייג

328 מער פּאָפּולאַריזירן |...|, וועלן זײַן ווינציקער דעוויאַציעס".

מ. ווײַנרײַך, פּער 90, נ"XIX - 2.

ד ע ו ו י ז I - דער, =ן. 1. פירנדיקער געדאנק,אויסגעדריקט
אין עטלעכע ווערטער, אין א קורץ געפאסטן זאץ; רוף,לאזונג.
% זיין דעוויז איז לעבן איז: "תמיד גיי פארויס!".

1886 " אויסצודינגען ביי איינעם א קלייט אדער ארייצושטייגן
329 יענעם אין א טארג, זענען זיי די ערשטע, ווייל זייער
דעוויז (שפרוך) איז |...| יענעם נישט לאזן לעבן,
אבי זיי זאלן לעבן". א. בוכבינדער, פער 74,נ׳2,ז׳21.

1914 " דער דעוויז פון אונדזער צייטונג איז: 'דאס וואלזיין
336 פונעם פאלק". שלום=עליכם, 12, 31.

1927 " דער דעוויז 'וואס ערגער אלץ בעסער' איז ביי
330 אים געווען קלאר, ווי צוויי מאל צוויי איז פיר".
י.י. זינגער, 158,4.

1972 " זיין דעוויז איז געווען: קריכן איבער אנדערע, כדי
344 זיך אליין צו האלטן אין דער הויך". ראזענפארב,2,593.

ד ע װ י ז !! - דער, =ן. (ס׳רוב אין מצ) אויסלענדיש געלט אָדער אַנדערע װערטפּאַפּירן געניצטע אין אינטערנאַציאַלן מיסחר; אויסלענדישע װאַלוטע.

1970 " מיר נייטיקן זיך אין פּרעמדע דעװיזן".

זוהר, 1, 115. 343

ד ע וו י ז ק ע – די, =ס. אַ קייטל בײַ אַ זייגער פֿון אַ וועסטל=קעשענע. % דעם חתן האָט מען געשענקט אַ גאָלדענעם זילבער מיט אַ דעוויזקע.

P: devizka

1974 " ער האָט זיך געקליידט ייִדישלעך: |...| סטוטשקאָווע הויזן, אַ ריפּסענע וועסט מיט אַ זילבערנער דעוויזקע אין דער ברייט". יזב 17, 159. 349

ד ע וו ע ר ן - טרוו. "דזוו איבערדעווערן, בייקומען"
|קטוו|. 354

רעד: "איבערדעווערן" האב איך אפּט געהערט:
ער האט איבערבעדעווערט די קרענק", אבער ניט
"דעווערן", אגב, אין גווב איז ניטא אויך
"איבערדעווערן"!

דעז =... - פּרעפֿיקס בײַ ווערבן=אינטערנאַציאָנאַליזמען און זייערע דעריוואַטן, גיט צו דעם גרונטווערב דעם באַטײַט פֿון אָוועקנעמונג, באַזײַטיקונג, קעגנשטעלונג, למשל, דעזאָרגאַניזירן, דעאינפֿאָרמירן, דעזינפֿעקציע.

ד ע ז אָ ד אָ ר אַ צ י ע - <u>די, בא.</u> אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעזאָדאָרירן.

ד ע ז א ד א ר י ר ן - **טרוו.** באזייטיקן א שלעכטן ריח מיט כעמישע מיטלען.

ד ע ז אַ ו ו ו׳ י ר ן - טרוו. דערקלערן פֿאַר אומגילטיק

די פֿולמאַכטן, וואָס מע האָט עמעצן געגעבן, אָדער

בכלל אָפּלייקענען, אַז יענער האָט פֿולמאַכטן.

ד ע ז א י נ ט ע ג ר א צ י ע - די, בא. אקט אדער רעזולטאט פון דעזאינטעגרירן (זיך).

|1944?| " |...| העלפן איבערקערן די טענדענץ פון דעזאינטעגראציע אין דעם אמעריקאנער יידישן לעבן". 367

פער 94, נ' XXVI, ז' 187.

ד ע ז א י ̈ נ ט ע ג ר י ר ן - טרוו. פונאנדערטיילן/

פונאנדערנעמען א גאנצקייט אויף באזונדערע באשטאנדטיילן.

1970 "מ׳זאל די שטיינער איך זייערע פארבן |...|

אַרויסזען און נישט זיי זאַלן זיך דעזאינטעגרירן 368

נישט צו שטויב ווערן". זוהר, 1, 197.

|| דעזאינטעגראַטאָר - דער, =ן. (טעכט) מאַשין צו

צעקלאַפּן/צעדריבלען געוויסע מאַטעריאַלן, ווי קוילן,

ליים, אד"גל.

ד ע ז א י נ ס ע ק ט י ר ן – טרוו. עלימינירן אינסעקטן, אומברענגען אינסעקטן (פֿון הייזער, בגדים).

|| דעזאינסעקטאָר – דער, =ן. 1. אַפּאַראַט/אָדער פּרעפּאַראַט צו דעזאינסעקטירן.

1931 " ס'מוז איינגעפֿירט ווערן בעדער מיט דעזאינסעקטאָרן, 366
ד"ה קאַמערן, וואָס פֿאַרניכטן די אינסעקטן".
פֿער 151, נ' 23.

ד ע ז א י נ ס ע ק צ י ע – די, בא. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעזאינסעקטירן.

1927 " די שולקינדער און בכלל מענטשן |...| דאַרפֿן כאַטש איין מאָל אין וואָך /גײן/ אין באָד און אויך אָפּגעבן 403
זייערע קליידער אין דער דעזאינסעקציע=קאַמער (וואָס טייט די אינסעקטן)". פער 151, נ' 11 - 12.

ד ע ז א י נ פֿ אָ ר מ אַ צ י ע – די, בא. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון דעזאינפֿאָרמירן.

113 דע-

ד ע ז א י נ פֿ אָ ר מ י ר ן - טרוו. געבן פֿאַלשע

אינפֿאָרמאַציע, אַריינפֿירן אין אַ טעות.

ד ע ז א י נ פ ע ק צ י ע – די, =ס. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון דעזאינפֿעקצירן.

1923 " |...| די בגדים, די קאַלדרע דאַרפֿן אָפּגעשיקט ווערן
415 אין דעזאינפֿעקציע=קאַמער". פֿער 151, נ׳ 11.

1954 " אין וווינונג פֿון קראַנקן מוז מען דורכפֿירן א
412 שוועבלגאַזיקע דעזאינפֿעקציע". יזב 10, 611.

ד ע ז א י נ פֿ ע ק צ י ר ן – טרוו, פֿפֿ דעזאינפֿעקטירן/ דעזאינפֿיצירן. באַזייטיקן, עלימינירן, אומשעדלעך מאַכן די אָרגאַניזמען, וואָס רופֿן אַרויס אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן.

1908 " אַלע זאַכן און מענטשן, וואָס קומען אין נאָענטער
באַרירונג מיט דער קימפּעטאָרין, מוזן |...| דעזאינפֿעקצירט 407/1
ווערן, |...| דאָס פֿאַרהיט פֿון דער געפֿערלעכער קראַנקייט
'קימפּעט=היץ'". איבז אַנ, עצות פֿאַר דעם פֿרויען לעבן, ז' 28.

1923 " |...| אויב ווער עס האָט אַ פֿאַרקער גאָר אָן אַ
קאַנדאָם, מוז תיכף נאָכן אַקט זייער שטרענג דעזאינפֿעקצירן 416
זײַנע געשלעכטס=אָרגאַנען". פֿער 151, נ' 8 - 7.

1968 "ביים אנפאנג פון לאגער=טערמין האבן די לאגעריסטן
417 געהאט דאס רעכט צו גיין אין געטא |...| און באדאנשטאלט
פון יודנראט זיך צו באדן און דעזאינפעקצירן די קליידער".
ב. ארנשטיין, יזב 2, 821.

|| דעזאינפעקטאנט - דער, =ן. פרעפאראט, מיטל צו
דעזינפעקצירן.

דעזאינפעקטאר - דער, =ן. דער מענטש וואס דעזאינפעקצירט.

(?נ?) ד ע ז אַ נ ע ק ט י ר ן – טררו. אָפּגעבן, באַפֿרײַען אַן אַנעקטירטע טעריטאָריע.

1935 " |...| מיר מעגן אַפֿילו בײַ דער ביאַלאָגישער ירושה דעזאַנעקטירן אַ שטיק טעריטאָריע". מ. ווײַנרײַך, 30,3. 370

ד ע ז אָ ק ס י ג ע נ אַ צ י ע - <u>די,בא.</u> אַקט אָדער רעזולטאַט

פון דעזאָקסיגענירן.

(?נ?) ד ע ז אַ ק ס י ג ע נ י ר ן - טרוו. (כעמיע) אַרויסציִען,
עלימינירן דעם זויערשטאָף.

ד ע ז אָ ק ס י ד אַ צ י ע – די, בא. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון דעזאָקסידירן.

121 דע-

(?נ?) ד ע ז אַ ק ס י ד י ר ן - טרוו. (בעמיע)אַרויסציִען, עלימינירין דעם אַקסיד (זייערס).

דעזאָרגאַניזאַציע — די, בא. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעזאָרגאַניזירן; אומאָרדענונג, כאַאָס, תּוהו-ובֿוהו, צעטומלעניש.

ד ע ז א ר ג א נ י ז י ר ן - טרוו. מאכן אן אומארדענונג,
צעשטערן דעם סדר פון זאכן, ארייַנפירן א כאאס, א תוהו-ובוהו.

1947 "די סאוועטישע מאכט האט געטאן א גוטע און קלוגע
זאך מיט דעם וואס זי האט באשלאסן דעם דאזיקן דע 375
דעזארגאניזירטן אומגליקלעכן עלעמענט ארויסצולאזן".
סעגאלאוויטש, 11, 180.

1968 " דאס טוישן די ארמייען |...| האט דעזארגאניזירט
די טעטיקייט פונעם וועד |...|". י. זלאטקאווסקי, 370
יזב 2, 698.

|| דעזארגאניזאטאר - דער, =ן. דער וואס דעזארגאניזירט.

1929 " |...| א שעדלעכער דעזארגאניזאטאר". מ. ראוויטש,37,2. 372

א' 123

ד ע ז א ר י ע נ ט א צ י ע - די, בא. אקט אדער רעזולטאט

פון דעזאריענטירן (זיך).

1973 " די נאַיווקייט און דעזאריענטאציע פון איין טייל

ייִדן און דעם פאטאליזם פון א צווייטן טייל, און

אויך |...| דער געפיל פון פאמיליע=צוגעבונדקייט

|...| זענען געווען די סיבות פון דער זעלבסטקייט

פון מעגלעכן אינדיווידועלן אנטלויפן". פער 701,139.

ד ע ז אַ ר י ע נ ט י ר ן – טרוו. אַרײַנברענגען אין

אַ טעות, אַראָפּפֿירן פֿון ריכטיקן וועג, צעטומלען.

1937 " |...| אַט די גרופּע, בראַש מיט די שונאים |...|

האָבן זיך געסטאַרעט צו דעזאַריענטירן דעם ליטעראַטור- 383

פּראָצעס |...|". פער, 156א, נ' 4.

1970 " כּדי צו פֿאַרמאַסקירן דעם כאַראַקטער פֿון אונדזער

גרופּע און דעזאַריענטירן דעם בלוטיקן שונא, זענען מיר 388

געפֿאָרן מיט גויים |...|". ל. וונדה, יזב 7, 294.

|| דעזאַריענטירן זיך – ווערן דעזאַריענטירט.

(?נ?) ד ע ז י ג נ א צ י ע - ----> דעסיגנאציע.

-דע

א' 125

ד ע ז י ג נ י ר ן - ---- דעסיגנירן. (?נ?)

ד ע ז י ד ע ר א ט - דער, =ן. פאָדערונג, פאַרלאַנג, (?נ?)
ווונטש.

P: dezyderat > L: desiratus (de)

1928 " די צענטראַלע האט דערלאַנגט דעם מיניסטעריום |...|
א גרעסערן מעמאָריאַל |...| מיט אַלע דעזידעראַטן מצד 391
דעם 'טאז'". פּער 71, !!!/20.

127 דע-

(?נ?) ד ע ז ײַ ן - דער, =ען. (אמ, נא) צייכענונג, מאָדעל, פּראָיעקט.

(?נ?) ד ע ז יי נ ע ן – טרוו. (אמ, נא) צייכענען, מאדעלירן, פּראיעקטירן.

ד ע ז ײַ נ ע ר - דער, =ס, ווע דעזייַנערקע. (אַמ)
צייכנער(קע), מאָדעלירער(קע) פֿון קליידער; מאָדיסט(קע).

1916 " |...| אַ דעזיינער פֿאַרדינט פֿופֿציק טאָלער אַ וואָך".
397 שלום=עליכם, 8ב, 108.

1927 " דער דעזיינער, דער צושניידער, עסן זיך אָן אַ סך
396 מער אין דער |...| פֿאַבריק |...|". ווינטשעווסקי, 164,4.

1957 " אין דעם קליינעם צימער |...| האָט געאַרבעט די
דעזיינערקע". מאַלאַדאַווסקי, 2, 106.

דע־ 129 א'

ד ע ז י נ ט ע ג ר א צ י ע  -  ------> דעזאינטעגראציע.

דע-

ד ע ז י נ ט ע ג ר י ר ן - ----> דעזאינטעגרירן.

ד ע ז י נ פ ע ק ט י ר ן – ----> <u>דעזאינפעקטירן</u>.

ד ע ז י נ פ ע ק צ י ע - <----- <u>דעזאינפעקציע</u>.

ד ע ז ע נ ט ע ר י ע - ----> דיזענטעריע.

ד ע ז ע ר ט א ר - ----> דעזערטיר.

ד ע ז ע ר ט י ר – דער, =ן, פּפּ (פּטמ) דעזערטירער.

~~פּפּ (פּטמ) דעזערטירער.~~ .1 מיליטער=מאַן, וואָס פֿאַרלאָזט אייגנווייליק זײַן מיליטער=טייל, די מיליטער=דינסט, אויך דער וואָס דרייט זיך אויס פֿון אַבליגאַטאָרישן מיליטער=דינסט.

1968 "די פּוילישע ראַדיאָ האָט אומאויפֿהערלעך |...| אַלע פֿאַרבאַטן אַלע מענער, וואָס זענען ביז איצט נישט מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, זאָלן פֿאַרלאָזן וואַרשע, אַנדערש וועלן זיי געשטעמפּלט ווערן אַלס דעזערטירן". 424

י. פּערעל, יזב 2, 866.

.2 (פֿיג, פֿעיא) וועגן איינעם, וואָס פֿאַרלאָזט אַ קעמפֿנדיקע מחנה, אַ פּאַרטיי, אַן אידעע (אַזוי גערופֿן דורך זײַנע געוועזענע חברים, מיטקעמפֿער)..

136 דע-

1909 " טו אויס דײַן קרויץ פון זעלבסט=רעגירער//

דו אומגעשיקטער דעזערטירער". יהואש, ליד " 435

" די נײַע געטער".

דעזערטירן - אוטוו. 1. פאַרלאָזן אייגנווייליק די מיליטער=איינהייט, די מיליטער=דינסט, אויך דאָס נישט צושטעלן זיך צום אָבליגאַטאָרישן מיליטער=דינסט.

1900 " |...| ער האָט געדעזערטירט |טעקסט:גידעזענטירט|, האָט ער געקריגן קלעפּ, נאָך דעם האָט ער ווידער גידעזערטירט, האָט מען אים געפירט צו איינער אַל". 3, ז, ד, 427

1968 " מ. אײַזנשטאַרק האָט דעזערטירט פֿון דער פּוילישער אַרמיי |...| מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס געווער, גרייט צום קאַמף פֿאַר בעסערע צײַטן". י. זלאַטקאָווסקי, יזב 2, 699. 433

2. (פֿעיאַ) פֿאַרלאָזן אַ מאַבה, אַ באַוועגונג אין מיטן קאַמף, ווערן אַן אַפּטריניקער פֿון אַן אידעע.

1938 " |...| דאס איז נישט קיין באַרעכטיקונג צו
432 דעזערטירן פון שלאַכטפעלד". י.י. זינגער, 7, 254.

1958 " |...| ער האָט - א ביסל צו שפּעט - דעזערטירט
429 פֿון פּרץ-פּראַנט, פֿון דעם פּראַנט, וואס די סאָוועטישע
ליטעראַטור האָט שוין לאַנג ליקווידירט". ניגער, 8, 317.

139 -דע

ד ע ז ע ר ט י ר ע ו ו ע ן - אוטוו. (פּסמ) דזוו דעזערטירן.

1947 " פֿאַר דעזערטירעוועץ פֿון אַטריאַד קומט שיסן".

דאַבין, 1, 138.

434

140 -דע

ד ע ז ע ר צ י ע – די, =ס. אקט פון דעזערטירן.

ד ע ז ש ו ר  –  דער, =ן, פּפּ דיזשור. חוב צו טאָן א
(אָן ארקעט)
געוויסע צייט אָדער צו היטן, אכטונג צו געבן אויף
עפּעס, לויט אַן איינגעשטעלטער פאַרטיילונג, לויט א
באַשטימטן סדר, ריי, אויך דער צייטאָפּשניט וואָס איז דערויף
באַשטימט. % דער מאַטראָס שטייט אויף דעזשור פיר שעה.
די תּלמידים האָבן איינגעשטעלט דעזשורן אויף די
הפסקות צו רייניקן דעם קלאַסצימער.

1932 " איך בין היינט אויף דעזשור... ניטאָ זיך ווי
אהינצוטאָן". ברעגמאַן, 1א, 98.

(דער וואָס האַלט דיזשור)
|| דעזשוראַנט – דער, =ן. ~~דזוּר דפּוּר~~ |430,600 סטוטש|.

דעזשורסטווע – די, =ס. דזוּר דיזשור.

1932 " |...| ער האָט ווידער אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען,
ניט פּאָלגן די לערער, ניט אויספּילן די דעזשורסטוועס". 451
סיטאַ, 2, 72.

דעזשורער - דער, דזוו דעזשורנע, ב׳ 2.

143 דע-

ד ע ז ש ו ר י ר ן – אוטוו, פּפּ דיזשורירן, דעזשורען/

דעזשורעווען. אויספירן אַ דיזשור. % דער וועכטער

דעזשורירט היינט ביי נאַכט.

1926 " אנהייבנדיק פון 20סטן טאָג איז גלייך צו דעזשורען

555 נאָך אַנאַנד לעם די אייער". יאַכינסאָן, 2, 258.

1967 " איך קיך ביי איר דעזשורעווען צוויי קישקעס

453 ווו.רשט |...|". קאַרפּינאָוויטש, 1.

**דעזשורנע** — פּפּ דיזשורנער. 1. אדי. וואָס
איז זײַן רײ צו דעזשורירן. % ער איז הײַנט דער
דעזשורנע משגיח אין קלאַס.

1866 " האָט דער קעניג |...| געזאָגט דעם דעזשורע
446 אַדיוטאַנט |...|". פּער 177, נ' 31, ז' 490.

2. דער, =ס. דער וואָס פירט אויס אַ דעזשור, וואָס זײַן
רײ איז צו דעזשורירן.

בעל=הביתים
1866 " טייל ~~באַלעבאַטים~~ האָט מען געמאַכט פאַר אויפזעער
445 |...| און פאַר דעזשורנעס אין שפּיטאָל". פּער 177,נ'10,ז'149.

1888 " אשמדאי האָט אַ ווונק געגעבן, לוציפער זאָל בײַ
דעם דעזשורנע צונעמען די דעפּעשן און לייענען".
מענדעלע, 2, קאַנק 784340.

1926 " לאנגעוויטש האט לייכט געעפנט די טיר פון זיין
441 צימער - געקוקט צי דער שטאב שלאפט שוין... דער
'דעזשורנע' וואס האט געדארפט וואך זיין, איז געזעסן
ביים אריינגאנג |...|". אפאטאשו, 3, 185.

1934 " דער דעזשורנער האט באדארפט קומען אין גארקיך
449 |...| און צוזאמען מיט דער באלעבאסטע גיין אין מארק
איינקויפן פראדוקטן |...|". זעליקסאן, 1, 11.

1956 " עס האט אים דער דעזשורנער זאם דערקענט |...|".
447 מארקיש, 10, 198.

ד ע ז ש מ ע וו ע ן – טרוו. (עלט) נעמען מעשׂר |ליפֿשיץ 1|.

רעד: ליפֿשיץ טײַטשט עס פֿון רוסישן одесятствовать
אין רוסיש שוין לאַנג פֿאַרעלטערט.

(?נ?) ד ע ז ש ק ע - ---> **דעזשע/דייזשקע**.

ד ע ט א́ י ל - -----⟵ דעטאל.

דעטאַל |ווײַכער ל| – דער, =ן. 1. פּרט, אײנצלהײט.

% דערצײלן מיט אַלע דעטאַלן.

1868 "|...| דאָס איז אַלץ – צעטאַל=פּריווילעגיען, אַנגראַ

471 זעט מען נאָך דערווײַל גאָרניט". פּער 177, נ׳ 46, ז׳ 341.

1923 "נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף די דעטאַלן פֿון דעם

471/1 געזעץ, |...| װעלן מיר דאָ נאָר טיפֿער אַנאַליזירן די זײַט

פֿון געזעץ, װעלכע איז פֿאַר אונדז אַמוויכטיקסטן".

גוטנבוים, 1, 39.

1935 "|...| דאָס װאָס מיך װוּנדערט אין מײַן פּאַסירונג,

464 איז אַ דעטאַל, װאָס כ׳האָב פֿאַרגעסן אײַך צו דערצײלן".

מ. אַלטמאַן, 2, 155.

1956 "מיט לײַב זיך אַנגעטאָן האָט יעדער פּונקט פֿון פֿלאַך

473 און אױפֿגעלעבט אים אַ יעטװעדער דעטאַל האָט".

מאַרקיש, 10, 178.

2. (ספּעצ) באַזונדערע טיילן פֿון אַ מאַשין, אײַנריכטונג.

% געוויסע דעטאַלן פֿאַר דעם אויטאָ זײַנען שווער צו קריגן.

|| דעטאַליסט – דער, =ן. דער וואָס פֿאַרקויפֿט סחורות

אין דעטאַל, ניט אין הורט.

דעטאַלנע – אַדי. פּרטימדיק, געַנוי.

1936 " |...| דער שרײַבער, וואָס האָט |...| געצייכנט

זייער פֿאַכמעניש און דעטאַלנע בלײַפֿעדער=ליניעס |...|". 493

נאַדיר, 10, 135.

דעטאַלקייט – פּרטימדיקייט, גענויקייט |מאַרק ווב 655|. (?נ?)

0 דעטאַל=געשעפֿט – דאָס, =ן. אַ קראָם וווּ מע פֿאַרקויפֿט

אין דעטאַל, ניט אין הורט.

1967 " אין דער פועלי=ציון=ארגאניזאציע האבן זיך אנגעשלאסן א סך משרתים (אנגעשטעלטע), וואס האבן געארבעט אין דעטאל=געשעפטן". צ. לעדער, יזב 21, 434. 508

דעטאל=קראם - די, =ען. דזוו דפוו.

דעטאל=האנדל - דער, בא. דאס פארקויפן אין דעטאל, ניט אין הורט.

1951 " די ייִדן |אין קאוונע| האבן געהאט די אייבערהאנט אין מיסחר, |...| אין דעטאל=האנדל". ל. סאווידזש, פער 106, 1175. 477

דעטאל=הענדלער - דער, =ס/מצ דז. קרעמער וואס פארקויפט אין דעטאל, ניט אין הורט.

איך דעטאל - אדוו פר. אין קליינע סכומים, לאחדים, ניט אין הורט (וועגן פארקויפן סחורות).

1923 " |...| אַפּטישע סחורות, אַנגראַ, אין דעטאַל,

470 צו מעסיקע פּרייזן". פּער 151, נ׳ 1.

1961 " די ייִדן אין |געווען| דערלויבט צו פּירן האַנדל,

465 |...| צו פֿאַרקויפֿן אין דעטאַל, ווי ס׳איז דערלויבט

אַלע ייִדן, וואָס וווינען אין פּוילן". נ.געלבער,

יזב 13, 53.

ד ע ט אַ ל י ז אָ צ י ע - די, בא. אַקט פֿון דעטאַליזירן.

ד ע ט אַ ל י ז י ר ן - טרוו. דערציילן (איבערגעבן, אויסרעכענען) מיט (אַלע) דעטאַלן (פּרטים), גענוי, מיט (אַלע) איינצלהייטן.

1951 " די גראַדנער פּריווילעגיע אָבער איז אין דעם פּרט נאָך מער דעטאַליזירט |...|". מ.ווישניצער, פּער 106, 56.

1951 " מיר פֿאַרמאָגן פֿון ערבֿ דער צווייטער וועלט=מלחמה זייער אַ גוטן און גענוג דעטאַליזירטן מאַטעריאַל וועגן דער ייִדישער מלאכה אין ליטע". י.לעשטשינסקי, דצוו, ז' 909. 486

(?נ?) דעטאלירן ← — דזוו דעטאליזירן.

1922 " |...| אנדערע פאלן, וואס זיינען ניט דערמאנט אין דעם 489 דעטאלירטן פאל |...|". איבז זאלקינד, 4, פרק [?] 43 [?]. אמנזל נערם

|| דעטאלירטקייט — די, בא. פרטימדיקייט, גענויקייט.

1943 " |די פונקטן| זיינען שטענדיק קורץ און ווייניק זאגנדיק, ניט געקוקט אויף דער כלומרשטער דעטאלירטקייט פון דעם פראגראם". י. מארק, פער 176.

ד ע ט אַ נ אַ ט אָ ר – דער, =ן. 1. אויפֿרײַסשטאָף, וואָס ווערט גענוצט אַרויסצורופֿן אַ דעטאָנאַציע פֿון אַן אַנדער אויפֿרײַסשטאָף.

2. קאַפּסול=צינדער, וואָס ווערט גענוצט צו באַקומען אַן אויפֿרײַס.

דעטאַנאַציע – די, =ס. 1. מאָמענטאַלע פֿאַרוואַנדלונג פֿון אַן אויפֿרייסשטאָף אין גאַז, באַגלייט מיט אַ שטאַרקן פֿלאַם און רויש; אויפֿרייס.

2. (טעכט) צו גיכער, אומרעגולערער אויסברען פֿון ברענשטאָף אין אַ מאָטאָר פֿון אינעווייניקסטער פֿאַרברענונג.

1947 " אַ גערויש פֿון עראָפּלאַנען רייסט איבער דעם שלאָף, עטלעכע מינוט שפּעטער הערט זיך אַ שטאַרקע דעטאַנאַציע". 496

ל. יוריסטאָ, יזב 8, 230.

1973 " פֿון דער דעטאַנאַציע איז די גרוב איינגעפֿאַלן און כ'בין געבליבן אַ פֿאַרשאָטענער ביזן האַלבן קערפּער". 499

פֿרייבערג, 1, 48.

דעטאָנאַציע !! — אַקט פֿון דעטאָנירן !!.

1972 „די דעקאָראַציעס און דער אָרקעסטער האָבן אַ ביסל אונטערגעהוּנקען און דער כאָר האָט דעטאָנירט״. 502

פֿאָלאָווער, 1, 34.

ד ע ט א נ י ר ן I - טרוו. דורכפירן א דעטאנאציע(I,ב'1); אויפרייסן.

ד ע ט אָ נ י ר ן !! – (מוזיק) אָפּנייגן פֿון ריכטיקן טאָן (אַרויף אָדער אַראָפּ) *ביַים זינגען אָדער שפּילן.

(?נ?) ד ע ט אַ ש י ר ן - טרוו. אַפּטײַלן, אָפּזונדערן.

504 1958 " בײַ דער גאַנצער פּערפֿעקטער שײנקײט זײערער, זענען זײ װי עפּעס צו אָביעקטיװ, דעטאַשירט - אָפּגעזונדערט". לעיעלעס, 8, 306.

□ דעטאַשירן.

505 1734 " האפנדליך דיא הערצליכה גונשט פור די װעהרטי פור ציהן װערט, איזט נור דעטאַשירט װאַרדן אום צו נאַטיפיסירן דאש איך בין |...| זײנה אלר גטרײאשטה |...| פּרײנדן". לשון זהב, דף 11.

רעד: דער טעקסט דאָ איז, זעט אױס, "פּור דײַטש" מיט פֿראַנצױזישע װערטער אַרײַנגעבראַקט).

ד ע ט ע ק ט אָ ר - דער, =ן. (טעכט, ראַדאָ) אַפּאַראַט

צו פֿאַרוואַנדלען די וואַקלונגען פֿון הויכער אָפּטקייט

אין וואַקלונגען פון נידעריקער אָפּטקייט, וואָס מע קאָן

זיי אויפֿנעמען מיטן געהער.

דעטעקטיוו - דער, =ן. 1. געהיימער אַגענט
פֿון דער פּאָליציי.

1916 " אַ דעטעקטיוו האָט אַ פֿײַף געטאָן. עס איז אונטערגעלאָפֿן
516 אַ פּאָליסמאַן". רייזען, 10, 72.

|1931-1926| " אַלץ הייסט אַ ייִחוס. |...| איין פֿעטער
513 איז 'דעטעקטיוו', אַ צווייטער זיצט אין שער=הרחמים".
אָפּאַטאָשו, 6, 45.

1974 " ער איז אַ קאָמענדאַנט פֿון אַ פּאָרט און נישט אַ
515 דעטעקטיוו... ער האָט שטרענג באַפֿוילן, אַז די שיף
'סאַנטאַ ראָסאַ' מוז אַרויסגעלאָזט ווערן". עלבערג, 2, 346.

2. אַ פּריוואַט באַדונגענער מענטש, אויסצופֿאָרשן אַ פֿאַרברעכן
אָדער נאָכצושפּירן עמעצן.

ד ע ט ע ר מ י נ אַ ט - דער, =ן. (מאטעמ) באשטימער

סטוטש 54, גענויער בנב.

165 דע־

ד ע ט ע ר מ י נ אַ ט י ו ו - אַדי/אַדוו. באַשטימענדיק,

באַשליסנדיק, דעצידירנדיק.

ד ע ט ע ר מ י נ א צ י ע - די, בא. אקט פון דעטערמינירן.

522/1 1774 ם דעטערמינאציאן - בישטימונג". חנוך לנער, דף כא.

167 דע-

ד ע ט ע ר מ י נ י ז ם – דער, בא. פילאזאפישע שיטה,

וואס נעמט אן די אביעקטיווע באדינגטקייט און געזעצמעסיקייט

פון אלע דערשיינונגען אין דער נאטור און געזעלשאפט.

דעטערמיניסט – דער, =ן. אנהענגער פֿון דעטערמיניזם.

1950 "פֿון מײַן בוך 'אמונה און אפּיקורסות' |...| ווערט קלאָר מײַן שטאַנדפּונקט, אַז דער מענטשלעכער שׂכל קען זיך קיין עצה ניט געבן מיט אינדעטערמיניזם (בחירה חפֿשית) פּונקט ווי מיט דעטערמיניזם |...|".
ר. אגושעוויטש, פּער 166, VIII/18. 525

דעטערמיניסטיש – אדי/אדוו. לויט דער שיטה פֿון דעטערמיניזם.

1970 " |...| דער פֿרײַלערער אויסרוף |"כי טוב"| איז געווען אַן אַפֿירמאַציע, אַז די וועלט איז נישט קיין צופֿאַל און נישט קיין דעטערמיניסטישער אַנטוויקלונגס= פּראָצעס, נאָר אַן אַקט פֿון געטלעכן פֿרײַען ווילן". 526
וו. בורשטיין, פּער 9, פּסח-נומער, ז' 52.

ד ע ט ע ר מ י נ י ר ן - טרוו. באשטימען, פארויסבאשטימען.

1938 " באוועגונג און ענדערונג קענען דאך שוין זיין

געבונדענע, געצווונגענע, דעטערמינירטע! אבער כדי צו 531

דעטערמינירן מוז דאך שוין זיין עפעס וואס באשטימט".

קאראלניק, 1, 91.

1965 " |...| אויף ווי ווייט האט מענדעלע פערזענלעך

דעטערמינירט דעם אויפלעב און אויפשטייג פון דער 528

יידישער ליטעראטור?". מ. אסטור, פער 38, נ' 1, ז' 5.

דעטראַניזירן - טרוו. 1. אַראָפּוואַרפֿן פֿון טראָן, מאַכן אויס קיניג/קייסער.

2. (פֿיג) אַראָפּנעמען פֿון פּאָסטן, פֿון מעמד, צונעמען דעם טיטל.

|| דעטראַניזאַציע - די, בא. אַקט פֿון דעטראַניזירן.

ד ע ט ר א נ י ר ן - דזוו דעטראניזירן.

... "אביעקטיוויקייט |...| איז געשאפן געווארן,

ווען מענטשן האבן דעטראנירט דעם אלטן גאט מיט זיינע 534

עמאציעס". א. גאלאמב, פער 94, נ׳X, ז׳ 5.

ד ע = י ו ר ע - אדוו פר. יורידיש, געזעצלעך,

פאָרמעל(פאַרקערט פון "דע פאַקטאָ"). L: de jure

1970 " |...| זיי האָבן דאָך די ערשטע דע=יורע נעכטן

539 ערשט די מלוכה פון דעם זיך באַנייטן פאָלק אָנערקענט".

זוהר, 1, 80.

**ד ע יִ ז ם** — דער, בא. רעליגיעז=פֿילאָסאָפֿישע שטרעמונג, פֿאַרשפּרייט אין 17 - 18 י"ה, נעמט אָן די עקסיסטענץ פֿון גאָט בלויז ווי די אור=סיבה פֿון אוניווערס, אָבער פֿאַרלייקנט דאָס גלייבן אין גאָט ווי אַ פּערזאָן, און זיין אַרייַנמישונג אין לעבן פֿון דער נאַטור און געזעלשאַפֿט; צווישן די וויכטיקסטע באַגרינדער פֿון דעיִזם — לאָק, רוסאָ, וואָלטער.

1953 "קיין גרויסער חריף אין מעטאַפֿיזישע פּראָבלעמען איז ער |פֿוריע| זיכער ניט געווען, אָבער ער האָט געזוכט אַ וועג צוזאַמענצופֿאַרן סאָציאַליזם מיט דעם דעיִזם". 10

ח. גרינבערג, 1, 215.

(?נ?) ד ע י ז ש ע - -----> דייזשע.

(?ב?) ד ע י ז ש ק ע – דייזשע/דייזשקע.

ד ע י ל ע – די, =ס. (גלש) טיר |סטוטש 113|.

ד ע י ס ט - דער, =ן. אנהענגער פֿון דעיזם.

1951 " די משפּחה ראַדזיווילס זײַנען געווען ראַדיקאַלע

11 דעיִסטן |...|". י. שאצקי, פּער 106, 692.

|| דעיִסטיש - אַדי/אַדוו. לויט דער שיטה פֿון דעיִסטן.

ד ע יִ פֿ י צ י ר ן - <u>טרוו</u>. פֿאַרגעטערן, מאַכן/האַלטן פֿאַר אַ גאָט.

ד ע יִ פֿ י ק אַ צ י ע – <u>די,בא.</u> אַקט פֿון דעיִפֿיצירן.

ד ע ך – דער, בא. אָטעם (פּויל) *p: dech*

1973 " אַ בליק צו געבן צו דער אָרעמער, וואָס קוים

556 דער דעך האַלט זיך אין איר". י. אַקרוטני, פּער 9, ר"ה-נומער.

**אין איין דעך** – אין איין אָטעם, זייער גיך, מיט איין מאָל, אָן אָפּשטעל.

**ביז'ן לעצטן דעך** – אַזוי לאַנג ווי מע לעבט.

**לאָזן אַן אַ דעך** – 1. שטאַרק איבערראשן, 2. דערלאַנגען עמיצן אַ שטאַרקן קלאַפּ, אַז יענער זאָל בלייבן אָן כּוח.

**אָפּכאַפּן דעם דעך** – צוריק אָנהייבן אָטעמען נאָכמאָל (נאָך אַן אָנשטרענג, נאָך לויפן אד"גל).

**אַרויסיאָגן דעם דעך** – צווינגען עמעצן צו אַרבעטן זייער שווער און אָן איבעררייס.

|1931-1926| "מען יאגט פון אונדז דעם דער ארויס".

אפאטאשו, 295,10. 559

מורא האבן פאר עמעצנס דעך – שטארק מורא האבן פאר עמעצן.

1935 " |...| דאס ווייב, די שטילע, פרומע, פראסטע יידענע, וואס האט מורא פאר זיין דעך שוין א חשבון פון דרייסיק יאר". מ. אלטמאן, 2, 96.

(?נ?) ד ע כ ט ל = מ ע כ ט ל - דער, |מצ?|. (מערב=יידיש)

565 א מענטש א דרייער, א לופטמענטש |קטוו|.

דעכל - דאס, =ער. 1. ערשטע פּקפּ פון דאך, ב׳ 1.

1878 " און אין דו האסט שוין יא עפּעס משונה הויך |...|
574 פאררינסן דיין פאַרלאטעט דעכל, נו, האלט איך מיר מיין
דעכל דווקא אַראָפּגערוקט". מענדעלע, 16, 85.

1910 " דערנאך האט א שטראל א פארשמעטער די דעכלען
574/1 די נאסע |...| מיט גינגאלד באפליטערט". איינהארן, 1, 29.

1948 " אויף די פארשפּיצטע דעכלען פון די גאנקעס
574/2 האבן זיך געוויסט קאַפּיטולאַציע-פענדלעך".
פאלקמאן, 2, 534 |?|.

2. פּקפּ פון דאך, ב׳ 3.

1924 " מאכט דער פויגל, ווי מיין ברודער מעכל, // מיט א
576 פליגל איבער די אויגן א דעכל |...|". מ.ל.האלפּערן, 1, 16.

1948 " און טייך איז פארבליבן, און וויַיטקייט פון הימל, //
579 און ברונעם פארדעקט מיט א דעכל פון שימל". סעגאלאוויטש, 2, 70.

|| דעכלקע - |די?|, =ס. דזוו דעכל/דעכעלע.

1970 " אונטער א דעכלקע איבערן קאפ - // דארטווארטן באבע=זיידע דעם אייניקל אפ". איבז פאפערניקאוו, 1, 37. 582

דעכעלע - דאס, =ך. צווייטע קפקפ פון דאך.

ה גרויס ווי א פייג אונטערן דעכעלע - (שפאטיש) זייער קליין, ספעציעל וועגן א קליינעם פנים.

א פייג אונטערן דעכל/דעכעלע (וועסטו קריגן/האבן) - וועסט ניט קריגן/האבן גארנישט.

ד ע כ ע וו י ט ש נ ע - אַדי, פּפּ דעכאָוויטשנע, דיכאָוויטשנע.

(עלט) אַסטמאַטיש, מיט אַ שווערן, איבערגעהאַקטן אָטעם.

Ук: дихавичний

1867 " דערמאָנט איַיך נאָר, אין וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד

561 איר זענט אַהערגעקומען, דעכאָוויטשנע, אָן כּוח |...|".

אוז, פער 177, נ' 22, ז' 154.

1937 " עס האָט זיך מיט אַ טרוקענעם הוסט פֿאַרקייַכט

562 דעם אַלטנס דעכאָוויטשנע ברוסט". קאָרן, 3, 61.

1973 " געווען ייִדן, וואָס האָבן אַ לעבן=לאַנג געצויגן

583 דעם אָטעם ווי פֿון אַ פֿאָס אַרויס; געווען דעכעוויטשנע,

אָבער |...| געלויבט איז גאָט - מ'גייט אויף די אייגענע

פֿיס |...|". בלומענטאַל, 1, 51.

ד ע כ ע ן - אוטון. אָטעמען.

Uk: guxamu; P: dychać.

1883 " |...| האָבן זי קוים פון דר' ערד אויפֿגעהויבן, אַזוי

601 וויַטויט, קיין זען, קיין הערן, קיין רעדן, נאָר זי

האט נאָך אַ ביסל געדעכעט". אַנ, מעשה נורא מהצדיק

|...| מענדילי מרימינאוו, ז' 4.

1938 " |...| פֿאַרמאַטערטער זעצט ער זיך אַוועק אויף זײַן

604 אָרט, קוים וואָס ער דעכעט". מאַנגער, 2, 80.

1974 " |...| זי וועט נישט דערלאָזן, זי אַליין זאָל

592 זיך טרײַבן צו משוגעת, כל=זמן זי דעכעט נאָך".

עלבערג, 2, 306.

|| דעכעניש - דאָס, בא. דאָס אָטעמען (שווער), אַלע ב"ב.

1939 " אַרום דער בודקע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיל
דעכעניש, אַ כאַרכלען מיט העלדזער". פערלע, 3, 231. 608

דעכען און פּעכען – (רעג, מג) "האַלטן אין איין בלאָזן"
|קטוור|. "אַ גאַנצן טאָג האַלט ער אין איין דעכען און
פּעכען און לאָזט נישט אַרויס די ליולקע פֿון מויל" |קטוור|. 606

ד ע כ ע ר - מצ פון דאָך, אַלע ב"ב.

1896 " |...| אַנדערע |יינגלעך| שטייען גלאָט און האַלטן אין
611/1 די רויטע הענטלעך פלאַקנס איַיז, וועלכע זיי האָבן
אָפגעשלאָגן פון די דעכער". בינשטאָק, 1, 16.

1938 " פאַר מיין פענצטער, איבער דעכער,// טויכן וואַלקנס
611/2 ווי געמעכער". גראס, 1, 43.

1972 " דער שניי, וואָס איז אַ שמוציקער, טונקל גרויער
611/3 געלעגן אויף די דעכער, |...| וועט נאָך היינט אָנהייבן
זיך צו שמעלצן"; ראָזענפאַרב, 1, 139.

ם דעכיר.

1743 " די שטאָט לייט פון ירושלים דיא טרינקן רעגן
611/4 וואשר וואש דא רינט פון דיא דעכיר |...|". שארית ישראל,
דף נ"ו.

(?נ?) ד ע ל ו נ ד ו נ ג - |די?=ען?| זגאַל קאַץ |סטוטש 247|.

ד ע = ל ו ק ס – אדוו. פר. לוקסוסדיק, פון א לוקסוסדיקן מין. % דאס בוך איז פון א באַזונדערער דע=לוקס=אויסגאבע.

626 1931 " מיר זיינען ציגײַנער דע=לוקס". נאדיר, 5, 191.

625 1955 " |...| אויסגעפּוצט דע=לוקס". לייוויק, 11, 175.

ד ע ל ט א - די, ס=, פּפּ דעלטע. 1. נאמען פון פערטן
אות אין גריכישן אלפאבעט, האט די פארעם פון א דרייעק(Δ).

2. (געאגר) שטח מיט אנגעטראגענער ערד, געפינט זיך
צווישן די אפצווייגן פון א טייך ביי זיין לעפצונג.

1960 " משהן האט זי געפונען, אזוי ווי די געטין איזיס
האט געפונען איר זון הארוס, אין די זומפן פון דער 628
דעלטא". אש, צייט ניגער, 10, 301.

0 דעלטא=מעטאל - דער, בא. (טעכט) געשמעלץ קופער, צינק,
אייזן און אנדערע כעמישע שטאפן, צייכנט זיך אויס מיט
שטארקער הארטקייט און אויסציעוודיקייט,געניצט אין מאשינבוי.

1885 " אין דעם 'דעלטא=מעטאל' פארמישט זיך דאס אייזן אזוי שטארק מיט דעם קופער און צינק, אז עס פארלירט זיין חסרון – עס זשאווערט ניט אפילו אין א פייכטער לופט און ווערט ניט צוגעצויגן פון מאגנעט". פער 74, נ'13, ז'205. 628/1

<u>דעלטא=מוסקול</u> – <u>דער, =ן.</u> מוסקול, וואס דעקט צו דעם אקסל==געלענק, האט די פארעם פון א דרייעק.

<u>דעלטא=שטראלן</u> – <u>(פיזיק)</u> ס'רוב געמיינט די עלעקטראנען, וואס ווערן ארויסגעריסן פון אטאמען פון שטאפן, דורך וועלכע ס'גייען דורך שטראלן אלפא, בעטא, גאמא.

ד ע ל י ו ו ע ר ן - טרוו. (אמ) צושטעלן, ברענגען.

1910 "א פֿעדלער זוכט דווקא צו פֿארקויפֿן א כּשרן ראָג
650 אַן שעטנז אויף פּסח, |...| און אַ בראָנפֿן=ייִד האָלט
אין דעליווערן די הייליקע תּורה". ראָזענפֿעלד, 324,7.
1916 " |...| מיר דעליווערן |...| ניוס=פּייפּערס,
649 מיר צעטראָגן |...| צייַטונגען צו אונדזערע קאַסטאָמערס".
שלום=עליכם, 8ב, 184.

דעלינגע – <u>די, =ס.</u> "אַ האַלדזשטיק אָדער אַזאַ

קאָלנער געמאַכט פֿון אַ געוועבטן גורט (אויך פֿון לעדער), 655

געניצט אָנצוטאָן דער בהמה אויפֿן האַלדז, עס זאָל איר

ניט ווערגן, זײַענדיק אָנגעבונדן". |קטוו|.

(?נ?) ד ע ל י נ ק ו ו ע נ ט - דער, =ן. פֿארמישפּטער, פֿארברעכער.

P: delinkwent > L: delinquens

" יענער ווייסט, אַז דאָס איז חוזק... אים אַרט ניט. 1937

ערשטנס, איז נאָך די תליה סיי ווי ניט פֿאַרטיק; 655

צווייטנס, אַ דעלינקווענט מעג אַלץ, אַפֿילו דעם סולטאַן

זידלען". א. צייטלין, 4, 493.

דעליע - די, =ס. 1. פאַרצײַטיקער אײבער=בגד, מיט מאַנטל, געבעט מיט פוטער, שמאָל אין טאַליע, מיט ברייטע אַרבל.

P: delia > Turk: degle

1825 " איך האב גינומען מיין ווייבש פעריילדיגן האלזבאנד, מיין קעמלהארענע דעליע |...| און האב אויף אלץ גליען 50 רובל זילבער". אנ, מסדר אגרת, ציט עלזעט,2ד,ז׳36. 662

1887 " איין מאָל האָט זיך אַרײַנגעווידן איין שוסטער אין דער גרויסער שול אָנגעטאָן אין אַ ייִדענער דעליע, האָט אים דער פּרנס=חודש |...| געלאָזט אים אַרויספירן". דיק, 96, 17. 667

1926 " |...| איך קלויב מיך טאַקע איבערניטשעווען די יום=טובדיקע דעליע". קאַציזנע, 3, 28.

1957 " |...| אַפּוואַרטן דעם שיינעם ייִדן, ווען ער גייט שבת פון דאַווענען, מיט דער 'דעליע' אויף די ברייטע פּלייצעס |...|". שניאור, 13, 50. 665

2. (<u>עלט</u>) מיך קאַלדרע, דעקע, אונטערגעבעט מיט פֿוטער,

איינצודעקן די פֿיס אונטערוועגנס, זיצנדיק אין דער פֿור.

1970 " |...| אָנגעטאָן דעם זייגערמאַכער אינעם באַשליק,

679 אַרומגעקוטעט מיט דער <u>דעליע</u>, אַרומגענומען מיט דער בורקע".

<u>סוצקעווער, 6, 21</u>.

ד ע ל י ק אַ ט - אַדי/אַדוו, פּפּ (פֿטמ) דעליקאַטנע.

1. (וועגן אַ מענטשן, זיין כאַראַקטער, באַנעמונג) אײדל, פֿײַן, זייער שפּירעוודיק, אײַנזעעוודיק אין באַנעמונג. % צו אַלעמען באַציט ער זיך דעליקאַט און העפֿלעך. זי איז אַלעמען געפֿעלן געוואָרן מיט איר אײדעלער דעליקאַטער באַנעמונג.

182... " איך ער איז געווען זייער אין דעליקאַטנע מענטשל |...|". מאַלאַגאַ, 1, 236. 703

1873 " |...| אײדעלע מענטשן, מסתמא וועלן זיי זיך באַגײן מיט מיר דעליקאַט, פֿײַן, אַזוי ווי געלערנטע באַדאַרפֿן צו טאָן". מענדעלע, 1, קאַנק 116060.

1968 " די בוקאָווינער שפּריכווערטער |...| זענען דאָס רוב געזאָגט פֿון אָפּגעפֿײַנטע, דעליקאַטע מענטשן |...|". 684
ש. ביקל, פער 69, VIII/25.

2. (וועגן פיזישן אויסזען פון א מענטשן), ניט מגושמדיק, צאַרט, איידל. % דאָס מיידל האָט א בלאַס דעליקאַט פנים.

1900 " דער געזיכט אָפּגעמאָגערט, דעליקאַטנע, דער נאָז - עטוואָס לענגער". אחוך, 3, 137. 702

3. דין, ווייך, אָנגענעם אין באַריר. % א דעליקאַטע הויט.

זי קליידט זיך (מ)תּיד אין דינע, דעליקאַטע שטאָפן.

א דעליקאַטער באַריר.

1836 " |...| ווייל די הויט פון דעם קינד איז זייער ווייך און דעליקאַט, דארום מוז מען היטן פון פארקילונג |...|". בערלאַנט, 1, 17. 686

1929 " דאָס ראָזלעכע (האָט) פון עפּלבוים |...| איז דעליקאַט און באַזיצט א שיינעם מוסטער ". בערמאַן, 2, 141. 694

1968 " זי האט דעליקאט צוגעלייגט די האַנט צום בייכל
און לייכט א דריק געטאָן |...|". יזב 2, 383. 692

4. (וועגן קלאַנגען, קאָלירן, פּאַרמעס), ניט אינטענסיוו, שטיל, ניט רייסיק, סובטעל. % דאָס בילד איז געמאָלט מיט דעליקאטע שטריכן און פאַרבן. א קלייד מיט אַ דעליקאטן מוסטער. די טענער פון דער מעלאָדיע זענען ווייכע, דעליקאַטע.

5. (וועגן טעם, געשמאַק), ניט שאַרף, מילד, גרינג פֿאַרדייַלעך, אַנגענעם. % דעליקאַטע שפּייַזן.

6. וואָס פֿאָדערט קענטעניש, טאַקט, פֿאַרזיכטיקייט,דיסקרעציע אין באַציִונג, צוגאַנג. % א דעליקאַטע פּראַגע. זיי האָבן זיך פּלוצעם געפֿונען אין זייער א דעליקאַטע סיטואַציע. ס'איז צו אַ דעליקאַטע מאַטעריע, מע זאָל עס באַטראַכטן פֿאַרן גאַנצן עולם.

1915 " באַדאַרף מען, הייסט עס, טאָן א דעליקאַטנע
682 אַרבעט - לייגן דעם טאַטן |=אונטערשרייבן זיך|".
שלום=עליכם, 15, 203.

1966 " נישטא קיין אָביעקטיוו וויסנשאַפטלעכע |...|
690 מאָס אין יענע זייער דעליקאַטע ענינים". א. ציטלין,
פער 69, 30/XII.

|| דעליקאַטקייט - אייגנשאַפט צו זיין דעליקאַט.

1968 " דער מינהג ביי דיקטאַטאָרן נישט אַריינצומישן דאס
פּריוואַטע לעבן אין אַפּאָליטיק נעמט זיך נישט פון
דעליקאַטקייט, נאָר פון זייער זיין אויסגעהוילט פון
מענטשלעכע געפילן". ה. זיידמאַן, פער 69, 26/IV.

709

1970 " די באשיידנקייט, דעליקאטקייט און סענסיטיווקייט

710 פון זיין נאטור איז געווען פאר אים א שטער אויך אין

זיין ליטעראַרישער שאפונג". יזב 15, 622.

ל] זיין אין דעליקאטע אומשטענדן - שוואַנגערן, זיין מעוברת.

דעליקאטני/דעליגאַט.

3. <----

1795 " פון פענ(ק), צו מאכין איז דעליקאטני פאדים און

696 לייוונט איז וויא פון לאך". אייך ביכל וואש דרינין...| ז 46

1795 " מען זאל מאכין פון ליין גאנץ דעליגאַט

685 איז וויא זייד". דצוו |אלן זיבט|.

ד ע ל י ק אַ ט ע ס - דער, =ן ס׳רוב אין מצ.

1. זעלטענע שפּייַז (ז׳רוב וועגן קאָלאָניאַלע שפּייַזן, שפּעציעס

~~דעליקאַטעסן.~~

2. (איר) נאַשוואַרג.

1970 " די רביצין האָט זיך באַשעפטיקט מיט׳פּאַרקויפן׳

699 די קינדער דעליקאַטעסן ווי, למשל, זיסע גומי-רערלעך,

בייגעלעך, אַרבעס אד"גל.

|| דעליקאַטעסניק - דער וואָס האָט אַ דעליקאַטעסן=געשעפט.

0 דעליקאַטעסן=געשעפט - דאָס, =ן. קראָם וווּ מע פּאַרקויפט

דעליקאַטעסן.

1930 " |...| אַ צווייטער ייִד מאַכט אַ |...| כשר דעליקאַטעסן=

705 געשעפט". איינהארן, 7, 226.

**דעליקאטעסן=הענדלער** – דער, =ס/מצ דז. דער וואס האנדלט מיט דעליקאטעסן.

**דעליקאטעסן=סטאר** – די, =ס. (אמ) דזוו דעליקאטעסן=געשעפט.

**דעליקאטעסן=קראם** – די, =ען. דזוו דפוו.

ד ע ל י ק ו ו ע נ ט - דזוו דעלינקוועט.

.... " די תּפֿיסה=וועכטער פֿירן אַרויס דעם גראַען

דעליקוועגט". מאַנגער. 713

רעד: פֿון וואַנען די ציטאַטע?!

ד ע ל י ר - -----> דעלירי‍ום.

ד ע ל י ר ו ם - -----> דעליריום.

ד ע ל י ר י ו ם – <u>דער, בא,</u> <u>פֿפּ דעליר, דעלירום, דעליריע.</u>

פֿאַרטונקעלונג, צעמיש אין באַוווּסטזײַן און מצב
פֿון הויכער היץ, באַגלייט אָפֿט מיט אומרויִקע באַוועגונגען,
רעדן פֿון היץ, האַלוצינאַציעס.

1930 " צי איז עס געווען אויפֿן וואָר, צי <u>דעליריע</u> – //
730 מײַן יעדער פֿאַרלאַנג – ווי פֿאַר גאָט איז געשען.// איך
שפּאַן צווישן מענטשן אַרום אינו=נראה |...|".
<u>לאַפּין, 1, ליד "דער שם".</u>

1957 " ווען ס'ווערט מײַן גוף אין גורלס חסד// פֿאַרגעסן
719 זיך, ווי איך <u>דעליר</u>,// וועל איך אין הייסן שניט
פֿון מעסער// דערפֿילן צערטלעך דײַן באַריר". <u>פֿײַנבערג, 63,6.</u>

721 1959 " צי בין איך אין אַ <u>דעלירום</u>?". <u>ליוויק, 13, 73.</u>

.................................................................................

<u>רעד:</u> כ'מיין, אַז די אַלע פֿאַרמעס זענען ניט קיין אמתע (געניצטע!) פֿאַראַלעלע
פֿאַרמעס: ווי מע זעט פֿון די ציטאַטן, זענען זיי "געמאַכט" צוליב גראַם, ריטעם.

0 **דעליריום טרעמענס** – דער, בא. (מעד) פסיכישע קראַנקהייט,
פֿון אַלקאַהאַליקער, דריקט זיך אויס אין ציטערניש
פֿון קערפּער און אַנדערע סימפּטאָמען.

1871 ׳ איך וועל דיר זאָגן דעם אמת,// איך האָב מורא
געהאַט פֿאַר דעליריום טרעמענס |טעקסט: דעליריוס טרעמעס|,// 711
דאָס איז אַ קרענק פֿאַר שיכורים,// וועלכע מאַכן זיך טעגלעך
פּורים". רוף, 2, 6.

ד ע ל י ר י ע - ----> דעליריום.

(?נ?) ד ע ל ס אַ נ י אָ - (מוזיק) איינער פֿון די נאָטן=צייכנס

|סטוטש 283|, געניער בנב.

ד ע ל ע - -----< דע:לע.

ד ע ל ע ג א ט - דער, =ן. אויסגעווייל טער אדער נאמינירטער פארשטייער, רעפרעזענטאנט, פון אן אינסטיטוציע, ארגאניזאציע, מלוכה א"א.

... " מיט אונטערגעהאקטע פיס און |...| צעבראכענע הערצער זענען אונדזערע דעלעגאטן ארייגעבראכט געווארן |...|". שלום=עליכם, 24, 57. 740

1933 " דער רעדנער האט באשיימפערלעך דערזען, אז די דעלעגאטן=פארזאמלונג הייבט אים ניט אן צו הערן... מע וויצלט זיך, מע דרעמלט. מע געניצט". דאלגאפאלסקי, 2. 740/1

1951 " אויפן דאזיקן בערלינער צוזאמענפאר האט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט דער ארויסטריט פון א קיניגסבערגער דעלעגאט |...|". ג. אראנסאן, פער, 106, 211. 742

|| דעלעגאטור - די, =ן. 1. פארשטייערשאפט, רעפרעזענטאנץ, קערפערשאפט וואס באשטייט פון עטלעכע דעלעגאטן.

1970 " די אַנפירערשאַפט אין קראַקע |...| האָט געשאַפן

דעלעגאַטורן פון דרײַ פערזאַן אין די שטעט |...|". 746

יזב 15, 745.

דעלעגאַטין/דעלעגאַטקע – די, =ס. ווע פאַר דעלעגאַט.

דעלעגאַציע – די, =ס. ~~1. אַקט פֿון דעלעגירן.~~

2 אויסגעוויילטע אָדער נאָמינירטע פֿאַרשטייערשאַפֿט, וואס באַשטייט פֿון צוויי אָדער מער דעלעגאַטן.

1968 " |...| עס פֿלעגן קומען פֿון אויסלאַנד פֿאַרשיידענע קולטור=דעלעגאַציעס |...|". יזב 2, 398. 760

1970 " האָבן די גערער חסידים אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע פֿון צוויי ייִדן, וועלכע זאָלן גיין צום רבֿ פֿון שטעטל 759

און אָוועקשטעלן די פֿראַגע פֿונעם שוחט". י. פֿריינד, יזב 7, 134.

**דעלעגירן** – טרוו. (שיקן, ארויסוויילן אָדער נאָמינירן) איינעם אָדער מער פֿאַרשטייער, רעפּרעזענטאַנטן צו אַ קאָנפֿערענץ, קאָנגרעס, אָדער אויסצופֿירן אַ געוויסע שליחות.

1882 " |...| קומען זיך צונויף דעלעגירטע |...| פֿון
761 ביידע פּאַלאַטעס און בילדן איין געזעצגעבנד|יקן|ן
קערפּער". פּער 74, IV/4.

1973 "|...| דער עדות איז זינט יאַנואַר 1936 דעלעגירט
761/1 געוואָרן אויף די ירידים אין די שטעטלעך פֿון ראַדאָמער
געגנט, ווי ס'האָט געבושעוועט דער ענדעקישער טעראָר
קעגן ייִדן". יזב 18, 206.

דעלעקטירן זיך - אוטוו. קוויקן זיך, האבן פארגעניגן.

p: delectować się

1958 " איך באצייכן די דאזיקע טעמע |סעקס| אלס א דעליקאטער ענין... ערשטנס, ווייל עס ליגט אין דער מענטשלעכער נאטור זיך דערמיט צו דעלעקטירן, צו קוויקן זיך". ב. קלארמאן, פער 7/XII,68. 714

.................................................

רעד: אין טעקסט איז גרייזיק "דעליקטירן זיך". ס' קומט פון לאטייניש delectare.

.................................................

ם דעלעקטירן זיך.

.................................................

רעד: אין קארטל איז דא א פארוף אויף "לשון זהב", ז' 20, אבער אן א ציטאטע...ס'וואלט כדאי געווען זי צו געפינען*.

דעלפין - דער, =ען, פּפ דאַלפֿין. 1. (זאָאָל) זויגער=
בעל=חי פֿון ים (געהערט צו דער משפּחה מיטן זעלבן נאָמען
(Delphinidae.

1885 " |...|עס זאַלן זיך צוזאַמענקומען זײַן גאַנץ פֿאָלק:
773 הײַפֿיש, שטערפֿיש, דעלפֿינען, זעעלײבן |...|".
אַן, דער פּראָצעס, ז׳ 32.

1955 " דעלפֿינען=אויגן פֿלעגן היטן אונדז, זיך איבערגעבנדיק
770 איך שוים פֿון כוואַליעס". מאַניק, 1א, 115.

1963 " |...| פֿליִענדיקע פֿיש זענען פֿאַרבײַגעפֿלויגן
771 מײַן פֿענצטערל. פֿון מאָל צו מאָל זענען פֿאַרבײַגעשפּרונגען
דאַלפֿינען!" באַשעוויס, פּער 26/IV,155.

2. (אַסטר) שטערן=קאָנסטעלאַציע.

|| דעלפֿינאַריום - דער, =ס. ספּעציעלער וואַסער=באַסיין,
ווו׳ ס׳ווערן געהאַלטן און פֿאַרהיימישט דעלפֿינען.

220 דע-

(?נ?) ד ע ל פֿ י נ י ו ם – דער, =ס. (באַט) גראָזגעוויקס פֿון דער משפּחה Ranunculaceae.

ד ע ל פ י ש – אדי. אויפֿן שטייגער פֿון די אַראַקלען
פֿון דעלפֿאָס, געמיינט: פּילבאַטייִטיק, רעטענישדיק,
אומפֿאַרשטענדלעך.

1973 "|...| 'אַ לאַך מאַכט אַ גנבֿ', וואָס איך צווייִדייִטיק,
777 ווי די גריכישע דעלפֿישע אַראַקלען |...|". בלומענטאַל, 43,1.

דעלקל - דאס, =ער. (רעג, אונגערן) מין פײַנגעבעקס |אוּורו|.

רעד: אוּורו טײַטשט עס פּון danish pastry.

(?נ?) ד ע ל ק ר ע ד ע ר ע – |<u>די, =ס?</u>|קרעדיטבריוו |<u>סטוטש 491</u>|.

דעם – 1. אקוזאטיוו פון ארטיקל דער (--->).

% דער סטאָליאַר האָט געבראַכט דעם טיש.

2. דאַטיוו פון ארטיקל דער (--->). % מען האָט באַצאָלט דעם סטאָליאַר פאַר דעם טיש.

3. דאַטיוו פון ארטיקל דאָס (---> דער). % דאָס געווייןפון דעם קינד. מע האָט דעם קינד געגעבן א מתנה.

4. אקוזאַטיוו פון דעמאָנסטראַטיוון פּראָנאָם דער(--->). זי האָט אויסגעקליבן דווקא דעם מאַנטל און ניט יענעם.

5. דאַטיוו פון דעמאָנסטראַטיוון פּראָנאָם דער. % מע דאַרף זיך ווענדן צו דעם און ניט צו קיין אַנדערן.

6. דאַטיוו פון דעמאָנסטראַטיוון פּראָנאָם דאָס. % דאָס קינד וויינט, אבער צו דעם האָט מען זיך שוין צוגעוווינט.

0 מיט"דעם" (ווי א פראנעם אין דעטיוו) זענען געשאפן

א צאל <u>אדווערביאלע פארבינדונגען</u>:

<u>אויסער דעם</u> - צוגאבלעך, (און) נאך, און אנדערע.

<u>(א)חוץ דעם</u> - <u>דזוו דפוו</u>.

<u>איבער דעם</u> - דעריבער, דערפאר.

<u>אין דעם</u> - אין אט דער צייט, בשעת=מעשה. % זיי זענען געזעסן ביים טיש און געשמועסט; <u>אין דעם</u> איז אריינגעקומען אן אומבאקאנטער מענטש.

<u>דורך דעם</u> - דעריבער, דערפאר, א דאנק דעם.

<u>נאך דעם</u> - דערנאך, שפעטער.

<u>דערנאך דעם</u> - <u>דזוו דפוו</u>.

<u>מחמת דעם</u> - דעריבער, דערפאר.

צוליב דעם - דזוו דפוו.

(אין) אלדעם - (אין) אלץ (וואס איז).

1966 " פארשעמט געבליבן זיינען שטייך די טישן,//
גערגרייט מיט אלטן ווייך און אלדעם פרישן". 798/1
האלקין, 4, 264.

אקעגן דעם - וואס שייך, אין פארבינדונג מיט...

... "איך זאג עס אקעגן דעם, ווי נאריש ס'איז אויסברענגען
זיך, ציען פון זיך די קליי, |...| אוועקגעבן די נשמה, 787
א שטיק געזונט". מענדעלע, אסיפות, ז' 7.

// ווי מיט דעם, אזוי אן דעם - ס'איז אלץ איינס.

שוו: ס'איז ניט אזוי גוט מיט דעם, ווי עס איז שלעכט אן דעם -
שפאסיק וועגן געלט.

ד ע מ אָ ב י ל י ז אַ צ י ע – די, =בא. אַקט פון דעמאָבילי זירן. % די דעמאָבי לי זאַציע פון מיליטער נאָך דער מלחמה איז פאָרגעקומען בהדרגה.

ד ע מ אָ ב י ל י ז י ר ן – טרוו. באַפרייען די מאָביליזירטע מיליטערלייט.

1949 "...| נאָך פיר יאָר מלחמה איז פנחס פראַדקין

אַהיימגעפאָרן |...|, דער פראַכטצוג |איז| אָנגעשטאָפּט 800

מיט דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן". י.י.זינגער, 12,9.

1970 " נאָך זייַן דעמאָביליזירט ווערן אין סעפּטעמבער

1940 טרעט ער אַרייַן |...| אין דעם לעגאַלן לעדער=פּאַראַיין 802

|...|". י. דאַווידאָוויטש, יזב 7, 49.

דעמאגאג - דער, =ן. א מענטש (ס'רוב וועגן פּאָליטיקער), וואָס באַניצט זיך מיט אומאַרנטלעכע אַרגומענטן אויפצוהעצן זײַנע צוהערער, אָדער צו קריגן פּאָפּולאַריטעט דורך פֿאַלשע צוזאָגן, חניפה אד"גל.

1932 " |...| אין עטלעכע ווינקלען האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען: - דעמאַגאַג!". קושניראָוו, פּער 118,61. 804

1961 " |...| די דעמאַגאָגן, די וועלט=פֿאַרדאַרבער, האָבן אַפּעלירט צו די געפֿילן, צו אור=אינסטינקטן |...|". 806

מ. מראַטשני, פּער 166, X/21.

ד ע מ אַ ג אָ ג י ע – די, בא. דאָס באַניצן זיך אין רייד און שריפט מיט אומאָרנטלעכע, פֿאַלשע אַרגומענטן, דאָס אַפּעלירן צו די געפֿילן פֿון אומוויסנדיקע מענטשן, כּדי זיי אויפֿצוהעצן, דאָס הנפּענען זיך צו די פֿאָלקסמאַסן כּדי צו געווינען פּאָפּולאַריטעט.

1932 " אַ פּאָר ייִדישע סאָלדאַטן היצן זיך: דאָס איז דעמאַגאָגיע אַ שיטן זאַמד אין די אויגן". קושניראָוו, פּער 61, 40. 808

ד ע מ אַ ג אַ ג י ש – אַדי/אַדוו. אויפֿן שטייגער פֿון אַ דעמאַגאָג.

1912 " דורך דעמאַגאָגישע פֿראַזן אויף די וואַל=פֿאַרזאַמלונגען קאָן מען גיכער דערגרייכן דעם 'סוקסעס' אין געלט, מאַכט און באַרימטקייט". זשיטלאָווסקי, 2, 235. 810

ד ע מ אַ ג אָ ג ע וו ע ן - <u>אוטוו.</u> באַניצן זיך מיט דעמאַגאָגישע רייד.

ד ע מ אָ ג ר אַ ף - דער, =ן. געלערנטער וואס פֿאַרנעמט
זיך מיט דעמאָגראַפֿיע.

דע-

ד ע מ א ג ר א פ י ע – **די, בא.** וויסנשאפט וואס
פארנעמט זיך מיט פארשן די סטאטיסטיק וועגן צאל,
באשטאנד און באוועגונג פון באפעלקערונג.

235 דע-

ד ע מ אָ ג ר אַ פ י ש - אדי/אדוו. שייכדיק צום

באַשטאַנד און באַוועגונג פֿון באַפֿעלקערונג.

1951 " מיר ווילן דאָ נאָר באַלייכטן די דעמאָגראַפֿישע

815 אַנטוויקלונג |...| פֿון די ליטווישע ייִדן אין דער

אומאָפּהענגיקער ליטע". י. לעשטשינסקי, פּער 106, 228.

1973 " די נאַצישע אָקופּאַציע (1939-1945) האָט פֿאַראורזאַכט

815/1 גרינטלעכע דעמאָגראַפֿישע ענדערונגען |...|". יזב 136,16.

ד ע מ אָ ל ט - אדוו, פּפּ: דעמלט, דאַמאַלט, דאַמאַלסט, דעמאָלס(ט), דענסטמאָל, דענצמאָל, (דיאל) יעמאָלט.

אין יענער צייט, אין דער פריער דערמאָנטער צייט, סיטואַציע.

% די קינדער וואַרטן שוין אויף חנוכה, דעמאָלט וועט מען קריגן חנוכה=געלט, מע וועט שפּילן אין דריידל.

................................................................

רעד: זענען דאָס טאַקע אַלע פּפּ (וואַריאַנטן פּאַנעטישע, דיאַלעקטישע)? צי סתם אויסלייג=וואַריאַציעס? און אפשר גאָר סתם גרייזן, אפילו פאַר די אַמאָליקע אויסלייגן?

................................................................

1815 " |...| פון דעמילט אן וויל ער גאר נוט אריינקוקין וואָרין דו יד קער נאר צום מלך אליין". בראסלאַווער, 1, ז׳ ס"א. 849

1892 " |...| טאַמער ווערט געמינערט אַ גראַשן פונעם
849/1 נדן, וועט דיר דעמאַלט מער נישט אָפּגיין פון דער
מאַמען זאָל לעבן!". שלום=עליכם [מנחם=מענדל, לאָנדאָן,
בריוו 6]

1908 " דיין גאָט בין איך, פּאַלג מיך און היט מיין געבאָט! -//
849/2 ווי שטאַרק איז עס דאַמאַלט געדונערט געוואָרן".
ראָזענפעלד, 2, 186.

1912 " אַ שטאַרקער דונער |...| קאָן יעמאַלט ברענגען
849/3 מיט זיך אַ שרעקלעכן באַרגשטורץ, וואָס קאָן באַגראָבן
אונטער זיינע ריזנשטיינער גאַנצע דערפער אין טאָל".
זשיטלאָווסקי, 2, 202.

1923 " |...| דעמאָלסט, ווען משה האָט פון דאַנען
893 אַרויסגעצויגן |...|".

1936 " אַ פּאַדעם האָט בלויז דעמאָלט אַ ווערט, ווען ער
849/4 איז איינגעוועבט אין אַ געוועב". נאַדיר, 9, 159.

238 דע-

1940 " אַ הינטל איז דעמלט איך וויוגע געגאַן |...|".

849/5 אַליעווסקי, 2, 125.

1973 " זינט דעמאָלט |...| איך זי אַ ביסל געזעצטער

849/6 געוואָרן". אַליצקי, 5, 393.

ד ע מ א ל ס ד י ק  -  ----> דעמאלטיק.

ד ע מ ל ט - <----- דעמאלט.

דעמאַלטיק - אַדי, פֿפּ דעמלטיק, דעמאַלסדיק, דעמאַלסטיק
דעמאַלסדיק. פֿון יענער (פֿריִער דערמאָנטער) צײַט.
ער דערמאָנט זיך זײַן יוגנט צײַט, די דעמאַלטיקע
איבערלעבונגען.

1910 " יצחק |...| האָט פֿאַר דעם פּלאַץ באַצאָלט אַ 'הון רב',
865/1 לויט די דאַמאַלסדיקע באַגריפֿן פֿון געלט |...|".
פּער 78 א.

1945 " דו שטעלסט זיך פֿאַר מײַן דעמלטיקן אומגעדולד".
866 האַלקין, 3, 138.

1951 " קאַרפּאַווסקיס אַרויסטריט האָט אַרויסגערופֿן אַן
872 אַנטשלאָסענעם ענטפֿער פֿון דער דעמאַלטיקער פּרעסע |...|".
ג. אַראָנסאָן, פּער 106, 211.

1968 " |...| דער אונטערשטער חלק פּלייש, וואָסמען האָט
892 געמוזט נוצן, לויט דער אַנווייזונג פֿון דער דעמאַלסדיקער
פּוילישער אַנטיסעמיטישער רעגירונג". מ. אַלבערשטײַן, יזב 206,2.

ד ע מ אָ ל ס ט – ----← דעמאָלט.

243 דע-

ד ע מ אָ ל ס ט י ק - -----< דעמאָלטיק.

ד ע מ אַ ל י ר ן – טרוו. צעשטערן, אומוואַרפן
(ס'רובֿ וועגן אַ בנין, הויז אד"גל).

... " אַ דעמאַלירטער ביוסט פֿון אַ קאָמפּאָזיטאָר |...|".
875 פּרץ, דראַמאַטישע ווערק.

1954 " די היטלעריסטישע וואַנדאַלן האָבן |...| דעמאַלירט
879 די היסטאָרישע בעלעמער שול |...|". ה. שישלער, יזב 102,10.

1973 " די וווינונג איז געווען דעמאַלירט, די ווענט
885 באַשפּריצט מיט בלוט |...|". יזב 18, 195.

| |
|---|
| רעד: פֿון וואַנען די ציטאַטע?! |

ד ע מ א ן - דער, =ען. 1. אין דער גריכישער
מיטאלאגיע - א גוטער אדער בייזער גייסט, וואס איז
משפיע אויף דעם גורל פון מענטשן.

2. לויט די קריסטלעכע גלייבונגען - א בייזער גייסט,
א טייוול, דער שטן.

1884 " דיין ליבער מלאך |...| איז מיר שוין באלד
ערגער פון א מלאך=חבלהניק, פונעם דעמאן, וואס וויל 899
מיך פארפירן אין שאול=תחתיה אריין". איבן לינעצקי, 35,1.

1921 " |...| אין דיר רעדט מער נישט ווי דיין דעמאן
איצט!". איבז אנ, אוריאל אקאסטא, 1, ז' 107. 898

1956 " נאך אין דעם פינלענדישן קריג איז פון די ערשטע
ער איבער די בערג און סאפקעס שוין געפלויגן, ווי א 896
דעמאן". מארקיש, 11, 385.

דעמאָנאָגראַפיע - די,בא. באַשרײַבונג פֿון די דעמאָנען.

ד ע מ אָ נ אָ ל אָ ג - דער, =ן. דער וואָס פֿאַרנעמט זיך

מיט דעמאָנאָלאָגיע.

דעמאַנאָלאָגיע - די, בא. מיסטישע לערע וועגן דעמאַנען, ביי זייערע גייסטער און זייער השפּעה אויף מענטשן.

1912 "אַ גאַנצע 'וויסנשאַפט', די דעמאַנאַלאָגיע, איז אויסגעבילדעט געוואָרן, וועלכע האָט געשעפּט איר מאַטעריאַל פון די הייליקע ספרים". זשיטלאָווסקי, 3, 44. 904

1929 " דער אויבן באַשריבענער פאַל איז אַ פּסיכישע קראַנקייט, וואָס האָט א שייכות צום פּרק דעמאַנאַלאָגיע, ד"ה גלייבן אין ניט=גוטע, טייוולאָנים, דיבוקים וכדומה". א. ווירשובסקי, פער 151, נ' 20. 905

1968 "|...| אַזאַ פּרעכטיק פאַנטאַסטיש ווערק פון יידישער דעמאַנאַלאָגיע, ווי דאָס איז |אַנסקיס| 'דער אשמדאי?". ב. י. ראָזען, יזב 2, 646. 905/1

249 דע־

(?נ?) ד ע מ אָ נ אָ ל אַ ט ר י ע – די, בא. דאָס גלייבן און דינען

בייזע גײַסטער |סטוטש 614|.

250 דע-

(?נ?) ד ע מ א ב א מ א נ י ע - די, בא. פּסיכישע קראנקייט, באשטייט אין איינרעדן זיך אַז מ׳איז באַהערשט פֿון דעמאָן [סטוטש 342].

251 דע-

(?נ?) דעמאַנד – די, =ן. (רעג, פֿראַנקרייך) בקשה,

1908 פֿאַרלאַנג, פֿאָדערונג. |"יידן אין פֿראַנקרייך, פער 94, נ׳!!, ז׳199|.

ד ע מ אַ נ ט י ר ן - טרוו. פונאַנדערנעמען,צענעמען אויף די באַזונדערע באַשטאַנדטיילן (וועגן אַ מאַשין, אַפּאַראַטור אד"גל),

1960 " לאָז אַראָפּ דעם פֿאָרהאַנג, רעזשיסער!// דעמאַנטיר דעם דעקאָר |...|". י. פרידמאַן, 2, 66. 909

ד ע מ א נ י ז י ר ן - טרוו. פאַרוואַנדלען אין אַ דעמאָן, אַ טייַוול.

194... " בכלל טוען אַנהענגערס פֿון איין דת דעמאַניזירן, האַלטן פֿאַר טייַוולאַניש דעם אינהאַלט, די צערעמאָניעס 911

|...| פֿון צווייטן דת". מ. מיזיש, פער 94, נ' XIII, ז' 1-2.

ד ע מ אַ נ י ז ם - דער, בא. דזוו דעמאַנאַלאַטריע.

ד ע מ אָ נ י ש - <u>אדי/אדור</u>. ווי(אויפֿן שטייגער)פֿון
אַ דעמאָן, טײַוואָלאָניש.

דעמאָנסטראַטאָר - דער, =ן. דער וואָס דעמאָנסטרירט (ווײַזט).

ד ע מ א נ ס ט ר א ט י ו ו - אדי/אדוו. 1. אויסגעדריקט, ארויסגעוויזן אויף אן אונטערגעשטראכענעם אופן, אפט מאל ארויסרופעריש, אויסגערעכנט אויף אן עפעקט.

% זיי האבן דעמאנסטראטיוו פארלאזט דעם זאל פון קאנגרעס.

1922 " |...| דערפאר האבן זיי איר געגעבן טרינקען, כדי צו ווייזן דעמאנסטראטיוו, אז עס איז ניטא קיין אונטערשייד צווישן יידן און גוים". איבן זאלקינד, 4,פ|רק?| 69. 918/1

1954 " דאס פלוצלינגדיקע |...| און אומדערשראקענע ארײַנרײַסן זיך אין שטאט אריין פון דער לובלינער 915 זעלבשוץ, דעמאנסטראטיוו מיט געווער אין די הענט, האט געהאט |...| א גוואלדיקן פסיכאלאגישן עפעקט אויף דער פאליציי". ש. ווינער, יזב 10, 152.

1974 " ער וואָרנט די פּליטים אויף דער שיף, אַז אויב
917 עס וועט קומען צו אַצוזאַמענשטויס מיט די ענגלענדער,
מוז מען שטעלן אַ דעמאָנסטראַטיוון ווידערשטאַנד".
עלבערג, 2, 380.

2. אַנווייזיק. % דעמאָנסטראַטיווע פּראָנאָמען.

3. באַשיימפּערלעך, אַנזעעוודיק. (?ב?)

דעמאָנסטראַנט - <u>דער, =ן.</u> דער וואָס באַטייליקט זיך אין אַ דעמאָנסטראַציע, ב' 1.

1905 "מען האָט <u>דעמאָנסטראַנטן</u> געשמיסן מיט ריטער... דיזע באַרבאַרײַ האָט פֿאַרשטאַרקט נאָך מער דעם האַס און די פֿאַראַכטונג צו דער צאַרישער רעגירונג". <u>פֿער 29,184.</u>

1970 "דאָס מאָל איז די רויטע פֿאָן געווען אין די הענט פֿון אַ שנײַדער=אַרבעטער, וועלכער האָט זי געהאַלטן פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע <u>דעמאָנסטראַנטן</u>". <u>ה. יאַכימעק, יזב 158,7.</u>

921 94

ד ע מ אָ נ ס ט ר אַ צ י ע - די, =ס. 1. דאָס אויסדריקן,
מאַניפֿעסטירן עפֿנטלעך, (דורך מאַרשן, מיטינגען,
פֿאַרזאַמלונגען אין די גאַסן, ביי עפֿנטלעכע בנינים,אַמטן אד"גל)
פֿאַר אָדער קעגן געוויסע מיינונגען, שטעלונגען
(פֿון פּראָטעסט, ~~אָדער~~, סאָלידאַריטעט, ~~פֿאָדערונגען אד"גל).~~ א"א

1899 " די דעמאָנסטראַציאָנען וועלן אונטערוואַרעמען
יענע אומצופֿרידענע פּאַרטייען, וועלכע פֿילן יעצט זייער 940
שוואַכקייט". אַנ, אַלגעמיינער אידישער ארבייטערבונד |...|.

1907 " זי האָט גערעכנט, אַז עס איז פֿאַרגעקומען אַן אויסער=
געוויינלעכע דעמאָנסטראַציע". שלום=עליכם, 18, 89. 932

1940 " די אַכראַנקע |=געהייב=פּאָליציי| מיט דער פּאָליציי
האָבן באַשלאָסן אָנצוהייבן דעם פּאָגראָם |...| און אַזוי אַרום 925
די דעמאָנסטראַציע אַראָפּרייסן". בערגעלסאָן, 14, 455.

1947 " אַנשטאָט צו גיין מיט דער נעבעכדיקער דעמאָנסטראַציע, 928
ביך איך אַרייַנגעלאָפֿן אין דער גאַס 'העס'".
סעגאַלאָוויטש, 10, 108.

2. דאָס ווייזן עפּעס. % די דעמאָנסטראַציע פֿון פילם האָט
געדויערט אַ שעה צייט.

ד ע מ א נ ס ט ר י ר ן – טרוו. 1. אנטייל נעמען אין א
דעמאנסטראציע, ב׳ 1.

1947 " יעדן ערשטן ~~מאי~~ מײַ פלעגן די טשענסטאכאווער פועלי=ציון
950 |...| דעמאנסטרירן |...| אינעם אלגעמיינעם ארבעטער=צוג".
י. קענער, יזב 8, 148.

1967 " דא האבן מיר אלע |...| א רעכט צו פראטעסטירן
952 און דעמאנסטרירן קעגן אונדזער רעגירונג און איר
אריינפלאנטער אין וויעטנאם". י. ג(לאטשטיין),
פער 69, VI/4.

2. ווייזן. % דעמאנסטרירן א פילם.

1936 " די מומע מיטשע האט אראפגענומען דאס היטל פון
941 קליינעם שמעונס קאפ כדי צו דעמאנסטרירן פארן אפטייקער
דאס צרעת". ראסקין, 1, 623.

3. אַרויסווײַזן אויף אַ בולטן, אויסדריקלעכן, באַטאָנטן
אופֿן.

1930 "|...| וועלנדיק מיט דעם דעמאַנסטרירן אַ נײַעם אָנהייב
947 פֿון אַ נײַער מענטשהייט". איינהאָרן, 7, 10.

1951 "אַנטיסעמיטישע באַאַמטע, צי גלאַט ייִדישע שונאים
953 האָבן שוין ניט געוווּסט פֿון קיין בושה און, פֿאַרקערט,
געזוכט צו דעמאַנסטרירן זייער ייִדנהאַס". ל. שטיין,
פֿער 106, 100.

1967 "די ייִדן |...| האָבן דעמאַנסטרירט זייער פּאַטריאָטיזם
951 מיט מעשׂים און האָבן בײַגעשטײַערט גרויסע סכומים
געלט פֿאַר אײַנקויפֿן דאָס נייטיקע קריגס=מאַטעריאַל פֿאַר
דער פּוילישער אַרמיי". א. כאַמעט, יזב 21, 422.

ד ע מ אָ ס – <u>דער, בא.</u> אין אַנטיקן גריכנלאַנד – דאָס פֿאָלק, די באַפֿעלקערונג פֿון אַ שטאָט=מלוכה.

ד ע מ אַ ס ק י ר ן - טרוו. 1. אַראָפּנעמען די מאַסקע.

2. (פֿיג) אויפֿדעקן דאָס אמתע פּנים, דעם אמתן תּוך פֿון עמעצן/עפּעס וואָס איז פֿאַרשטעלט. % דעמאַסקירן א שווינדלער.

1930 " אַלע |...| מיטלען זענען געווענדעט אין ריכטונג - 963 |...| דעמאַסקירן, אויסלאַכן און אויספּייַפֿן דאָס אייַנגעשטעלטע, אָפּגעהיטע און פֿאַרהייליקטע". פּער 188, נ' 5 - 6.

1958 " ער האָט זיי ניט ליב און ער האָט זיי דעמאַסקירט, 960 נאָך איידער ער איז געוואָרן א 'פּראָלעטאַרישער שרייַבער'". ניגער, 8, 321.

|| דעמאַסקירן זיך - אוטוו. 1. אַראָפּנעמען פֿון זיך די מאַסקע.

1926 " דער זייגער שלאָגט 12... |...| חשובֿע הערשאַפֿטן!

עס איז מיטערנאַכט, דער עולם וועט געבעטן זיך צו 968

דעמאַסקירן!". סערעני, 1, 45.

2. אַנטפּלעקן זיך אין אמתן ניט פֿאַרשטעלטן פּרצוף, תּוך.

% דער שפּיאָן האָט זיך ניט ווילנדיק דעמאַסקירט.

דעמאַסקירער — דער, =ס. דער וואָס דעמאַסקירט, 2ב.

1958 " ער איז, לפּי זיין געמיט, א דעמאַסקירער פֿון

פֿאַרנעפּלטע סיטואַציעס |...|". ביקל, 1, 330. 977

ד ע מ אַ ק ר אַ ט - דער, =ן. 1. אָנהענגער פֿון דעמאָקראַטיע (באַטײַטן 3,1), אַ מענטש מיט אַ דעמאָקראַטישן וועלט באַנעם.

1947 " אויב ס'האָט זיך דערהערט אַן אויפֿריכטיקע שטים פֿון אַ פּראָפֿעסאָר קאַטאַרבינסקי, צי פֿון אַן אַנדערן אויפֿריכטיקן פּוילישן דעמאָקראַט, איז עס געווען ווי אַ קול אין מדבר". יזב 8, 177. 979

2. מיטגליד פֿון אַ דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

0 סאָציאַל=דעמאָקראַט - דער, =ן. 1. אָנהענגער פֿון סאָציאַל=דעמאָקראַטיע.

2. מיטגליד פֿון אַ סאָציאַל=דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

1900 " די סאָציאַל=דעמאָקראַטן, אונטערשטיצן |...| די בורזשואַזיע קעגן די פֿאָרשטייער פֿון די פּריווילעגירטע אַריסטאָקראַטן און פּריצים". פער 8, נ' 9, ז' 24. 979/1

ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ז אַ צ י ע - די, באַ. אַקט פֿון דעמאָקראַטיזירן.

1947 " דעם באַזיקן קאַמף פֿאַר דעמאָקראַטיזאַציע פֿון

981 דער ייִדישער קהילה האָט טשענסטאָכאָוו אָנגעהויבן פֿירן ערשט אין יאָר 1912". יזב 8, 27.

ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ז י ר ן – טרוו. אײַנפֿירן דעמאָקראַטיע

(ב"ב 3,1) בכלל אָדער אין אַ גרעסערן פֿאַרנעם, אויף אַ

העכערער מדרגה.

1947 " דער קאַמף פֿאַר דעמאָקראַטיזירן די קהילה |...|

אין וואַרשע האָט געמוזט משפּיע זײַן די קהילות אויף דער 983

פּראָווינץ". יזב 8, 27.

|| דעמאָקראַטיזירונג – די, בא. אַקט פֿון דעמאָקראַטיזירן.

1964 " די דערוואַרטע דעמאָקראַטיזירונג פֿון קאָמוניזם

ווערט אַלץ אָפּגעלייגט |...|". י.ג.|לאַטשטיין|, פּער, 11/IX,69. 982

דעמאָקראַטיזם – דער, בא. דאָס אָננעמען די פּרינציפּן פֿון

דעמאָקראַטיע און פֿירן זיך לויט זיי.

1922 " זיי פֿאַראייניקן אין זיך אי אָרטאָדאָקסאַלישקייט

אי ציוניזם |...| אי אַפֿילו דעמאָקראַטיזם און ~~[illegible]~~ 988

אייראָפּעיִשקייט". י. מאַרק, 2.

דעמאָקראַטיע - די, בא. 1. רעגירונג=סיסטעם (רעזשים), אין וועלכן די הערשאַפט געפינט זיך אין די הענט פון פאָלקס=רעפרעזענטאַנטן, אויסגעקליבענע אין פרייע וואַלן.

1953 " פּאָליטישע דעמאָקראַטיע |...| איז אַ העכערער און מער
996 אי קלוסיווער באַגריף איידער סאָציאַליזם". גרינבערג, 210,1.

1960 " טאָ וואָס רײַסט זיך אַמעריקע אַזוי אײַן
997 דעם פעלץ פאַר דעמאָקראַטיע אין די קאָמוניסטישע לענדער? ".
ח.ליבערמאַן, פער 26/VIII,155.

2. אַ מדינה מיט דער אויבן אָנגעוויזענער סיסטעם.

1917 " |...| ער האָט דערמיט אַרײַנגעשאָסן אַ פּײַל אין
998 דער פראַנצויזישער דעמאָקראַטיע |...|". זשיטלאָווסקי, 41,8.

3. דאָס אַקצעפּטירן און פּראַקטיצירן דעם פּרינציפּ פֿון
גלײַכבאַרעכטיקונג און פֿרײַהייט פֿון ווילן=אויסדרוק
(פֿון וואָרט, פּרעסע אד"גל).

1953 " איינער פֿון די וויכטיקסטע יסודות, אויף וועלכע
אַן עכטע דעמאָקראַטיע קאָן אויפֿגעבויט ווערן, איז –
דאָס רעכט אויף אַנדערשקייט". ח. גרינבערג, 2, 312.

סאָציאַל=דעמאָקראַטיע – די, באַ. 1. פֿאַרבינדונג פֿון דעמאָקראַטיע
(אין באַטײַט 1) מיט דער אידעע פֿון סאָציאַלער גלײַכקייט
פֿון אַלע מענטשן (סאָציאַליזם).

1894 " בכלל הכל איז אין דעם בוך געגעבן אַן איבערבליק
איבער די געדאַנקען, וועלכע זײַנען אויספֿירלעך באַווײַזן
און באַגרינדעט געוואָרן [און די ביכער, וועלכע האָבן געלייגט] דעם פֿונדאַמענט פֿון דער סאָציאַל=
דעמאָקראַטיע". פֿייגנבוים, 2. 994/1

2. באַוועגונג (פּאַרטיי) וואָס קעמפֿט פֿאַר סאָציאַל=דעמאָקראַטיע.

ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש – אַדי/אדוו. 1. וואָס איז אין הסכם מיט דעמאָקראַטיע (ב"ב 1, 3).

1951 " עס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן די ערשטע ליטווישע
999/1 דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט געמאַכט |...|
אַ סוף צו אַלע באַשרענקונגען פֿון בירגערלעכע רעכט".
ל.לעווענשטיין, פֿער 106, 290.

1953 " די קהילה האָט |...| געשטרעבט צו ווערן אויסגעוויילט
1002 דורך דעמאָקראַטישע וואַלן". מ.מוקאַסיי, יזב 3, 113.

2. וואָס איז געבויט, פֿירט זיך לויט די פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַטיע.

1902 " יעדער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין, יעדע קהלשע
1002/1 פֿאַרוואַלטונג, אין וועלכע די אַרבעטער שפּאָרן זיך אַריין
|...| זיינען אַ שולע פֿון אַ דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציאָן
און פֿון זעלבסטפֿאַרוואַלטונג". איבז אנ, די קאָנסום געזעלשאַפֿטן, ז' 19.

לאַסאָוו

1951 " צוזאַמען מיט ד"ר וויגאָדסקין בין איך |...|
1002/2 אויסגעווײלט געוואָרן אין דעם פּרעזידיום פון דער
נײַ געווײלטער <u>דעמאָקראַטישער</u> קהילה אין ווילנע".
<u>י. בערגער, פּער 106, 225</u>.

3. וואָס איז אַן אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע (שטרעבט צו
דעמאָקראַטיע, קעמפט פאַר איר).

1947 " |...| דערפאַר האָט די ייִדישע ליטעראַרישע
1004 געזעלשאַפט |...| באַלד צוגעצויגן דעם גרעסטן טייל
פון דער ייִדישער יוגנט און פון דער ייִדישער <u>דעמאָקראַטישער</u>
אינטעליגענץ". <u>יזב 8, 80</u>.

1964 „ער האָט פון געהיימער אונטערגראַנטישער אָרגאַניזירונג
אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי". <u>י. גלאַטשטיין,</u>
<u>פּער 69, הא/18</u>.

דעמאָראַליזאַציע – די, בא. 1. דאָס פֿאַלן פֿון מאָראַל, פֿאַרדאָרבנקייט, הפֿקרות, צעלאָזנקייט.

1970 " זײַן |ע. רינגעלבלומס| משפּט איבער די געוועלטיקער פֿון יודנראַט און איבער זײַן ממשלה פֿון קאָרופּציע און דעמאָראַליזאַציע". יזב 15, 659. 1007/1

2. דאָס פֿאַלן פֿון דיסציפּלין, פֿון אָרדענונג, פֿון קאַמפּסמוט.

% נאָך די שווערע מפּלות האָט אין דער אַרמײ געהערשט א דעמאָראַליזאַציע.

1951 " די סימנים פֿון אידעישער דעמאָראַליזאַציע זײַנען געווען אָזוי פֿײַנלעך, אַז מען האָט געמוזט געפֿינען אַן אויסוועג". י. שאצקי, פער 106, 743. 1007

ד ע מ אַ ר אַ ל י ז י ר ן - טרוו. גורם זײַן מאָראַלישע פֿאַרדאָרבנקייט, הפֿקרות, צעלאָזנקייט, אַראָפּפֿירן פֿון דרך=הישר.

1927 " |...| די תוהו=ובוהודיקע צײַט האָט דעמאָראַליזירט די יעמאָלטיקע ייִדישע בירגערלעכע געזעלשאַפֿט אין דײַטשלאַנד בכלל". איבז גאָלדשמידט, 1, ז' XII. 1008/1

1947 " |...| זיי האָבן געפֿערדיקט פֿאַר זייערע גלייביקע, אַז די 'זשידאָווקע' דעמאָראַליזירט די פּוילישע אַרבעטער". 1009
ר. פֿעדערמאַן, יזב 8, 383.

(?נב?) דעמארקירן - טרוו. צעגרענעצן, פעסטשטעלן א גרענעץ.

⁰ דעמארק=ליניע - די, =ס. דזוו דעמארקאציע=ליניע.

1951 " קיין ריכטיקע גרענעץ |...| האט צווישן פוילן און

1015 ליטע ניט עקזיסטירט. עס איז נאר געווען א דעמארק=ליניע,

וואס האט אפגעטיילטביידע לענדער". פער 106, 298.

דעמארקאציע=ליניע - די, =ס. די ליניע וואס באצייכנט

די גרענעץ צווישן צוויי לענדער אויפן סמך פון אן אפמאך.

1951 ~~" ווען מיט רוסלאנד איז געשלאסן געווארן דער שלום~~

1013 "מיט פוילן איז פעסטגעשטעלט געווארן א דעמארקאציע=ליניע".

י. ראבינסאן, פער 106, 277.

דעמאַרש - דער, =ן. 1. מינדלעכער אָרויסטריט פֿון אַ דיפּלאָמאַט אין שייכות מיט אַ האַנדלונג פֿון דער מדינה, וווּ ער איז אַקרעדיטירט.

2. (איר?) אינטערווענץ אין אַמלוכה=אינסטיטוציע.

1972 " ד"ר לעווין האָט געמאַכט די געהעריקע דעמאַרשן, אָבער דוד האָט דערלײדיקט דאָס אַפּרוהויז". 1021

ראָזענפֿארב, 3, 348.

ד ע מ ב – דער, =עס. 1. (באט) בלעטערבוים(ווסנ (Qercus
פון דער בוקן=משפחה (Fagaceae).

1896 " |...| דאך פלאצן דעמבעס אין וואלד//און צווייגן
1038 פאלן פול |...|". רייזען, ליד "אויף קאראול".

1910 " די גרויסע דעמבעס רוישן, ברומען,//די צווייגן
1038/1 ברעכן זיך אויף זייט". פרוג, 2, 97.

1926 " ער זעט אויס ווי א דעמב, הויך און פעסט געבויט".
1042 בערגמאן, 1, 5.

1972 "גיי פרוון אין פרילינגדיקן וואלד//די ראבינע
1042/1 געפינען!//דעם ברייטן דעמב דערזעסטו באלד,//
דערקענסט אויך די אסינע". טעלעסין, 1,53.

2. האלץ פון דעמב. % א טיש פון דעמב. ברעטער פון דעמב.

1929 " די דאַזיקע צייכענונג שטעלט פֿאַר אַ טיר צו

צו אַ שאַפֿע |...| אויסגעפּאַנירט פֿון דעמבּ". 1035

בערמאַן, 2, 84.

1945 " |...| מבֿינים אויף דעמבע און סאָסנע – //

געיאָגט עס אויף פּליטן און שיפֿן |...|". סעגאַלאָוויטש, 82,10. 1097

3. "אַ גרויסע שיף, מיט 2 אַנקערס, 2 קאַנאָטן, געפֿירט

דורך 6 מענטשן מיט ווערסלעס |=רודער| און איין

לאַצמאַן (דובאָוויק), וואָס רעגולירט די שיף און אויך 1032

די פּליטן, אויב זיי שווימען ניט כּשורה" |קטוור|.

4. (פֿיג) אַ שטאַרקער, אײַנגעוואָרצלטער מענטש.

1951 " ער, דער שוואַכינקער, דער סענטימענטאַלער און

דער פֿרומער ייִדישער שרייבער איז געבליבן אומבאַרירט

אין דער צייט ווען די דעמבעס זענען אַרויסגעריסן

געוואָרן מיט זייערע וואָרצלען". מוקדוני, 4, 260.

0 דעמבנהאָלץ - דאָס, בא. האָלץ פֿון דעמב(עס).

דעמבנוס - דער, מצ דעמבניס. די פֿרוכט פֿון אַ דעמב
(פֿאָלקסטימלעכער נאָמען"חזירשע ניסלעך").

דעמבן=קאָרע - די, =ס. קאָרע פֿון דעמב(עס).

1922 " די דעמבן=קאָרע איז דאָס וויכטיקסטע גאַרב מיטל,
זי איז רײַך מיט גאַרבשטאָף". וואולאַך, 1, 7. 1112

ל אינדישער דעמב - זגאַל דעמב.

רויטער דעמב - דזוו דפֿוו.

פֿפֿ: גרויס ווי אַ דעמב, - זייער גרויס.

שטאַרק ווי אַ דעמב - זייער ~~אַלט~~ שטאַרק. געזונט ווי אַ דעמב - זייער
שטאַרק, פֿעסט. שטײַן ווי אַ דעמב - שטײַן פֿעסט,
אײַנגעוואָרצלט. דעמבענער קאָפּ - (איר) וועגן אַ מענטשן
וואָס איז ניט אינטעליגענט, באַנעמט שוואַך.

281 דע־

האבן א דעמבענעם יצר=הרע | יעיצער=הארע | – האבן א גלוסטונג צו עמעצן וואס איז ניט צוציִענדיק.

ד ע מ ב אָ ו ע - אַדי. (פּויליש) 1. דזוו דעמבן, ב׳ 1.

1926 " שמעון האָט געעפּנט אַ שווערע דעמבאָווע טיר |...|".

1062 אָפּאַטאָשו, 5, 154.

סאָלאָוועך

1945 "שפּאָלטן, וואָס גייען אונטער שינעס - // די פּאַסטוכע

1057 דיקער, די דעמבאָווע - דינער". באַריישאַ, 3, 367.

2. דזוו דעמבן, ב׳ 2.

1946 " דער דעמבאָווע וואַלד אין, שיטערער געוואָרן".

טרונק, 4, 153.

ד ע מ ב אָ ו ק ע - די, =ס. דעמבענער שטעקן.

1900 " האָט שטענדיק געהאַלטן זײַן דעמבאָווקע צווישן די פּיס, מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אויפֿן קעפּל פֿון שטעקל". 1063

ב. גאָרין, 4, 48.

רעד: ס'קלינגט פּויליש, אָבער אין פּוילישן אַקאַד' ווב איז ניטאָ אַזאַ וואָרט בכלל.

ד ע מ ב ג ר ל רו״ע ס פ – די, =ן/ = ס.זגאל רועספ(ע)

|סטוטש 247|.

ד ע מ ב ה ו ר ק ע - די, =ס. זגאַל עפּל: "אַ קליינער שטאַרק ברוינער עפּל, ענלעך |דער קאָליר| צו דעמבע=האָלץ, אַ שפּעטער ווינטער=עפּל" |קטוו|.

רעד: אין פּוילישן ווב ניטאָ אַזאַ וואָרט.

ד ע מ ב=ז יי ד ש פּ י נ ע ר - דער, =ס/מצ דז.

מיך פּלאַטערל |סטוטש 247|.

ד ע מ ב י ק - אדי/אדוו. (שנש) ווי א דעמב.

1920 " כ'האב דעמביק מיך איך וועלט אריינגעצווייגט".

1069 מ.קולבאק, 1, 163.

דעמבן |דעמבענע,-ר| - אדי. 1. געמאַכט פֿון האָלץ פֿון דעמב. % אַ דעמבן ברעטל. אַ דעמבענע שאַפֿע. אַ דעמבענער בופֿעט.

1878 " ביים עק פֿון אַ לאַנגן דעמבענעם טיש זיצט אַ חבֿרה

1079 כּלי-זמר און סטראָיען אָן זייערע כּלים". מענדעלע,47,16.

1929 " ווען איר בייצט, למשל, אַ דעמבענע ברעט מיט כראָמקאַלי

1075 אָדער מיט אַנדערע זויערע בייצן, בלייבט דער טייל שטענדיק העלער". בערמאַן, 2, 11.

1960 " געוועזן איז דער יום-טובֿ פֿון שנײַדן ווײַן.

1081 די פֿעטערס אויף דעמבענע פֿעסער האָבן זיך אַרײַנגעקאַטשעט אין זאַל אַרײַן". י. פֿרידמאַן, 2, 15.

2. פֿון דעמב/דעמבעס (בוים/ביימער). % דעמבענע בלעטער. אַ דעמבענער וואַלד. דעמבענע קאָרע.

1916 " די זון איז שוין לאנג פארשווּונדן אויף יענער

1107 זייט וואלד, וואס האט געשמעקט מיט דעמבענעם ריח".

שלום=עליכם, 38, 159.

1928 " אין וואלד, אין דעמבענע אלייען,//האט ער |עליע|

1078 פארלאזט זיין ווייסן פערד". פעפער, 2, 30.

3. (פיג) שטארק, פעסט, פארווארצלט.

1938 " ווּ זיינט איר אצינד, איר דעמבענע יידן, מיט די

1106 בריטנאזיקע שטיוואלעס |...|". שניאור, 3, 5.

4. (פיג) הארט (וועגן א קול).

1958 " הערש, מיט זיין 'דעמבענער שטימע' האט געגומען גענומען

1088 'מלך רחמן'". ח. פערל, 1, 45.

דעמבע - די, =ס. (עלט?פּטמ?) דזוו דעמב.

1874 " יפּתח איז געזעסן אונטער איין דיקן אייכנבוים

(דעמבע)". איבז וואהלמאן, 1. 1095

1937 " ווי גוט איז אַ דעמבע צו זײַן!". נאדיר, 11, 51. 1098

1961 " |...| אָך אוראַלטע דעמבע |...|". י.י. שווארץ, 5, 29. 1046

291 דע-

ד ע מ ב ע וו ע ן - <u>טרוו.</u> גארבן מיט קארע פון דעמב.

1928 " דאס <u>דעמבעוועו</u> מיט קארע מאכט דאס לעדער האַרט|...|". 1104

<u>איזרא, 2, 35.</u>

292 -דע

(?נ?) 1114 ד ע מ ב ר ע וו ע - די, =ס. וועלדל פֿון דעמבעס |קטוו,רומעניע).

Ик: дуброва

ד ע מ ה א פ ט י ק – אדי/אדוו. (עלט) באַשיידן, עניוותדיק.

1919 " דעמהאפטיקער – ענו". זאלער, 2, 91.

□ דעמהפטיג.

1610 " דא ליש ער דר פון אב אונ׳ קאם צו הילל אונ׳

1116 שפראך דעמהפטיגר היל זאלן אויף די קומן פיל ברכות |...|".

טייטש=חומש (מדרש), שמות, כח – ד.

|| דעמהפטיקייט – באַשיידנקייט, ענוות.

1696 " עש אי, קיין הערשאפט אז דיין הרשאפט אונ׳

1117 איז קיין דעמהפטיקייט אז דיין דעמהפטיקייט". |בבבבב|

|סידור| תפלה למשה, דף קסט.

1716 " |...| דיין הילף אונ׳ דיין דעמהאפטיקייט

1113 דוא האשט ביגרישט צו מיר |...|". ס׳המגיד, 3, דף ע"ט.

**ד ע מ ו א ז ע ל** – העפלעכקייט־פאָרמע אין ווענדן זיך צו אַ דערוואַקסן מיידל, <u>דזוו</u> <u>מאַדמואַזעל</u>.

ד ע מ ו ט[ם] – די, בא. עניוות, באשיידנקייט, אונטערטעניקייט.

... " וענותך – אונ' דינא וול גצוגן הייט. י"א אונ'

דינא טעמואט". רייכלין 8, שמואל ב', כב – לו. 1121

1739 " |...| איינם דעהמוט אב צו ווענדן".

ס'מבחר הפנינים, דף ח. 1156

ד ע מ ו ט י ק – אדי/אדוו, פפ דעמיטיק. (עלט)

עניוותדיק, באשיידן, אונטערטעניק, הכנעהדיק.

1866 " |...| אייך אלגעמיינע געזעלשאפט פאר ארעמע

1126 |...| מעג זיין פון חסידים, וואס ווייקן אין מקווה;

מעג זיין פון מתנגדים, וואס גייען דעמוטיק אין טאל

|...| אבי צוזאמען, איז שוין גוט". פער 177, נ'35, ז'537.

1885 " דעם קשר פון תפילין האט ער געוויזן דעם

1149 דעמוטיקן משה רבינו |...|". איבז, אנ, מחזור 4, ז'178.

1944 " דעמיטיק טרויעריק – דאס שטויבעלע זאמד".

1160 נאדיר, 12, 46.

|| דעמוטיקייט – די, בא, פפ דעמיטיקייט. אייגנשאפט צו

זיין דעמוטיק.

1858 " איך קום פאר דיין הייליקן נאמען מיט געבוקטן לייב

1142 און מיט גרויס אונטערטעניקייט און דעמוטיקייט".
אנ, סדר תחנות ובקשות.

1885 " עס איז קיין שטאָלצקייט גלייך אַלס ווי דייך

1140 שטאָלצהייט איז, אָבער אויך איז קיין דעמוטיקייט

גלייך ווי דיינע דעמוטיקייט". איבז אנ, מחזור 4, ז"18.

ם דעמוטיג/דעמיטיג.

1676 " די פרוי |די| זול ניקש איבריגש רידן אונ' צויכטיג

1140/1 אונ' דעמוטיג זיין, דא ווערט איר תפילה גיהערט |...|".

ברנט שפיגל, פרק יד.

1723 " האשטו ליב דיא דעמיטיגי לייט דא ווערשטו דייני

1161 יאר אויז לעבן |...|". לב טוב, 2, דף 2/52.

1760 " והאיש משה ענו – דעמיטיג".

1162 מלים לאלוה, במדבר, יב, דף 1/93.

|| דעמוטיקייט/דעמיטיקייט.

... " וענותך - און' דיין טעמוטקייט".

רייכלין 8, תהילים, יח - לו. 1146

1544 " דוא גיבשט ליבר הער גוט דיין הוילף און' גרושי

קראפט.// דוא בישירימשט מיך בור אלר נוט דייך 1165/1

דעמוטיקייט אן מיר האפט". שמואל=בוך, סטר' 1723.

1676 " אין חכם שריבט עש איז קיין היפשרי צירונג

אן איינם מענשין אז דעמוטיקייט". ברנט שפיגל, פרק כח. 1144

1711 " בוז דער דייך ישראל האט גיזעהן אירי |...|

גרושי (ענוה) פון דער צדקת אירי דעמטקייט, דז זיא 1165

ניט האט אויף גיהובין אירי גויגין צו זעהין".

נחלת צבי, במדבר, ג/ג.

דעמוטיגליך - אדי. דזוו דעמוטיק.

1668 " אונ׳ דאש פפערד קערט זיך גיגן איס <u>דעמוטיגליך</u>

1147 אונ׳ עש לעקט זיין האנד מיט זיינר צונגן".

<u>יוסיפון, 3, דף מג</u>.

<u>דעמיטיגן זיך</u> - וורן/זיין אונטערטעניק.

1668 " אונ׳ דארום זא אייל שנעל אונ׳ ביהענד אונ׳

1148 קום צו מיר אונ׳ <u>דעמיטיג</u> דיך פאר מיר".

<u>יוסיפון, 3, דף מז</u>.

דע-

ד ע ם ; ז ע ל ב (י ק ) ן - ---- ← <u>זעלב(יק)ער.</u>

(?נ?) ד ע מ י = ד ז ש א ה ן - דער, =ס. (אמ?) בנב.

1947 " אַ גרויסער ברייטבייכיקער דעמי=דזשאהן - //

1154 אַ מאָל פּלעגט מען זויפֿן פֿון אים ראָם - // שטייט

גלאַנציק און פֿוסט". א. צייטלין, 5, 275.

(?נ?) דעמי ורג - <u>דער, בא.</u> 1. אין אלטן גריכנלאנד - דער נאמען פון די פרייע האנטווערקער, מייסטערס, קינסטלער, שפעטער - דער העכסטער רעגירונגס=מאן אין די זארישע מדינות.

2. אין דער פלאטאנישער פילאסאפיע - די געטלעכקייט ווי דער וועלט=באשאפער.

3. ששאפערישער כוח, שאפער.

(?נ?) ד ע מ י ט אָ ס - <u>די. בא.</u> קליין טעפּעלע(געמיינט מיט קאָוועט), ~~אָדער אַנגעגאָסן אַ העלפט.~~

1932 " דער טײַך איז אַ <u>דעמיטאָס</u>// מיט דאַמפּנדיקער קאָוועט".

<u>נאָדיר, 4, 24</u>.

ד ע מ י ט י ק - ---‑→ דעמוטיק.

305 דע-

ד ע מ י ל י ט א ר י ז א צ י ע – <u>די,בא.</u> אקט אדער

רעזולטאט פון דעמיליטאריזירן.

30 דע־

דעמיליטאריזירן — טרוו. אַפּשאַפֿן דעם באַניץ פֿון מיליטער, מיליטערישע באַפֿעסטיקונגען און וואָפֿן אין א געוויסן ראַיאָן, געגנט, מדינה.

דעמימאַנד - דער, באַ. די סביבה פון אויסגעלאַסענע פּרויען, געליבטע פון גבירים, קאָקאַטקעס אד"גל, וואָס באַמיִען זיך אין זייער קליידונג און אויפפירונג נאָכצומאַכן דעם שטייגער פון דער"הויכער" געזעלשאַפט.

1944 " אלע דעמימאַנד=דאַמען, וואָס קוקן אויס אויף צופּעליקע און באַשטימטע קאַוואַלערן". שניאור, 8, 247. 1167

ד ע מ י = מ אַ נ ט ל - דער, =ען. האַלב=מאַנטל, געמיינט
אַ דעמי=סעזאָן=מאַנטל (--->).

1936 " אַט דער הויכער אויסלענדישער אינעם דעמי=מאַנטל
מיטן שפּאַלט בין דער טאַליע באַמערקט, ווי דער געלער 1169
יונג |...| דערמאַנט זײַן עלטער=זיידן |...|".
גאָדינער, פּער 35, 52.

ד ע מ י נ ו ט י ו ר – ----< **דעמינוטיוו.**

ד ע מ י ס י אַ נ י ר ן – אוטוו. אָפּזאָגן זיך פֿון אַן אַמט, פּאָסטן.

1951 "די רעגירונג האָט טאַקע דעמיסיאָנירט |...|".

1172 א. מאַקאָווסקי, פּער 106, 280.

ד ~~ע~~ מ י ס י ע – ← דמיסיע.

ד ע מ י = ס ע ז אָ ן = מ אַ נ ט ל – דער, =ען.

לייכטער מאַנטל, דינט אַנצוטאָן אין סעזאָן צווישן זומער און ווינטער, ד"ה אין האַרבסט.

1934 " דער ראַיירטער האָט פֿאַרשפּיליעט זיין דעמי=סעזאָן= מאַנטל אויף אַלע קנעפּלעך". ברעגמאַן, 2, 129. 1184

ד ע מ י ק אָ ט אָ ן – דער, בא, פּפּ (פּטמ)

דעמיקיטאָן.(עלט)מין צייַג, האַלב פֿון באַוול, האַלב פֿון לייַן.

1904 " מרדכי=נתנס שניטקראָם |...| אין דאָס ערשטע

געווענטשניט אין כתרילעווקע, וואָס דאָרטן קריגט איר 1186

אַחוץ דעמיקיטאָן, ריפּס, |...| אויך דראַפּ און טריקאָ

|...| און אַלצדינג, וואָס אַ האַרץ גלוסט".

שלום=עליכם, 17, 178.

ד ע מ ל ט י ק – ----> דעמאלטיק.

ד ע מ ס – פאסעסיוו=בייגפאל פון אנווייזיקן פראנאם
"דער" אין דאטיוו.

1843 " הערט דר מענטש וויא ר' גרשונס זון זאגט צו
1191 דער מוטר איך וויל דיר מבשר זיין א בשורה אז
דמס |=דעמס| פטר הט מען גינומן איך קייטיך".
איבז אנ, שבחי בעש"ט.

1948 " |...| כאטש דער מויער איז געווען//ניט דעמס
1192 און ניט יענעמס". ראלניק, 3, 234.

... " גאנצע יידישע שטעט און שטעטלעך האבן דא אויף
1193 דעמס, דא אויף יענעמס באפעל גענומען מיט די
בעבעכעס מאכן ויסעו=ויחנו". קאציזנע, ד4, 182.

(?נ?) ד ע מ ע ד ז ש - |=ן?| (אמ, נא) שאדן, היזק.

317 דע־

(?נ?) ד ע מ ע ט ע ר - נאָמען פֿון דער גריכישער געטין

פֿון לאַנדווירטשאַפֿט.

(?נ?) ד ע מ ע נ ט י ע – <u>די. בא.</u> דערוואַרבענע שוואַכזיניקייט (להיפך צו דער אײַנגעבוירענער).

ד ע מ ע נ ט י ר ן – טרוו. (עלט) אָפּלייקענען.

1870 " מיר דרוקן דאָס אָבער אין דער האָפענונג אַז

1199 אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן אין יענער געגנט וועלן זיך

באַאיילן די פֿאַלשע נאַכריכט |=ידיעה| צו דעמענטירן".

פער 177, נ' 22, ז' 163.

1970 " פֿון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? – דעמענטירט

1200 דאָס אַלץ! – נישט נייטיק, און רעד נישט צו פֿיל".

זוהר, 1, 65.

· · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · · ·

רעד: קלאָר, אַז זוהר "באַנייט" נישט דאָס עלטערע

וואָרט, נאָר ניצט עס ווי אַ "פֿראַנצויזיזם"

(dementir). איז ווי אַזוי דאַרף מען זיך באַציען

צום וואָרט בכלל? אפֿשר איז אויך דאָס וואָרט אין

דער ערשטער ציטאַטע נישט קיין פֿאַרעלטערטע יידישע

פֿאָרמע, נאָר אויך אַ פֿראַנצויזיש?

דעמער – <u>דער, בא.</u> (<u>פּאָעטיש</u>) בין=השמשות, (איבערגאַנג צווישן טאָג און נאַכט און צווישן נאַכט און טאָג), האַלב=טונקלקייט.

1924 " וואָס ווײַס איך דען פֿון ווײַטקייטן און נאָענטן,

1212 אַ <u>דעמער</u>,// דער טאָג איז ערשט אַוועקגעגאַן |...|".

<u>מאַרקיש, פּער 100ב, 24</u>.

1936 " זו זיך אויף אין בלאָען רויך. טוסט אַן דײַן

1214 ברייט הוט // און שפּרײַזסט אַוועק אין מאָרגן=<u>דעמער</u>

איבער די בולוואַרן". <u>סוצקעווער, 3, 41</u>.

1948 " אין קאַזמירערזש פֿאַר נאַכט, אין דעם טונקעלן <u>דעמער</u>,//

1211 עס קומען נאָך מעטשן און ציען דעם עמער".

<u>סעגאַלאָוויטש, 12, 82</u>.

דעמערדיק - אדי/אדוו. (פּאַעטיש) ביז=השמשותדיק, האַלב טונקל.

1936 " איך שפּרייז אַוועק אַ באַרוועסער אויף דעמערדיקע שטיגן". סוצקעווער, 3, 28. 1219

1956 " צום הימל - פֿון דער דעמערדיקער מיזרח=וואַנט אַן אויפֿשריפֿט - האָט פֿאַרצווייפֿלט פֿון אַ קינד אַרויסגעשריגן". מאַרקיש, 11, 533. 1217

1972 " |...| און עס פֿאַכען מיט פֿליגל פֿון געזעגן// איבער דעמערדיקן שוים - // קרוממויליקע פֿייגל". שאַרגעל, פֿער 38, נ׳ 76, ז׳ 198. 1217/1

ד ע מ ע ר ו נ ג – די, =ען. (פּאעטיש) דזוו דעמער.

1920 " אין דעמערונג געפלויגן איז אַ גרויסער ראָב
|...|". יהואש, ליד "זעאונגען". 1226

1930 " אַ שטילע דעמערונג, אַ בין=השמשות=ליכט האט
איינגעהילט זיינע חברים |...|". איינהארן, 7, 184. 1232

1943 " |...| האט אַראָפּגעשיינט אין דער אָוונטלעכער
דעמערונג דאָס ליכט פון זיין אויסגעצויגענעם, אויסערגעוויינלעך? 1223
בלייכן פּנים". אש, 14א, 19.

ם דעמרינג.

1760 " מהנשף ועד הערב – דעמרינג". מלים לאלוה, דף 2/77. 1224

1767 " נשף ב. לילה וחושך, נאכט. פינשטר. דעמרונג". 1225
ס' דברי יושר.

דעמער(י)ש - אדי/אדוו. (פּאעטיש) ביז=השמשותדיק, האלב טונקל, דעמערדיק.

1922 " ווי גרינג איז אַוועקגיין פֿון בלאַלעכע גאַסן,// ווי לייכט איז זיך שלעפּן מיט דעמערשע קניִען". 1236

האלקין, 1, 24.

ד ע מ ע ר ן - אוטוו. (פּאעטיש) איבערגיין פֿון טאָג צו נאַכט אָדער פֿון נאַכט צו טאָג, ווערן בין=השמשות, ווערן האַלב טונקל.

1894|1895?| " ניט שרעקט זיך פֿאַר הענקער מיט זייער תּליה,// קעמפּט און קלינגט אין פֿרייהייטסגלאָק // און זייט די אַלוועלטלעכע שקלאַפֿן מודיע,// אַז עס דעמערט שוין דער באַפֿרייונגס=טאָג!". עדעלשטאַט, 1, 97.

1929 " שטיל איז אין פּאַלאַטעס. ס'דעמערן געזיכטן |...|". מאַרקיש, 4א, 239. 1237/1

1963 " דאָ האָט נאָך געטונקלט דער ווינטערטאָג. באַלד האָט געדעמערט דער בין=השמשות". באַשעוויס, 4, 267.

0 דעמער=צושטאַנד - דער, =ן. 1. צושטאַנד צווישן וואַכעדיקייט און שלאָף.

2. (מעד) צײַטווײַליקע באַוווּסטזײַן=שטערונג.

1951 " דאָס איז אַ דעמער=צושטאַנד, איך וועלכן די קראַנקע

|עפּילעפּטיקער| קענען אָפּטאָן גאָר גרויסע פֿאַרברעכנס. 1253

|...| אַט דער דעמער=צושטאַנד קען געדויערן שעהען און

אַמאָל אויך טעג". פּער 152, נ' 3 - 5.

דעמער=שעה - די, =ען. בין-השמשות.

רעד: מיר האָבן ציטאַטן פֿון פּריצ ווײַנינגער מיט

אַזעלכע "אויסטערלישע" צונויפֿהעפֿטן ווי:

דעמערהענט, דעמערווײַן, דעמערמילך...

ד ע מ פּ I - ----> דעמפּיק I.

ד ע מ פּ !! - -----← דעמפּיק !!.

דעמפּיק ! – אדי/אדוו, פּפּ (זן) דעמפּ.

דורכגעזאַפּט מיט דאַמף; פּאַרנע, פּייכט, שטיקנדיק.

% דער חדר, ווו מ'האָט געלערנט, איז געווען אין אַן
ענגן דעמפּיקן צימער. אין דרויסן איז דעמפּיק, ניטאָ
מיט וואָס צו אָטעמען.

1925 " דעמפּע ווילדע וועלדער דאָ און דאָרט". י.י.שווארץ, 1256
3, 9.

1929 " כאָטש ס'האָט זיך געפּילט |...| אַ דעמפּיקע פּאַרע
פון געשיר=וואַשן, איז פּאַרט געווען אין די שטיבלעך 1273
שטענדיק שבת=נאָכמיטאָגדיק". מ.ווינער, 2, 14.

1945 " ערד פון אוקראַינע האָט |...| דעמפּיק געאָטעמט
מיט ריחות פון טומאַנען". באַריישא, 3, 417. 1271

1957 " די הייזער ענגע געשטאַנען פאַרשווארצט און
דעמפּיק פון רעגן". ברוסילאָוו, 2, 156. 1272

דעמפּיק !! - אַדי/אַדוו, פּפּ (זן) דעמפּ,דומפּ(יק).
(וועגן קלאַנגען) פֿאַרשטיקט, פֿאַרטויבט, אומדייטלעך.

% פֿון דער ווייטן הערט זיך אַ דעמפּיק דונערן פֿון האַרמאַטן.

1956 " מען האָט געהערט דעם דעמפּיקן געקלימפּער פֿון די דיסקן און דעם אָפּגעהאַקטן קלאַנג פֿון מינעוואַרפֿערס".
מ.מאַן, 2, 181.

|| דעמפּיקייט - די, באָ. אייגנשאַפֿט פֿון זיין דעמפּיק.

א 229 ה–

ד ע מ פ ( י ) ק יי ט – די, בא. אייגנשאפט אדער מצב פון

זיין דעמפיק. % ס'פילט זיך אין דער לופט א דעמפיקייט,

ס'וועט מסתמא זיין א שטורעם.

1962 " פאר נאכט האט די היץ האך געשלאגן מיט דעמפקייט".

1299 זאקאליק, 1, 43.

דעמפּן I – טרוו, פּפּ דעמפּן. 1. מאַכן ווינציקער
אינטענסיוו, (פֿאַר)שטיקן, (פֿאַר)לעשן, פּאַרטויבן.

% דעמפּן דיקלאַנגען, דעמפּן די טריט. דעמפּן די געפֿילן.

1924 "...| און אַ ריח איז געווען זייער שוין אַ

1285/1 געדעמפּטער". ע. וואַרשאַווסקי, פּער 100ב, 27.

1955 " זיינע ברייטע געמאָסטענע שריט זיינען געדעמפּט געוואָרן

1285/2 אינעם שניי". שפּיגל, 3, 93.

1949 " אַ געדעמפּטע אָנשטרענגונג איז געשטאַנען אין

1285/3 דער לופֿט און געשוועבט איף הערצער". י.י.זינגער,9,276.

2. (עלט) אונטערדריקן, באַהערשן.

1882 " ערשט איז געווען אַן אויפֿשטאַנד אין יענע געגנטן,

1290 און כאַטש מיט שטאַרקער מיליטערישער קראַפֿט האָט מען
זי |אים| געדעמפּט, נאָר פֿון הארצן האָט מען די שינאה
צו עסטרייך ניט אַרויסגענומען". פּער 74,V/20.

331 דע-

1909 " מיר האבן שטענדיק געהאט העלדן, וואס האבן געקעמפט,//

1276 נישט אײַן שטאַרק פײַנט האט זייער מאכט געדעמפט".

גאלדפאדען, 3, 11.

ד ע מ פּ ן II - פּפּ דעמפּן. 1. טרוו. קאכן אין דאמף.

% דעמפּן פלייש.

1958 " טראגט זיך אין דער לופט א |...| געדיכטער ריח

1286/1 פון |...| געדעמפּטע בורעקעס=בלעטער און רעטעכזופּן".

ר. קוויטקאווסקא, פער 47, יוני, ז' 4.

2. אוטוו. זיין דורכגעזאפּט מיט דאמף.

1930 " און אין ווייסן דאמף פארצויגן,// רויטע רעדער

1284 פאר די אויגן,// |...| דעמפּט די שטאט שוין אומפארשעמט

|...|". ליעסין, 1, 317 - 321.

3. טרוו. (עלט) פארברענען, רייכערן עפּעס (פלייש, בשמים א"א)

כדי ארויסצוברענגען א ריח.

1881 " רבונו=של=עולם, אונדזער תּפֿילה זאָל זײַן גלײַך

אַז די קטורת, וואָס דער כהן גדול האָט **געדעמפֿט** אויף 1292

דעם מזבח". אנ, אײַך נײַע שם תחנה, ששה סדרים.

1941 " און דאָס פֿעטס פֿון דעם זינדאָפּפֿער זאָל ער |אהרן|

דעמפֿן אויפֿן מזבח". תרגום יהואש, ויקרא, טז – 25. 1289

|| **דעמפֿן זיך** – זײַן אין דאַמף, ארויסברענגען דאַמף.

1948 " |...| עס האָט אַ היץ פֿון זײַנע אויגן זיך

**געדעמפֿט**". מארקיש, 9, 17. 1293

**דעמפֿונג** – די, =ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעמפֿן, ב׳ 3.

1885 " ניט קײַן קטורת און קײַן קרבן. ניט קײַן **דעמפֿונג**

און ניט קײַן נחת רוח פֿאַר גאָט פֿון אַ קרבן". 1259

אנ איבז, מחזור 4, ז׳ 254.

דעמפּעכץ - דאָס, =ן. 1. אַ מאכל וואָס איז געמאַכט דורך דעמפֿן.

1971 "אַ שווערן מאַלצייט האָבן זיי אַרײַנגערוקט: געהאַקטע געהירן, יויך מיט לאָקשן |...| אַ דעמפּעכץ, געוויקלט קרויט |...|". רעסלער, 2. !!!V/1. 1295/1

2. עפּל=קאָמפּאָט "|קטוו|. % "איך וועל דיר געבן קוילעטש מיט דעמפּעכץ מיטצונעמען אין חדר"|קטוו|.

........................................................

רעד: ווי אַזוי קען מען באַשמירן קוילעטש מיט קאָמפּאָט, וואָס איז דאָך שיטער? האָט מען מיטגעגעבן קאָמפּאָט אין אַ טעפּעלע באַזונדער? - ס'לייגט זיך גיכער אויפֿן שכל אַז מע מיינט "אײַנגעמאַכטס פֿון עפּל",קאָנפֿיטורן - דאָס קאָן מען יאָ שמירן...

........................................................

דעמפטאפ – דער, מצ~ טעפ. ספעציעלער טאפ צו דעמפן מאכלים.

1926 "נעמט 2 צעבראקטע ציבעלעס |...| אין א דעמפטאפ, גיסט אריין א ביסל וואסער |...| און קאכט ביז די ציבעלע וועט ווערן ווייך". מעשולאוו, 1, 114.

□ דעמפן/דעמפפן.

----> 3.

1602 " |...| דארום דאז זי מיך ורלוסן אונ' |...|

1282 גידעמפיט אנדרי גיטר |...|". ס' ירמיה, יט – 3.

1743 " אונ' ווען דר בן אדם פר זי |זיי, די חיצונים|

1279 דעמפט אונ' רויכט דז קטורת, דא אין ער זי מקבל פאר איין אפ גאט". קב הישר, 2, דף לא.

|| דעמפונג/דעמפפונג

1610 " אונ׳ ער זאל דעמפפן אויף אים אהרן דעמפפונג גיווירץ אם מורגן". טייטש=חומש, שמות, ל - ז. 1279/1

1716 " מיין דעמפונג אונ׳ מיין איל האשטו גינומען אויף דיין טיש". ס׳ המגיד, 3, יחזקאל, כג - מא. 1261

ד ע מ פֿ ן - ----> דעמפֿן !!.

ד ע מ פּ ע ר – דער, ד=ס. 1. מכשיר שטילער צו מאַכן דעם קלאַנג פֿון די סטרונעס בײַ אַ פֿידל אד"גל; סורדינע |סטוטש 286|

2. מכשיר שטילער צו מאַכן, פֿאַרטויבן דעם גערויש פֿון די גאַז אויפֿרײַסן בײַ אַן אויטאָ |סטוטש 175|.

(?ב?) ד ע מ ק ע – די, =ס. (רעג וור) דזוו דענקע, דענעק
1298 (פּוק אַ היטל) |קטור|.

ד ע ן I – בינדוואָרט, צווישן זאַצן. (עלט) ווײַל, מחמת.

1836 " נאָך די קרעפּטן און געוויקס פֿון קינד איז
1300/1 געוויינען צום קילערן לופֿט, דען מיט איין מאָל אָב
צו געוויינען איז זער ניט געזונט". בערלאַנט, 1, 45.

1871 " עס האָט אים באַנומען דער לשון פֿון גרויס צאָרן,
1300/2 דען ער האָט דאָרט שיער די פּאָפּלעקציע (=אַפּאָפּלעקסיע)
באַקומען". דיק, 54, 32.

1903 " און ער קעמפּט אויף באַריקאַדן, // דען צו שווער
1300/3 איז אים צו טראָגן // פֿון זײַן 'פֿאָטערלאַנד' די לאַסטן, //
פֿון די פֿירשטן און הערצאָגן". באָוושאָווער, 1, 81.

1972 " |...| דער קריטיקער דאַרף דעם לייענער ניט
1300/4 אַרײַנלייגן קיין פֿינגער אין מויל, דען ער זעט ממילא, ווי
ווײַט דער דערציילער האָט אָפּגעהיט אַ טאָפּעלע געטרײַשאַפֿט
|...|". ד. סדן, פּער 38, נ' 76, ז' 97.

ם

<u>דען</u>.

1544 " דא לישן זיא איריא באטן גין געץ קרית יעדים
גון// דאש זיא איך זולטן זאגן דער שריין אישט 1300/5
ווידר קומן.// <u>דען</u> אונש דיא פלישתים אים שטרייט האבן
גינומן". <u>שמואל=בוך, סטר 113</u>.

1602 " אירי גרונט פעשט זיין גיפאלן אירי מויארן זיין
אב גיבראכן <u>דען</u> דאש איז גאטש ראכונג". 1300/6
<u>ס' ירמיה, נ - טו</u>.

1700 " זגט דר מלך איך הב קיין מאל גזעהן איין גנייטי
זאך זאל איין קיום הבן <u>דען</u> ווי די נויט קערט זיך 1300/7
אפ קומט עש ווידר אוף דר ערשטר שטעל".
<u>שבט יהודה, דף לא/ב</u>.

ד ע ן II - פארטיקל. 1. איז ניט אקצענטירט, קומט
אין פרעגזאצן, עמפאטיזירנדיק די פרעגיקייט מיט
ניואנסן פון ספק, פארוווּנדערונג, אומגלייבן,
אומזיכערקייט אין דעם וואס מע פרעגט.

...182 " ווער איז דען אין הימל גאר אלץ מיט אנאנדער?
1301/1 ווער איז מטייל מיט השי"ת אליין? ווער האט די א
גרעסטע דעה |...| אז נישט נאר דער בעש"ט אליין?".
מאלאגא, 1, 283.

1873 " זי|די קליאטשע| איז דען ניט קיין לעבעדיקע
1301/2 באשעפעניש?". מענדעלע, 1, קאנק 121940.

1906 " וואס, איך וועל דען ניט אליין קענען אויסקארעזשירן
1301/3 די גרייזן אין אייער לידל?". רייזען, 4, 96.

1934 " צי קען דען ניט אמת זיין, אז עס האט מיך//
1391/4 מיין מאמע א גרייז־גראען, נעבעך, געבוירן?".
מ.ל. האלפערן, 4, 262.

1974 " ער טראַכט - איז עס <u>דען</u> מעגלעך? אַפֿילו די דײַטשן
וועלן נישט אויסקוילען מיליאָנען מענטשן |...|". 1301/5
<u>עלבערג, 2, 132</u>.

2. איז אַקצענטירט, קומט אין פֿרעגזאַצן, צוגעבנדיק דער
פֿראַגע דעם ניואַנס: וואָס (זשע) <u>אַנדערש</u>? וואָס(זשע) <u>נאָך</u>?
וואָס איז די ברירה? ווילסט אַן עפּעלע, מײַן קינד? -
ניין! - אפֿשר אַ באַרעלע? - ניין! - וואָס <u>דען</u> ווילסטו?

1869 " |...| וואָס זשע <u>דען</u>? - מיר זאָלן זיך גלאַט אַנטון
קורצע |...| רעק מיט לאַמפּאַסענע פּאַנטאַלאָנעס, |...| 1301/6
אויפֿגעזעצטע פּאַפּירענע קעלנער, |...|. נאָר וואָס קען
דער תּכלית דערפֿון זײַן?". <u>עלי קצין, פּער 177, ג'16, ז'114</u>.

1902 " |...| זיי אַליין |די רביים| זענען גלאַטע ייִדן;

1301/7 דער רבי וויל אויך לעבן, ובפֿרט ער האָט נעבעך קיין

אַנדערע פּרנסה נישט, וואָס <u>דען</u> זאָל ער טון?".

<u>לעווינזאָהן, 1, 32</u>.

1910 " מן=הסתם איז ער געניט - // חייל דאַרף מען, ווי

1301/8 <u>דען</u>? ניט?". <u>פּרוג, 2, 190</u>.

1934 " געוויס וועל איך אַטוועטשאַיען |=טראָגן די אחריות|,

1301/9 ווער <u>דען</u>, דו?". <u>גאָלדשטיין, 1, 83</u>.

ד ע ן !!! - אדוו. (עלט) דאַן, דעמאָלט.

1844 " נאר אום זיך ניט צו פאטיגירן אין וועג |...|
ניט צו קומען, דען בעט איך געפעליגסט מיר אב צו 1302/1
שרייבן בעשטימט אין וויפיל עס בעשטייט אייערע ווארען,
וויא טייער דער פוד, דער לעצטער פרייס". ~~ליאנדאר~~, 1, 35.

1544 " זולן וויר דען שטערבן זוא רעכן מיר אונש ואר//
מן מוש ואר וויל היידן ליגן אוף איין באר". 1302/2
שמואל=בוך, סטר' 806.

1723 " היב אויף דז בעקין אונ' זאג כהא לחמא עניא
מיט הוכר שטים, דען שענק דיא גלעזיר ווידר איין". 1302/3
ברכת המזון, דף מח/א.

ם דען IV – בינדוואָרט. (עלט) נאַר, בלויז. (?ב?)

1723 " טאָג און' נאַכט טונן זי נישט אַנדערש דען

1303/1 איטל געטליכע זאַכן". לב טוב, 2, |דף 10/1?|.

347 דע-

(?נ?) ם     ם ד ע ן V - בינדוואַרט. נאָר, סיידן.

1544 " נימנט זולט זיא שיידן דען דער ביטר טוט".

1303 שמואל=בוך, סטר׳ 383.

(?נ?) ם ד ע ן VI - אַרטיקל. 1. אַקוזאַטיוו אַצ פֿון "דער".

1544 " זיאַ בונדן אין דען לאַבן אז ויל מויין גולדיין".

1304/1 שמואל בוך, סטר 111.

2. דאַטיוו מצ פֿון דער, די, דאָס.

דעז VII - אדוו. (דיאל) דאַן, דעמאַלט |סטוטש 75|.

ד ע נ אַ ט ו ר אַ ט – דער, =ן. ספּירט מיט אַ צומיש פֿון שטאָפּן, וואָס מאַכן אים שעדלעך צו טרינקען.

1927 " באַזונדערש שעדלעך איז פֿאַר די אויגן דער
1355 האַלץ=שפּירעט (מעטיל=אַלקאָהאָל), וועלכער געפֿינט זיך געוויינלעך אין דענאַטוראַט, אַדעקאַלאָן |...|".
פֿער 151, נ׳ 19.

1931 " איך שטאָפּ אָן |...| מיט דענאַטוראַט מײַן באַקלאַשקע,
1355/1 און מיר קלײַבן זיך גיין צו דער באַטאַרייע".
ברעגמאַן, 1, 74.

ד ע נ א ט ו ר א ל י ז אַ צ י ע  –  די, =ס.

אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דענאַטוראַליזירן.

ד ע נ אַ ט ו ר אַ ל י ז י ר ן  – <u>טרוו</u>.צונעמען די בירגערשאַפט.

ד ע נ אָ ט ו ר ד אַ צ י ע – די, באַ. אַקט פֿון דענאַטורירן.

ד ע נ אַ ט ו ר י ר ן – **טרוו.** ענדערן די נאַטור פֿון אַ פּראָדוקט, מאַכן אוממיגלעך דאָס געווייִנטלעכע באַניצן אים, דורך צומישן צו אים אַן אַנדער שטאָף.

ד ע נ א ך - |אדוו?| . (עלט) דאך, פון דעסטוועגן, טראץ דעם.

1910 " איר שלעפט, ארעמע ארבעטער? און דענאך איז אייער
1368 בעט א הארטע אן א קישן צו קאפנס, אן א פערענע אונטערן
זייט |...|". ווינטשעווסקי, פער 125, אקטאבער, ז' 31.

ם דענוך/דענוכט.

1544 " דש בור דרוש רונה אונ' דענוך שווייג זיא שטיל".
1365 שמואל=בוך, סטר' 16.

1626 " אונ' ווען ער שון גליטשט (לא יוטל) ווערט ער דענוכט
1365/1 ניט גיווארפין דן ער זעלט גלאט אונ' גאר פר לוזן זייך".
ס' המגיד, 1, תהילים, לז - כד.

1721 " נוך דענוך ביטן מיר מך פרייא אל די בישעפנש |...|".
1365/2 מחזור, 2, דף מג.

ד ע נ אַ מ י נ אַ ט אָ ר – דער, =ן. 1. (מאַטעם) טיילוויַיזער פֿון אַ בראַכצאַל.

2. (פֿיג) שוהפֿותדיקער שטריק, עפּעס וואָס פֿאַראייניקט.

1953 "פֿאַרשײדענע גורמים באַשטימען די מאָס פֿון
1371 קולטורעלער פֿאַרוואָרצלונג אין לאַנד, און מע קאָן דאָ
ניט פֿעסטשטעלן קיין אַלגעמיינעם דענאַמינאַטאָר".
נ. תמיר, פֿער 38, נ' 16, ז' 26.

ד ע נ אָ מ י נ אַ צ י ע – די, ־ס. 1. נאָמען, אָנרוף,

באַצייכענונג.

2. (אַמ) רעליגיעזע עדה מיט אַ געוויסן נאָמען.

1953 " יעדער גוטער פּראָטעסטאַנט אין אַמעריקע וואָלט וועלן,

אַז אַלע אַמעריקאַנער זאָלן ווערן פּראָטעסטאַנטן און זאָלן 1376

נאָך דערצו געהערן צו זײַן דענאָמינאַציע".

ח. גרינבערג, 2, 33.

1970 " די פּראָפּאָרציע פֿון אַבסאָלוטן אַנטלויף פֿון ייִדישקייט

איז תמיד געווען אַ קליינע. די וויבראַניקעס |פֿון ייִדישקייט| 1379

האָבן מיט זיך נישט פֿאָרגעשטעלט קיין סכּנה פֿאַר דער

גרויסער מיליאָניקער מחנה, וואָס ציילט זיך שטאָלץ

ווי ייִדן, פֿון אַלערליי דענאָמינאַציעס און שאַטירונגען".

י.ג|לאַטשטיין|, פּער 69,XI/1.

358 דע־

ד ע נ אָ נ ס י ר ן — טרוו. איינזײַטיק בטל מאַכן אַן אָפּמאַך צווישן צוויי מדינות.

359 דע-

ד ע נ א צ י אָ נ אַ ל י ז אַ צ י ע - די, באַ.

דאָס פֿאַרלירן די שטריכן פֿון דער אייגענער נאַציע, דער אוועקגאַנג פֿון דעם אייגענעם פֿאָלק.

... "מיר האָבן געוווסט, אַז דענאַציאָנאַליזאַציע פֿירט דעם ייִדן צו קולטורעלער דעגראַדאַציע |...|".

1381

מ. וויינרייך, פֿער 94, נ׳ XVII.

(?נ?) דענאציאנאליזירן - טרוו.

גורם זיין דאס פארלירן די שטריכן פון דער נאציע.

ד ע נ א צ י פ י צ י ר ן - טרוו. אויסראיניקן דעם

דייטשישן מלוכה=אפאראט פון געוועזענע נאציסטן נאך

דער צווייטער וועלט=מלחמה.

דענאַציפֿיקאַציע - די, בא. די אַקציע פון

אויסרייניקן דעם דייטשישן מלוכה=אַפּאַראַט פון געוועזענע

נאַציסטן נאָך דער צווייטער וועלט=מלחמה.

דענאך - ←----- דעניק.

(?נ?) ד ע נ אַ ר - דער, =ן. (עלט) מטבע איך פּוילן איך מיטלעלטער.

1973 "דער בריקשטייער, וואָס פּשיטיק האָט געצאָלט איז

1383 געווען 4 דענאַרן פון יעדן וואָגן מיט סחורות".

יזב 18, 57.

(?ב?) דענגע - די, =ס. (לאקל קוטנע?) דזוו דעניק

(פון א היטל).

1386 1921 " א הוט מיט א הויכער דענגע". אש, ד1, 87.

.....................................................

רעד: מיין פרעגצייכן וויל זאגן, אז אויף אשן קען מען זיך ניט אין גאנצן פארלאזן, צי האט מען טאקע אין פוילן אזוי ארויסגערעדט דאס ווארט, ווי ער שרייבט עס אן...פון פוילישע יידן האב איך טאקע געהערט "דענקע". אין פויליש איז דא Denko ~~[illegible]~~, אבער ניט אין דעם באטייט, נאר "א קליינער דנא".

.....................................................

פֿפֿ דײַנדי.

דענדי - דער, =ס, א מענטש, וואס קליידט זיך זייער (אפט גוזמאדיק) עלעגאנט, לויט דער לעצטער מאדע.

|1931-1926| "גריך האט |...| פארקעמט די צעווארפענע האר |...|, און איך גאנצן האט ער דערמאנט אי א דענדי אי א פריזירער". אפאטאשו, 7, 71. 1387

1947 " איצט האב איך זיך איבערגעטאן |...|, מאניפולירט מיטן קראוואט, ווי א דענדי". סעגאלאוויטש, 11, 104. 1389

ד ע נ ד ר אָ ל אָ ג - דער, =ן. געלערנטער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דענדראָלאָגיע.

ד ע נ ד ר אָ ל אַ ג י ע - די, באָ. טייל פון דער באָטאַניק,

פֿאַרנעמט זיך מיט שטודירןביימער און קוסטעס;ביימער-קענטעניש,

ד ע נ ד ר אָ מ ע ט ר י ע – <u>די, באַ</u>. די וויסנשאַפט וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט שטודירן די מיטלען צו מעסטן די האָלצמאַסע פֿוןביימער און דעם צוווואַקס פֿון ביימער אין אַ וואַלד.

ד ע נ ד ר אָ ן - דער, =ען. (אנאט) מין נערוון=קעמערל
|סטוטש 240|.

(?נ?) ד ע נ ד ר אַ ף - דער, בא. (אַמ, נאַ) שופּן אויפן קאָפּ
|סטוטש 416|.

ד ע נ ד ר י ט - דער,=ן. (אנאט) אפּצווייג פֿון א נערוון=קעמערל וואָס פֿירט דורך דעם אימפּולס צום קעמערל.

ד ע נ ו נ צ י אַ ט אָ ר - ----← **דענונציאַנט.**

ד ע נ ו נ צ י אַ נ ט — דער,=ן. (עלט) דער וואָס ע

דענונצירט; מסור.

1887 " דערויף האָט אים |יהושען| גאָט געגעבן אַ תשובֿה:

1400 'ולכי דלטור אני לך? הפּל גורלות (בין איך דען דיין מסור—

דענונציאַנט — וואַרף גורל)". פער 74, נ' 23, ז' 347.

ד ע נ ו נ צ י א צ י ע - די, =ס. אקט פון דענונצירן;

מסירה.

ד ע נ ו נ צ י ר ן – טרוו. מסרן, אויסגעבן, מלשין זיין.

1947 " אויב די דייטשן פלעגן ביז דעמאלט יעדן אויסבאהאלטענעם

1404 יידן, וואס זיי האבן געפונען אדער וואס מען האט דענונצירט,

דערשיסן אויפן ארט, איז איצט געוועז פארקערט|...|".

יזב 8, 210.

ד ע נ ט א ל – אדי/אדוו. שייכדיק צו ציין.

% דענטאלע קליניק.

דענטאלער קלאנג – א קאנסאנאנט וואס ווערט ארויסגערעדט דורך דערנענטערן און אנרירן דעם שפּיץ צונג צו די אייבערשטע ציין (למשל, ס,ז,ט, ד).

ד ע נ ט י ן - דער, בא. מאַטעריאַל פֿון וועלכן ס'באַשטייט
אַ צאָן.

1927 " דער צאָן גופֿא באַשטייט פֿון אַ האַרטן, ווי ביין,
1406 שטאָף (דענטין)". בערלס, 1, 13.

ד ע נ ט י ס ט — דער, =ן, ווע דענטיסטין/דענטיסטקע.

1. דער/די וואס פארנעמט זיך מיט היילן ציין.

1968 " ווען די דייטשן זענען בעת דער 'אקציע'

ארייגעקומען צו זיי אין שטוב, האט פרוי פרעגער, 1415

פון פאך א דענטיסטין, געוואלט זיי אונטערקויפן מיט גאלד

גאלדענע ציין". יזב 2, 909.

2. (שגל) "א צוואנג=ארבעטער אין א טויטן=לאגער, וואס

זיין עובדא איז געווען ארויסציען גאלדענע ציין ביי 1412

די פארגאזטע". בלומענטאל, פער 90, נ' XX - 3.

|| דענטיסטיק — די, בא. די פראפעסיע פון א דענטיסט.

1970 " פון די טעכטער, האט מילא געלערנט זיך דענטיסטיק".

יזב 15, 689. 1417

דענטיסטיש - אדי, שייכדיק צו דענטסט/דענטיסטיק.

% דענטיסטישער קאבינעט. דענטיסטישע אינסטרומענטן.

דענטיסטעריי - דאס, בא. דזוו דפוו|סטומש 427|.

0 דענטיסט=טעכניקער - דער, =ס/מצ ד. דער וואס ארבעט אויס קינסטלעכע ציין.

1970 " איך די מלחמה=יארן ארבעטער אלס דענטיסט=

1415 טעכניקער |...|". י. פל, יזב 7, 139.

(?נ?) ד ע נ ט ע — די, =ס. "א שטײפּער קאָפּעליוש" |קטוו|.

ד ע נ י ז ש ק ע - די, =ס. (עלט) אמאַליקע רוסישע

קליינע מטבע, איך ווערט אַ האַלבן גראָשן, א פערטל פון

אַ קאָפּקע.

1888 " מיר שפּילן אָקעגן אַ שעה; איך האָב שוין פאַרשפּילט

1424 צוויי דעניזשקעס, נאָר איך לעב מיט בטחון".

בן=עמי, פער 74, נ' 1, ז' 203.

1896 " דו זעסט אַליין, אַז מיין פעלץ איז ניט ווערט א

1453 דעניזשקע |...|". מאָטלאָבער, 3, 32.

ד ע נ י ט ר י פֿ י צ י ר ן  -  טרוו. גורם זײַן דעם

פֿראַצעס פֿון צעפֿאַל פֿון ניטראַגען=פֿאַרבינדונגען.

דעניטריפֿיקאַציע - די, באַ. (כעמיע) דער

~~צעפֿאַל פֿון שטיקשטאָף (ניטראָגען) = פֿאַרבינדונגען~~

~~(ניטראַטן) אויסטײלנדיק בערבײַ דעם פֿרײַען ניטראָגען.~~

דאָס אויסטײלן דעם פֿרײַען ניטראָגען בײַם צעפֿאַלן

פֿון ניטראָקסאַל = פֿאַרבינדונגען (ניטראַטן).

385 דע-

ד ע נ י צ ע I – די, =ס. דער דנאָ פֿון ברעטער, אונטערשטער טייל פֿון אַ וואָגן. % דער בעל=עגלה האָט אויסגעלייגט די דעניצע מיט שטרוי, ס'זאָל זײַן ווייכער.

P: dennica

ד ע נ י צ ע !! - די, =ס. הילצערנע כלי, שעפל.

... " אויפן באנק פארן באקאויוון שטייען נאך

אנגעשטעלט די דעניצע מיט נאך אנדערע געפעס, נישט 1430

אפגעוואשן נאך פון שבת". ווייסענבערג,

דערצ׳ "צום איידעם אויף קעסט".

.................................................

רעד: אפשר מיינט דאיניצע - א מעלקשעפל?

P: dojnica

.................................................

ד ע נ י ק ! – דער, מצ דענקעס, פּפּ:דענעק, די דענקע.
דער אייבערשטער טייל פֿון אַ היטל, (דער "ווערק", סופּיט");
אין אַנדערע געגנטן מיינט עס, לויט דעם האַרטן פּאָס (ס׳רוב פֿון קאַרטאָן אַרומגענומען מיט שטאָף), צו וועלכן ס׳איז צוגענייט דער דאַשעק.
(פּוילישע פּקפּ פֿון *dno* (*P:denko*

| |
|---|
| רעד: פֿון אַלע ציטאַטן, וואָס מיר האָבן, איז ניט קלאָר צו וועלכן באַטייט זיי באַציִען זיך... אין פּוילישן וואָב האָט ניט *denko* דעם באַטייט וואָס אין יידיש. |

|...| " אַנשטאָט די פֿאַרשמאַלצענע היטל מיט דער ברייטער ׳דענקע׳ האָט ער געטראָגן אַ שטריימל". בן=עמי, פּער 74, נ׳ 15, ז׳ 419. 1600

1895 " קומט פּלוצעם אַרײַן אַ בלינדער |...| מיט אַ

1432 צעשפּאַלטענעם דאַשעק אינעם קאַשקעט, וואָס דער <u>דעניק</u>
איז שוין אײַנגעקלעפּט געוועזן אויף זײַן קאָפּ, ווי
אַן אַלטע יאַרמעלקע". <u>ליניצקי, 9, 94</u>.

... " |...| אַ שיינער ייִד מיט אַ שבתדיקער קאַפּאָטע און
1437 מיט אַ ברייטן <u>דעניק</u> אויפֿן זײַדענעם קאַשקעט".
<u>שלום=עליכם, ד7, 255</u>.

1931 " |...| אויפֿן קאָפּ טראָגט ער אַ שמאַל פּויליש היטעלע,
1531 דאָס אײַנציקע היטעלע אין שטאָט מיט אַ שמאַלן <u>דענעק</u>".
<u>ל. שאַפּירא, 2, 87</u>.

1973 " |...| דאָס בלעכל, וואָס שײַנט שטאַלץ אַראָפּ פֿונעם
1529 <u>דענעק</u> פֿון זײַן אַמטלעכן קאַרטוז". <u>ל. אליצקי, 166,5</u>.

389

1939 " |...| אַ היטל מיט אַ שמאָלער דענקע |...|".

פּערלע, 3 א', 152. 1606

1960 " אויף די קעפּ גוייִשע היטלען - בלויע מיט אויפגעשטעלטע

דענקעס". סיימאָן, 2, 69. 1607

ד ע נ י ק II – דער, =עס/דענקעס. טייל פֿון אַ טאָפּ|דנאָ?|.

..........................................................

רעד: סטוטש 263 גיט דאָס וואָרט, ביי דעקל, שטערצל.

אָבער לויט דער עטימאָלאָגיע (פּקפּ פֿון (dno → denek

איז עס גאָר דער דנאָ פֿון טאָפּ...

..........................................................

(?נ?) ד ע נ י ק י נ י ע ץ - דער, מצ דעניקינצעס.

אַנגעהעריקער צו דער אַרמיי פֿון גענעראַל דעניקין

(זען: דעניקיניש).

1929 " געוווּסט האָט מען |...| די סאָוועטן=געלט וועלן

1447 דאָך די דעניקינצעס זיכער אַנולירן". יאַפּע, 1, 99.

(?ב?) ד ע נ י ק י נ י ש – אדם. אַנגעהעריקער צו דער אַרמיי פֿון דעניקין (איינער פֿון די גענעראַלן פֿון דער א"ג ווײַסגוואַרדייער, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן דער רויטער אַרמיי בעת דעם בירגערקריג אין רוסלאַנד 1918–1922).

1938 " דער דעניקינישער אָפּיצער האט אים געטריבן פֿאַר זיך מיט אַן אַראַפּניקל |...|". גיטערמאַן, 1, 1446

דעניש - אדי. שייכדיק צו דענעמארק אדער צו די
דענער, צום דענישן פאלק.

1951 " דער באקאנטער דענישער וועלט=רייזנדער |...|
בענעדיקסען האט |...| ארויסגעגעבן |...| א פיין 1451
בוך וועגן ליטע". וו. גראסמאן, פער 106, 1256.

דעניש- דאס, בא. די שפּראַך פֿון די דענער, פֿון דענישן פֿאָלק.

1951 " דער באַקאַנטער דענישער וועלט=ריַיזנדער און עטנאָגראַפֿישער פֿאָרשער אַגע מיַיער=בענעדיקסען האָט מיט 1451
יאָרן פֿריִער אַרויסגעגעבן אויף דעניש אַ פֿיַין בוך וועגן ליטע". נ.ג. גראָסמאַן, פּער 106, 1256.

ד ע נ י ש ק אָ ו ו ע - אַדי. (עלט) בנב.

1870 " אויף די עקסטע טישן - קליינע לייכטערלעך

1452 בלעכענע, הילצערנע, ערדענע מיט דענישקאָווע צעפּלעך".

מ. דלוגאַטש, פּער 177, נ׳ 25, ז׳ 183.

ד ע נ י ש ק ע - -----> <u>דעניזשקע</u>.

דענמאַל(ט) — אדוו. (עלט) דזוו דעמאָלט.

1805 " עס קען זיין דענמאַל ווערט ער אוועק גישלעפּט

1458 פון די וועלט". איבז פּאַוויר, 2, דף י-2.

1836 " אז דאס קינד ווערט אלט פינף יאר דענמאלט

1462 איז צייט אים איין רבי צו דינגן |...|".

לבֿ טוב, 3, דף 2/82.

1864 " די גרויסע חכמה האָט געטון נישט איך, מענדעלע,

1459 נאָר מיין פערדל, אַזוי האָב איך דענמאַל צו מיר אַליין

געלאַכט |...|". מענדעלע, 12, הקדמה.

1880 " און פון דענמאָלט אָן האָבן די לייט פֿון צפֿת

1461 |...| השגחה געגעבן אויף דעם עני". געלבארט, 32,1.

ד ע נ מ א ר ק - -----> דענעמארק.

ד ע נ ס ט מ אָ ל - אדור, פּפֿ דענצמאַל, (עלט) דענסמאַל.

דזור דעמאַלט.

1819 " פֿין דענצמאהל אן האט ער אויס דעם ציבוק

1567 נישט גירייכירט". פערל, 1, 176 |126?|.

1823 " אונ דענש מאהל וועט מען קענין ארויש נעמין

1512 פון אללע דאש וואש מיר בדארף צום מענשין אונ'

צו אללע לעבנדיקע בשעפינש". אילייער, 1, 202.

1873 " זאַלן זיי נישט וועלן געבן קיין גראַשן. איר

1567/1 זאַלט זייַן בני=רחמנים דענסטמאַל, ווען איַער רחמנות

טויג שוין אויף כּפּרות". מענדעלע, 1, קאנק 306520.

רעד: ניט זיכער, צי אין דרוק פון 1873 איז דאָס וואָרט טאָקע אַזוי געשריבן: אין אַן אויסשרײַב פון "פּישקע", אַן אויסגאַבע פון נ"י 1910, געווים אַן איבערדרוק פון אַ פריערדיקער, איז דווקא געשריבן "~~דענס~~..." "דענסמאַל"...

1882 " |...| מײַן טרײַער ברודער, אַן אמתער ייִדל,//

1557 האָט דענצמאָל אַזוי געזונגען זײַן לידל". מ. גאַרדאַן, 13,2.

1899 " איך האָב דענסטמאָל אײַנגעלייגט די וועלט,ווײַ

1511 איז מיר! געמיינט ס'איז אַן עק, אויס טבֿיה און אויס

מילכיקס!". שלום=עליכם, 16, 68.

1932 " |...| גערשלט אַ קונציק אויסגעאַרבעטע פּאָר שיך

1480 פֿלעגט מען דענסטמאָל אומטראָגן איין שטאָט אויף חידושים".

בערגעלסאָן, 13, 203.

1941 " |...| אַז ווען אַבשלום לעבט, און מיר אַלע זײַנען

1517 הײַנט טויט, וואָלט דענסמאָל ווערן רעכט אין דײַנע אויגן".

תרגום יהואש, שמואל ב', יט - 7.

1954 " נאָך דער בוחן לבבֿות ווייס אויף קלאָר און אויף זיכער

1503 וואָס איז דענסטמאָל פֿאַרגעקומען". ח. גרינבערג, 253,3.

1968 " |...| ביז דענצמאל וועט דער מענטש נאך אלץ
זייך צום פארצווייפלען יונג". לעיעלעס, 6, 134.

□ דענצט מאל/דעשט מאל.

1716 " |...| דענצט מאל וועט גאט עפנן אונ' קליגן אין
דער תורה דיא אויגן פון דיא דא איצונד בלינד זיין 1559
מכח גלות". ס' המגיד, 3, ישעיה, לה - 2.

1764 " אונ' דעשט מאל וואר איך דיא שטאט איין קוואל
ברונן |...|". יוסיפון, 5, דף 3 - !ד!. 1502

ד ע נ ס ט מ אַ ל י ק - אדי/אדוו, פֿפֿ דענסמאליק, דענצמאליק.

פֿון דעמאָלט, פֿון יענער צײַט.

1866 " ווי טרויעריק |...| די אומגעוויסנהייט - צי

1504 דאָ פֿאַרבלײַבן אָדער אויסצוּוואַנדערן מוזן, נאָר דאַן

פֿאַר די דענסמאַליקע פּראַגער ייִדן". דיק, 25.

1902 " אַזעלכע |...| וואָס וועלן זיך אַראָפּלאָזן צו מיר,

1521 איך מײַן דענסטמאַליק ווערלט און מיך גוט פֿילן |...|".

מענדעלע, 7ג, 57.

1924 " אויף דער דענצמאַליקער אַוואַנטורע זענען זײ

1568 געוועזן צוזאַמען |...|". ע. וואַרשאַווסקי, פּער 100ב, ז׳50.

ד ע נ ס מ אָ ל  – ---→ דענסטמאָל.

ד ע נ ס ט מ אָ ל י ק - ----- ← דענסטמאָליק.

ד ע נ ע מ אַ ר ק – דאָס, בא. דאָס לאַנד אָדער די מדינה פֿון דענישן פֿאָלק אין צפֿון=מערבֿ פֿון אייראָפּע, ביים צפֿונדיקן ים.

1865 " |...| אַפֿילו די |פּראָווינצן| האט ער |דער פּרינץ| אויך אָנגעווירן, ווייל זיין פֿאָטער קריסטיאַן האָט זיי אָפּגעטראָטן פֿאַר געלט דעם קעניג פֿון דענעמאַרק". 1465

פּער 177, נ׳ 25, ז׳ 379.

(?נ?) ם |דענען=| ד נ ן ה אַ ל ץ – דאָס, טענענהאַלץ.

1679 " מאַך די איין קאַסטן פֿון דענן האלץ אונ' מאַך

1527 קאַמרין דארין |...|". בליץ, בראשית, ו' – יד.

ם |דענען|' ד י נ ע ן - טרוו. ציען, אויסציען. (?נ?)

מה"ד: De(n)nen

1723 " |...| דאש מיינט די 'א' פון (אחד) טאר מן גאר

1524 ניט דינן |...| נייארט מן זאל די 'א' גישווינד

זאגן, אונ' די 'ח' זאל מן דינן". ס' מעשה ה',דף יב/ד.

ד ע נ ע ק - -----> **דעניק.**

ד ע נ ע ר – דער, מצ דז. אַנגעהעריקער צום דענישן פֿאָלק.

1954 " אויף אינטערסקאַנדינאַווישע אַסיפֿות ריידן שוועדן,

1533 דענער און נאָרוועגער יעדערער זײַן שפּראַך און זײַ

פֿאַרשטייען זיך". מ. ווײַנרײַך, פּער 90, ז' 106.

ד ע נ ע ר ו י ר ן - טרוו. ווירקן עמעצן אויף די נערוון, ארויסברענגען פון גייסטיקער גלייכוואג, באאומרויקן, אויפרייצן.

... "עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז מען האט דעם אפיציר דענערווירט, אין דער לעבער אריינגעקראכן". 1547

פרץ, 12, 383.

1927 " |...| אזוי האט אים די רויקייט איצט געררייצט, דענערווירט און געקלונגען אין די אויערן". 1543

י. י. זינגער, 4, 51.

1952 " |...| וואַרפט זיך באנאפארטע פון ניי צו אלט און פון אלט צו ניי. דאס דענערווירט מוראדיק". 1545

שניאור, 12, 210.

|| דענערווירן זיך - אוטוו. זיין דענערווירט, פֿאַרלירן די גלייכוואָג, זיין אויפֿגערייצט, אומרויִק, כּעסן זיך.

1973 " |...| לאָסקאַ האָט זי |די מוטער| באַרויִקט און געבעטן

1549 נישט צו דענערווירן זיך אין געריכטזאַל בעתן לייענען דעם אורטייל". יזב 18, 201.

דענערווירונג - אַקט פֿון דענערווירן (זיך) אָדער מצב פֿון זיין דענערווירט.

1968 " נאָך צוויי שעה פֿאָרן און דענערווירונג בין איך

1548/1 אָנגעקומען צו דער פּראַגער בריק". ב.אַרנשטיין, יזב 2,849.

ד ע נ ע ש ק ע - ------→ **דעניזשקע.**

דענצמאל - ----← **דענסטמאל.**

414 דע-

ד ע נ צ מ א ל י ק – -----> דענסטמאליק.

ד ע נ ק ב אַ ר - אַדי/אַדוו. (דטשמ) וואָס איז מיגלעך
צו טראַכטן וועגן דעם, זיך פֿאַרשטעלן, וואָס לייגט זיך
אויפֿן שׂכל.

1912 " די אַרבעט און די שפּראַך מוזן זיך געפֿינען ביי
1578 יעדן פֿאָלק, ווייל קיין געזעלשאַפֿטלעכער לעבן איז ניט
דענקבאַר אָן זיי". זשיטלאָווסקי, 4, 191.

1920 " |...| סאָציאַליסטן מיט אַ נאַציאָנאַלן פּראָגראַם,
1575 אַזוינע, למשל, ווי דער 'בונדס', זיינען ביי אונדז
דאָן כמעט נאָך ניט געווען אַפֿילו דענקבאַר". ווינטשעווסקי, 7, 1.

... " אָן פּרצן אַלס מייסטער זענען נישט דענקבאַר
1573 נישט אַנוכים 'ר' אבא', נישט אַנסקיס 'דיבוק'".
קאַצינע, 4א, 221.

ד ע נ ק ו נ ג - די/דאס, בא. 1. אקט פון דענקען.

2. (עלט) זיכרון, דערמאנונג.

... " געדענק אונדז מיט א גוטן דענקונג פאר דיר".

איבז אנ, מחזור, 6, 162. 1581

|אין העברעישן טעקסט: זכרנו בזכרון טוב לפניך|.

ד ע נ ק ל ע ך – <u>אדי/אדוו</u>. (<u>נש</u>) וואס איז מיגלעך
צו טראכטן וועגן דעם, זיך פֿאַרצושטעלן, וואָס לייגט
זיך אויפֿן שׂכל. % אַזאַ זאַך איז קוים <u>דענקלעך</u>
|<u>סטוטש 321</u>|.

|| <u>דענקלעכקייט</u> – די, בא. (<u>נש</u>). 1. אייגנשאַפֿט
צו זײַן דענקלעך.

2. טיפֿקייט פֿון געדאַנק.

1965 " וועלכע טעמע ער האָט ניט באַרירט אין זײַן שרײַבן,
ס'האָט געמעגט זײַן אויך א טאָג=רעפּאָרטאַזש, |...| איז 1584
עס געווען מיט אייגנאַרט, מיט טיפֿערער <u>דענקלעכקייט</u>".
<u>פֿער 107, 599.</u>

דענקמאָל - דער, מצ דענקמעלער. 1. אַ סקולפּטור=

ווערק, וואָס ווערט אויפֿגעשטעלט לכּבֿוד/צום אָנדענק

פֿון אַ געוויסער פּערזענלעכקייט אָדער וויכטיקער געשעעניש.

% שטעלן אַ דענקמאָל. אָפּדעקן אַ דענקמאָל. אין וואַרשע

שטייט אַ דענקמאָל לכּבֿוד די קעמפֿער פֿון אויפֿשטאַנד.

1899 " די גאַנצע רוסישע ביוראָקראַטיע |...| האָבן

געפּייערט דעם טאָג, ווען מען האָט אָפּגעדעקט מוראַוויאָווס 1594

דענקמאָל". פּער 8, נ' 6, ז' 32.

1940 " גוט איז צו הערן, ווי ס'הילכן די לאַמען//

אויף ניט באַנאַמענטע שטיינער און תּהומען//ביים 1594/1

אויפֿשטעלן דענקמעלער פֿון אַט די שטיינער |...|".

סוצקעווער, 2, 100.

1956 " זיי האבן פונעם **דענקמאל** אים אראפגעשיינט |...|".

מארקיש, 10, 183. 1596

2. (פיג) עפעס (א קינסטלערישע ווערק, א גרויסער אויפטו אד"גל) 4

וואס דינט ווי אן אנדענק נאך עמעצן/עפעס, ~~איד א~~

~~סימבאלישער דענקמאל~~. % דאס שלום=עליכם=הויז איז

א ווערדיקער **דענקמאל** פארן גרויסן יידישן שרייבער.

1866 " דאס ספר געהערט צו די וויכטיקסטע פאלעאגראפישע

**דענקמעלער** |...|". פער 177, נ' 29, ז' 454. 1593

1972 " די דאזיקע הכנסה |?| שטעלט מיט זיך פאר דעם

געוואלטן אבער ניט געווארענעם **דענקמאל** נאך דעם 1593/1

פוילישן יידנטום". י. גלאטשטיין, פער 1,

נאוועמבער=דעצעמבער, ז' 4.

0 דענקמאלשטיין - דער, =ער. דזוו דענקמאל ב' 2.

1934 " און ווו. נאר דו וועסט גיין,// וועסט זען א

דענקמאלשטיין,// אין לוחות אויסגעקריצט// פאר אמת אומבאשיצט!

לאפין, 1, ליד סאקאוואנזעטי..."

ד ע נ ק ע - ----> דעניק.

ד ע נ ק ע ן – <u>אוטוו</u>. 1. אַנווענדן די פֿעיִקייט פֿון
מענטשן צו פֿערקענטעניש, צו אורטיילן, באַניצן זיך
מיטן שׂכל, פֿאַרשטאַנד. % <u>דענקען</u> לאָגיש. <u>דענקען</u> טיף.
<u>דענקען</u> ראַציאָנעל, ניכטער. <u>דענקען</u> וועגן/פֿון עפּעס.

1805 " איז דען צו <u>דענקין</u> פֿון דעם טויטן ליב |...|
1666 זאָל מען אַרוש ציהן האַניק". <u>איבז פֿאַוויר, 1, דף כא</u>.

1873 " דער עולם שלאָפֿט, ווי ער איז פֿאַרטראָגן אין
1666/1 חלומות, ער <u>דענקט</u> נישט, באַטראַכט נישט, ווייסט נישט
זײַן לאַגע". <u>מענדעלע, 1, קאַנק 174240</u>.

1912 " די פֿראַגע 'וואָס דאַרף דער מענטש <u>דענקען</u>?'
1664 איז געווען |...| אונטערגעיאָגט אונטער דער פֿאַר זיי
נאָך וויכטיקערער פֿראַגע: 'וואָס דאַרף דער מענטש טאָן?'".
<u>זשיטלאָווסקי, 1, 12</u>.

1928 " לייענען הייסט <u>דענקען</u> מיט דעם אייגענעם קאָפּ און
1660 דער אַנווענדונג פֿון אַן אַנדער <u>דענקענדיקן</u> קאָפּ". <u>ניגער, 34,3</u>.

1940 " |...| יעדער געדאַנק איז, איך זײַן עצם, אײנפֿאַך, האַרט בײַדערערדיק,אײנליניעדיק, דענקען איז – געדענקען, זיך דערמאָנען". קאַראַלניק, 2, 159.

2. (ספּעצ) האָבן אַ װעלטבאַנעם, אַ ספּעציפֿישע שיטה פֿון דערקענטעניש. % דענקען נאַציאָנאַל, דענקען מאַרקסיסטיש.

1870 " עס איז קײן װוּנדער ניש, אַז מענטשן, װאָס
דענקען אײראָפּעיש זאָלן זיך קענען געפֿינען צװישן 1660/1
אַזעלכע, װאָס קוקן אויף זיי, ווי אַ ייִד אויף אַ בייז
משכון". א. צעדערבוים, 1, 30.

1940 " די אַלטע האָבן מיך פֿאַרפֿירט, דאָס ייִדישע דענקען
האָט מיך אַרײַנגעלאַקט". קאַראַלניק, 2, 49. 1665

1951 " |...| אַ וועלט=מלחמה איז געווען נייטיק |...|

1665/1 כדי צו פֿאַרווירקלעכן אין לעבן דעם לאַנג[געגאַרטן

חלום פון דער פּראָגרעסיוו דענקענדיקער מענטשהייט

וועגן אַלייִנבאַשטימונג פֿון פֿעלקער". מ. סודאַרסקי,

פּער 106, 138.

3. מיינען, האַלטן, זיך משער זײַן. % איך דענק, אַז

ס'איז גיפּער כדאי צו פֿאָרן מיט דער באַן, איידער מיטן

אויטאָבוס. דער דאָקטאָר דענקט, אַז מע דאַרף דעם חולה

נעמען אין שפּיטאָל.

1805 " |...| פּיליכט מעכשט דוא מענש דענקין דש

1630 די הימל שטערין לויף איז צו ניכשט אנדרשט בשאפין

וואָרין נייאַרט צו בדינין אונד אַפּ שטערבליכי נאַטור".

איבן פֿאַוויר, 1, דף כח.

1882 " איך דענק, אַז אָרנטלעכקייט קען זיך געפֿינען ניט
נאָר ביי אַ ן אַריסטאָקראַטקע |...|". דרייזער, 54,1.

1907 " אַלע האָבן געפּסקנט, אַז דאָס דאַרף זיין מיין אַרבעט.
1639 איך אַליין האָב אויך אַזוי געדענקט". שלום=עליכם,8א,99.

1958 " איך דענק, אַז ער דאַרף אויך האָבן אַ קערפּערלעכע
1569 אונטערזוכונג פֿון אַ גוטן אינטערניסט". י.גלעז,
פּער 155,IX/2.

4. האָבן אַ געוויסע (פּאָזיטיווע/נעגאַטיווע) מיינונג וועגן
עמעצן, שאַצן, האַלטן פֿון עמעצן אָדער ניט. % ער דענקט
פֿון זיין שכן זייער גוט.

... " אַז איך האָב זיך צו זיי גוט צוגעקוקט |...| איז
1658 אין מיין האַרצן געוואָרן אַן איבערקערעניש זיי צום
גוטן, און כ'האָב אָנגעפֿאַנגען פֿון זיי אַנדערש צו דענקען!!
מענדעלע, 216ב, 8.

5. האָבן בדעה, האָבן די כוונה (עפּעס צו טאָן). זיי **דענקען**
צו בלייבן אין דער אַלטער דירה נאָך אַ יאָר.

1888 " |...| וואָס איך האָב שוין פֿאַר דיר |פֿאַר דער קליאַטשע|
געטאָן און **דענק** נאָך עפּעס ווייטער צו טאָן". 1645/1
מענדעלע, 2, קאנק 627100.

1903 " זי האָט ניט **געדענקט** דאָס קינד אָוועקגעבן צו
אַן אַם, צו אַ פֿרעמדער מוטער". ספּעקטאָר, 3, 161. 1645

1948 " |...| עפּעס אַן איבערגעלאַדענער חכם, אַ טרויעריקער
געזעצגעבער, וואָס **דענקט** צו באַזאָרגן אַלע וועלטן |...| 1645/2
מיטן סאַמע העכסטן |...| און סאַמע טרעפֿלעכסטן געזעץ
|...|". נסתר, 6, 25.

|| **דענקען זיך** – דזוו דענקען, ב"ב 3,1 (איך טאָן פֿון געמיטלעכקייט
נאָכגיביקייט).

1805 " דוא גוף קערשט דיר דענקין פון וועגין זאלכי

נארישי גלושטיגי |...| וועלטלכי זאכין זאלשטו פר 1670/1

לאזין דיא נשמה וואש זי אין איין שטעטגליכי ווערדיקייט

|...|". איבן פֿאוויר, 1, דף טו.

1870 " ה' בראַדסקי דענקט זיך פֿריי, לעבט זיך נאָך זיינע

גענינונגען גאַנץ אומזשענירט". ארז, פער 177, נ' 40, ז' 292, 1670/2

דענקעוודיק – אדי. 1. וואָס לאָזט זיך דענקען דערפֿון,

וואָס לייגט זיך אויפֿן שכל |סטוטש 320|.

2. וואָס קאָן (גוט) דענקען |סטוטש 309|.

דענקעניש – דאָס, בא. (איר) דאָס דענקען.

0 דענקאַרגאַן – דער, =ען.

דענקאַרט – דער, =ן, פֿפֿ דענקונגסאַרט. (דטשם) אופֿן,

שטייגער פֿון דענקען.

1865 " |...| אויך זײַן |דעם מלמדס |אויסשפּראַך,

זײַן באַנעמען, |...| זײַן דענקונגסאַרט |...|". 1582

אַרז, פער 177, נ' 32, ז' 497.

דענקמאַדעל – דער, =ן.

דענקמעטאָד – דער, =ן.

דענקפּראָצעס – דער, =ן.

דענקפֿאָרעם – די, =ס.

דענקפֿעיִק – אַדי/אַדוו. וואָס קאָן איז מסוגל צו דענקען.

דענקפֿעיִקייט – די, =ן. אײגנשאַפֿט אָדער מצב צו זײַן דענקפֿעיִק.

דענקפֿרײַהייט – די, בא. פֿרײַהייט צו דענקען, געדאַנקען־פֿרײַהייט.

דענק=קאַטעגאָריע – די, =ס.

דענקשפּראַך – די, בא.

... " די דענקשפּראַך, ד"ה די שפּראַך וואָס מע טראַכט אויף איר".

פער 94, נ' XXII, ז' 23. 1704

429 ז' 13

דענקקראַפֿט - די, בא. כּוח, פֿעיִקייט צו דענקען.

1865 " שׂכל (דענקקראַפֿט)הייסט 'פֿאַרשטאַנד' דאָס איז

1700 דער כּוח וואָס דער מענטש האָט צו באַגרייפֿן און צו

פֿאַרשטיין |...|". פּער 177, נ' 11, ז' 173.

פֿון ז' 428

~~ווילדענקעוודיקער - וועגן איינעם וואָס איז~~

~~אינטעליגענט, געלערנט |סטוטש 333|.~~

שור: א מענטש דענקט און גאָט לענקט.

ווילסטו ניט פֿאַרשעמט ווערן, דענק פֿריער און דערנאָך רייד. 1631

|"מסדר אגרת, ווארשא 1858, ז' 55|.

ווילסטו דיין צווייטן טאָג פֿאַרזאָרגן, זאָלסטו היינט דענקען.

|דצוו, ז' 556|.

ם **דענקן/דענקין.**

.1 <-----

1648 " דא הילף ניט ווערד געלט אודר גוט // אויף דער
1625 גאשן מושטו מיר בלייבן // נון דענקט וויא ונש וואר
צו מוט// עש איז ניט אלר צו שרייבן". מגילת ווינץ,
ז' 18.

1716 " |...| דש גלויבן פון דיא אייניקייט פון גאט, מוז
1625/1 מן ביטראכטן אוב מיר זיינן שולדיג דרוף צו דענקן
מיט אונדזר שכל אדר אובעש גינוג איז דז מיר עש
ווישן ווייל מיר עש אזו אנטפאנגן אונ' גילערנט האבן".
חובות הלבבות, 1, דף 3.

.3 <-----

1602 " |...| איר וועלט דענקין |אז|די כשדיים ווערן
1668 ווידר פון אונז אב ציהן, זיא ווערן ניט אב ציהן".
ס' ירמיה, לז - ט.

1732 "דו.א זאלשט נ׳ט דענקן אז הקבה דען מענשן זיין

1668/1 עבירות טוט שענקן |...|". עיון יצחק, דף 2/28.

ד ע נ ק ע ר - דער, =ס/מצ דז. א מענטש, וואס פארמאגט
די פעיקייט פון טיפן פילאסאפישן דענקען, וואס פארטיפט
זיך אין פראבלעמען פון עקזיסטענץ, פון דער געזעלשאפט,
פון די נאטור=געזעצן אד"גל; פילאסאף. % דער רמב"ם
איז איינער פון די גרעסטע יידישע דענקער פון מיטלעלטער.

1871 " ער וואר |=איז געווען| א גרויסער און טיפער דענקער,
דערצו נאך א מענטש מיט א פעסטן כאראקטער". דיק, 83,55. 1688/1

1919 " ביי די ווערטער האט סענאטאר בעווערידזש
אוועקגעשטעלט אים א קלאץ=קשיה, איבער וועלכער דער 1688/2
גרויסער דענקער איז שיער ניט געשטרויכלט געווארן |...|".
זשיטלאווסקי, 8, 230.

1938 " פון זיינט פלאטאן קיין איינציקער דענקער
ניט אויסגעדריקט אין אזא קלארער |...| שפראך זיינע
געדאנקען |...|". קארעלניק, 1, 78.

|| **דענקערײַ** - דאס, =ען. (איר) דאָס פֿאַרנעמען זיך מיט דענקען.

1920 " |...| אַן אונדזעריקער איז פֿאַרנומען טאָג ווי נאַכט מיט דענקערײַיען". מ. קולבאַק, 1, 78.

**דענקעריש** - אַדי/אַדוו. ווי אַ דענקער.

1921 " |...| פֿאַרקלערט, פֿאַטיש בלוילעך, דענקעריש בלאס וועט זײַן דײַן שטערן |...|". מ. ראַוויטש, 1.

ד ע נ ש ט ש י ק - דער, =עס. (עלט, רוס) סאָלדאַט, וואָס באַדינט אַן אָפיציר.

1884 " |...| זײַן דענשטשיק איז זעלנערקליידער קומט אַרײַן מיט אַ קאַנוווערט אין האַנט". ש. בעקערמאַן, 3, 68. 1703

1934 " קאַפּיטאַן סאַראַקין האָט געבורטשעט, ווען דער דענשטשיק האָט אים דערלאַנגט דאָס פּאַפּירל פון דיוויזיע=שטאַב". 1709
ברעגמאַן, 2, 12.

ד ע ס – צאלוואַרט. (כלש) צען | י. טריוואַקס, פער 168,33 |.

ד ע ס אָ ן - ----> דעסען/דעסן.

דעסאַנט – דער, =ן. 1. דאָס אַרויסזעצן אַ מיליטערישן
כוח אויף דער טעריטאָריע פֿון שונא בעת אַ מלחמה,
אויך דאָס אַרויסגעזעצטע מיליטער. % מאַכן/אַרויסזעצן אַ
דעסאַנט. דער דעסאַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף פּאַראַשוטן.

1863 " 800 מענטשן זענען געפֿאַלן בײַם דעסאַנט (אַז מען
1724 איז פֿון די שיפֿן אַרויף אויף דער יבשה)".
פּער 177, נ' 43, ז' 674.

1956 " דעסאַנטן האָבן זיי פֿון מיטן לויפֿן אומגעקערט,//
1723 צוריק מיט פֿײַער פֿון פֿוגאַסן זיי געטריבן". מאַרקיש,590,11.

1974 " די אַלײִרטע האָבן נעכטן אַרויסגעזעצט אַ דעסאַנט
1727 אויף דעם איטאַליענישן אינדזל פּאַנטאַלעריאַ". עלבערג,115,2.

2. (שגל) פּעקלעך וואָס די פּוילישע שמוגלערס פֿלעגן
אַרויסוואַרפֿן פֿון 'ערישן' טראַמוואַי, וואָס איז דורכגעגאַנגען 1725
דורך דער וואַרשעווער געטאָ |בלומענטאַל, פּער 90, XX - 3|.

3. (שגל, קאָוונע) "סחורה וואָס מע פֿלעגט אין די שפּעטע נאַכט=שעהען אַרײַנברענגען אין לאַגער דורכשנײַדנדיק די דראָט=פֿאַרצוימונגען" |קטוו|.

|| דעסאַנטלער - דער, =ס/מצ דז. אַנטייל=נעמער אין אַ דעסאַנט.

1951 "סאָוועטישע דעסאַנטלער האָבן זיך גענומען מער באַווײַזן אין די פֿאַרטיזאַנישע אַטריאַדן און אָנפֿירן מיט זײערע מיליטערישע אָפּעראַציעס". ה.מייזעראָוויטש, פֿער 106, 1914. 1733

דעסאַנטניק - דער, =עס. (רוס) דזוו דפֿוו.

439 דע-

ד ע ס א פ א נ ס - צאלוואָרט, (פלש) פּופּצן |י.טריוואקס,

1736

פער 33, ז׳ 168|.

ד ע ס ב ר אַ ט - <----- דעספּעראַט.

(?נ?) ▫ |דעסהאַלבן| ד ע ש ה ל ב ן - בינדוואָרט, פֿפֿ דעסנט האַלבן.

דעריבער, דערום, דערפֿאַר.

|XVI י"ה| " |...| דעש הלבן זאסן וואורינף |פֿינף| קעשטליכי

1748 רבנים דר גנצן נכט אונ' דרצילטן די ענינים בוּן

יציאת מצרים |...|". מדרש יושע, פער 94, נ'ה,ד,ז' 281|.

1621 " |...| דעש הלבן דר מיט לכל הפחות אייערש לנג אוישן

1749 בלייבן ניט גאר אוב זונשט ווער". פֿראַגער בריוו, ז' 30.

1766 " איך האב דעסנט הלבן דיזן כלל גמעלד ווייל מן

1466 דא ארויז שליסן קאן וויא ניטיג איז אייך איטליכש

אות רעכט ארויז צו דרוקן אים ריידן |...|".

אבן ישראל, דף א - 1.

ד ע ס ט – וואָרט, וואָס קומט אַרײַן אין די באַהעפֿטן:
פֿון דעסטוועגן, דעס(ט) גלײַכן ( ---> ).

ד ע ס ט א – בינווארט, קומט פאר אדי/אדוו אין קאמפאראטיוו. נאך (מער), אלץ. % וואס פריער דו וועסט קומען, דעסטא גיכער וועט מען פארענדיקן די זיצונג.

1883 "|...| איך רעכן, דאס ווען איר וועט וועלן עסן,

1759 וועט איך די שענסטע אראנזשעריע ניט אמוזירן, און דעסטא

מער א ראזע |...|". פ.ס. סעגאל, 1,

1909 "איך צווייפל צי זי וועט גאר אין גאנצן קומען, |...|

1760 דעסטא בעסער!". מילטאך, 1, 86.

1927 "וואס שווערער, ווייטער די זאך איז פון אונדז,

1760 דעסטא מער שטרעבן מיר |...| איר צו באקומען".

אסטרינסקי, 2, 12.

1970 " א גאזונטער מענטש נייטיקט זיך אין א חבר, דעסטא

1764 מער – א קראנקער |...|". ד.גראבער, יזב, 7, 239.

444 דע-

deste/des de

□ דעשט/דעשטר/דעשטא.   מה"ד

1544 " גוט יתברך מוש איך בענשן אונ' געבן ואייערן לויזן.//

1752 אז איר אן אוייייערם הערץ גינוד הט גיטן.// איך וויל

אויין אל מיין לעבטאג דעש ליבר זיין.// דש איר הט

ביגראבן שאול דען שוועהר מיין". שמואל=בוך, סטר' 884.

1739 " ווער ניט קען גיוועלטיגן איבר זיינם רוגז איזט

1752/1 דעשטא וויניגר ווערט צו געיוועלטיגן איבר אנדרי לייט".

ס'מבחר הפנינים, דף ט.

(?נ?) דעסטאַליניזאַציע – <u>די, בא.</u> די פּאָליטיק פֿון ליקווידירן דעם קולט פֿון סטאַלינען און זײַנע מעטאָדן פֿון הערשאַפֿט אין ראַטן=פֿאַרבאַנד נאָכן טויט פֿון סטאַלינען.

445 דע־

(?נ?) ד ע ס ט אַ ל י נ י ז י ר ן  –  טרוו. ליקווידירן דעם קולט
פון סטאַלינען און זײַנע מעטאָדן פֿון הערשאַפֿט אין
ראַטן=פֿאַרבאַנד נאָכן טויט פון סטאַלינען.

דעס(ט)גלייכן - אדוו פר. (עלט) דאס גלייכן,
דאס זעלבע, און ענלעכס, אזוי אויך.

1819 " דעסט גלייכן ווען איינער קראנק איז זאל מן ניט
זיין זינד מזכיר זיין |...|". אנ, ס'חסידים, ז'59. 1740

1931 " דאס שטרויענע הארטע קאפעלישל איז ביי אים
געווען נאס, דעסטגלייכן זיין שטעקעלע". נאדיר, 232,5. 1767

1941 " דעם בכור פון דיינע זין זאלסטו אפגעבן צו מיר.
דעסגלייכן זאלסטו טאן מיט דיין אקס, מיט דיינע שאף". 1744
תרגום יהואש, שמות, כב - 29.

1973 "דעם מאנס שטריימל איז שוין טאקע צו דער מאס,
און דעסטגלייכן איר פארוק". אליצקי, 5, 401. 1768

□ דעש גלייכן.

1676 "|...| אונ׳ <u>דעש גלייכן</u> די אלטן די עש ניט ווערן,

1741 מ׳זן אויך דרום ליידן". <u>ברנט שפיגל, פרק לב</u>.

1700 " |...| איר גייט אוף די מארק אוש גצירט וועץ

1770 עש איז איין ברית אונ׳ <u>דעשט גלייכן</u> איר גייט ווי

די שרים". <u>שבט יהודה, דף כ/ז</u>.

ד ע ס ט ו ו ע ג ן - (עלט) 1. אדוו. דעריבער, דערפאר,
צוליב דעם.

1909 " הערסטו, דעסטוועגן בין איך דאך צו אייך געקומען".
1783 פיינמאן, 1, 7.

1911 " דעסטוועגן שפריצן זיי אזוי מיט גיפט און גאל,
1773 באווארפן די קעגנער מיט שמוץ און בלאטע... דעסטוועגן
באמבארדירן זיי דאס קעגנערישע לאגער מיט זייערע
פארגיפטעטע שטינקבאמבעס". ספעקטאטאר, 1, 27.

1. בינדווארט פון קעגנשטעלונג צווישן זאצן.

1843 " עס מעג זיין שטאק פינצטער טאקע האלבער צווייא איך
1777 |=און| דעסטוועגן וויא באלד זייא הערין דעם ערשטין
קרייא מעג זיין דער גרעבסטער יונג דער טרעגער האפט זעך
אויף פין זיין גילעגער". פישלזאהן, 1, 25.

0 פֿון דעסטוועגן – 1. אַדוו. (עלט) פֿפֿ פֿון דעסטערטוועגן, דעריבער, דערפֿאַר, צוליב דעם (צוליב וואָס). (וואָס צוליב דעם).

1867 "|...| פֿל הלימודים, כל החכמות מוז מען פֿריער

1785 וויסן פֿון דעסטוועגן די חכמה אָדער דער לימוד איז

געשאַפֿן געוואָרן". י. ליניעצקי, פּער 177, נ׳ 24, ז׳182.

1882 "|...| אַז די האָסט גוטס געטאָן, פֿלומר דו זאָלסט

1788 זיך דערמיט ניט באַרימען, דען פֿון דעסטוועגן ביסטו

באַשאַפֿן געוואָרן". אנ, ס׳ חסדי אבות.

2. בינדוואָרט פֿון קעגנשטעלונג צווישן זאַצן.

|1819| "|...| פֿון דעסטוועגן האב איך מיר דערפֿון

1788/1 מיין פרנסה, וואָרין איך האב אָרום היא עטליכי ארענדריס

|...| פֿוהרין |=פֿירן| זייא מיר אלי מאל אונטר באַרילקיכר

בראַנפֿין בשתיקה, האב איך דרפֿין מיין אויסקימיניש".

י. פּערל, 1, 166.

1743 " דר נאך איז מחמד גפלאגט גווארן פון דז (חולי נופל)

1780 דש אים פיל מאל איבר קאם, זיין פראה |=פרוי| דיא

וואלט דעשט וועגן פון אים אב גשיידן זיין".

שארית ישראל, דף כג.

ד ע ס ט י ל אַ ט – דער, =ן. (כעמיע) פּראָדוקט פֿון דעסטילירן.

452 דע-

ד ע ס ט י ל <u>א</u> ט א ר - <u>דער, =ן</u>. (<u>כעמיע</u>) אפאראט צו דעסטילירן.

ד ע ס ט י ל א צ י ע - די, =ס. (כעמיע) אקט/פראצעס
פון דעסטילירן.

0 דעסטילאציע=הויז - דאס, =~ היזער. פאבריק צו מאכן
בראנפן.

1953 " דאס דעסטילאציע=הויז איז געגרינדעט געווארן
1793 דורך ר׳ דוב=בער. |דער| פסחדיקער בראנפן, וואס ער
האט ארויסגעלאזט, האט געהאט א נאם איבער גאנץ רוסלאנד".
ד.ראבין, פער 94, נ׳ 7, ז׳ 26.

ד ע ס ט י ל י ר ן - (כעמיע) פונאנדערטיילן די באשטאנדטיילן
פון א פליסיקייט דורך פארדאמפן און שפעטער דורך
אפקילן ווידער פארוואנדלען אין א פליסיקייט.
% דעסטילירן וואסער. דעסטילירן נאפט.

0 דעסטילירָ=אפּאראט - דער, =ן. מכשיר צו דעסטילירן;
דעסטילאטאר.

1900 " אין גרויסע וועשערייען, ווו, ס'אי, דא זייער
פיל בענזין צום רייניקן, מוז מען האבן צו דעם א 1794
באזונדער דעסטיליר=אפּאראט". שפּירא, 1, 19.

דעסטיליר=גלאז - דאס, ~. גלעזער. |סטוטש 218|. רערל פון
גלאז, דורך וועלכן ס'גייט דורך די דעסטילירטע פליסיקייט.

דעסטיליר=כלי |קיילע| - די, =ם. דזוו דפוו |סטוטש 218|.
דעסטיליר=מכשיר |מאכשיר| - דער, =ים. דעסטילאטאר.
דעסטיליר=קאלבע - דזוו דעסטיליר=גלאז.

(?נ?) ᵐ ד ע ס ט י נ י ר ן - טרוו. באַשטימען.

1734 " |...| אונד ווערדי איר, איר אורט דעסטינירן צווישן דען ראנג מיינה ווערטדשטי פריינדן".

לשון זהב, דף 29.

 דע- ° דעסט מאל/דעשט מאל — אַזוי. דעמאָלט, דעמאָלסט.

~~דעסט מאל~~ ° 1743 " |...| אונ' דיא כותיים ווארין דעסט מאל

1807 דינין אן קליאופטרה דיא קיניגן פון מצרים".

יוסיפון, 4, דף ע - 2.

1768 " |...| אונ' דעשט מאל ווערן דיא (צדיקים) זעהן

1809 אונ' ווערן זיך פרייאן". מחזור, 3, דף ו'.

(?נ?) ד ע ס ט ר אָ י ע ר - דער, =ס. (אַמ, נאָ) סאָרט
קריגשיף; צעשטערשיף, צעשטערער.

1956 " נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן! איר וועט ווערן
1813 באַגלייט פֿון אַ קרייצער און צוויי דעסטראָיערס".
דלוזשנאָווסקי, 1, 239.

ד ע ס ט ר ו ק ט י ו ו - <u>אַדי/אַדוו.</u> צעשטערנדיק, צעשטערעריש.

1958 " |...| דערפֿאַר איז ער אויך וווינציקער שעדלעך און

<u>דעסטרוקטיוו</u> פֿאַר בערגעלסאָנס קונסט". <u>ניגער, 8, 324</u>. 1819

1972 " |...| פֿאַראייניקן די צעשפּליטערטע געשטאַלט

פֿונעם אַקסיאַר, אָדער לאָזן זי אין דער קרענקלעכער,

גורלדיקער און <u>דעסטרוקטיווער</u> געשפּאַלטנקייט".

<u>שמערוק, פּער 38, נ׳ 77, ז׳ 125</u>.

459 דע-

ד ע ס ט ר ו ק צ י ע  –  די, בא. צעשטערונג, חורבן.

**דעסיאַטין (ע) – די, =עס.** אַמאָליקע רוסישע

מאָס פון באָדן, עפּעס מער ווי אַ העקטאַר (גענוי: 1,90 ~~2,10000~~).

1863 " די פּרעמיעס קענען באַשטימט זײַן |...| פאַר די ייִדן

1833 וועלכע האָבן אַן אַגאַראָד (גאָרטן) און ניט ווייניקער פון

דרײַ דעסיאַטינעס ערד געזייטע". פּער 177, נ' 19, ז' 300.

1903 " אכרים |...| האָט אָפּגעדונגען אַ דעסיאַטינע ערד

1832 און דאָרטן פאַרפירט אַ גאָרטן, געזעצט קאַוועס און

בינעס |...|". שלום=עליכם, 20, 128.

1927 " |...| צוריקברענגען אין אָרדענונג די היפּשע עטלעכע

1824 טויזנט דעסיאַטין ערד, באַאַרבעטן זיי |...|".

י.י. זינגער, 4, 243.

ד ע ס י אַ ט נ י ק - דער, =עס. 1.(רוס,עלט)

עלטערער (אין ראַנג) פּאָליציאַנט אין צאַריש׳ן רוסלאַנד.

1896 " |...| קיין שום ייִד האָט ניט געוואָלט אײַנשטעלן

1840 דאָס לעבן און זיך אַרויסשטעלן קעגן דעם דעסיאַטניק

(פּאָליציי=דינער), בשעת ער האָט אים געשניטן די פּאה |...|".

בינשטאָק, 1, 31.

1939 " דאָרטן דרייען זיך אַרום צוויי רוסישע דעסיאַטניקעס

1843 אין אָפּגעריבענע אַקאַלישקעס". שניאור, 6, 5.

1971 " ס׳פּלעגט אַ מאָל זיצן |אין פּאָליציי=טורמע| אַ פּויער,

1837 וואָס האָט געדאַרפט איבער׳יצן אַ נאַכט |...|. וואָסער צו

טרינקען פּלעגט אים ברענגען דער דעסיאַטניק".

קיפּניס, 5, 140.

2. (רוס, נאַ) עלטסטער פֿון אַ גרופּע אַרבעטער(ס׳רוב בײַ בויאַרבעט),

1958 " די קאַרעאַנער ייִנען דעסיאַטניקעס|...|".

1844 י. האַפּער, פער 38, נ׳ 29, ז׳ 140.

ד ע ס י אַ ט ס ק י  –  דער, =ס. (עלט) דאָרף=פּאָליציאַנט אין צאַרישן רוסלאַנד.

1865 "דער פּריסטאַוו איז אַוועקגעגאַנגען און האָט געבראַכט 6 דעסיאַטסקיס|...|". פּאַז 177, נ' 22, 337. 1846

1910 "פֿון אַספּראַווניק דער דעסיאַטסקי // האָט געבראַכט א גאַנצע טאַצקע |=טאַטשקע|". פּרוג, 2, 208. 1847

463 דע-

ד ע ס י ג נ אַ צ י ע  – די, =ס. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעסיגנירן.

(?נ?) ד ע ס י ג נ י ר ן – טרוו. באַשטימען, נאָמינירן.

(?נ?) ם ד ע ס  מ א ר ג נ ט – אדוו, פר. צו מאַרגנס|סטוטש 82|.

ד ע ס ן I - דער, =ס, דעסען, דעסענעס. 1. דעקאראַטיווער עלעמענט, וואָס איז געצייכנט, געמאָלט (אויף ווענט), איינגעקלאַפּט (אויף צייג), אויסגעהאַפטן; מוסטער, אוזאָר.
Fr: Dessin

%. דאָס קליידל האָט אַ דעסן פֿון ראָזע און בלויע בלימלעך.

די ווענט זענען געמאָלט מיט אַ שיינעם דעסן.

1926 " דין - דער שלייער דער געשיקטער, // מיט דעם פֿאַרביק דראַבנעם דעסן |...|" נ׳ניידוס, 4, 374. 1857/1

1894 " אויסאַרבעטונגען פֿון גלאָז אַרומגעאַרבעט מיט דעקאָראַציאָנען, דהיינו מיט אויסגעשניטענע דעסנס, אויסגעפּרעסט מיט געמעלעכצער". פּער 56, 179. 1858/2

1956 " א מאַליאַר האָט גענומען צייכענען דעסענעס אויפֿן הימל". 1864
י. גלאַטשטיין, 1, 290.

1966 "ס'איז שרײַט: קאַליר=עפעקט און אײדעלער דעסען

1871 איז אויך ניט אַבי וואָס". מ. דײַטש, 4, 75.

2. ספעציעלער קאַרטאָן-פּאַס, אין וועלכן ס'איז אויסגעשניטן א דעקאָראַטיווער מוסטער, דינט די מאַליאַרעס צו מאָלן א דעסן אויף די ווענט; שאַבלאָן |ש.ווינטער, פער 162, 423|.

|| דעסנדיק - אדי. מוסטערדיק, דעקאָראַטיוו |קטוו|.

0 דעסן=מאַכער - דער, =ס. |ליפשיץ 1|. דער וואָס מאַכט (צײַכנט) דעסנס (מוסטערן).

דעסן II – באשטאנדטייל פון אדוו פר:

**אונטער דעסן** – אדוו פר. (עלט) דערווייל, אין צווישן, לעת=עתה.

1866 "**אונטער דעסן**, וועט זיי זיך איבערלייגן ווילן, ווען זיי זיך זעלבסט באַקענען, דאָס די מצוות, וואס זיי טוען ניט בשלימות איז ניט בשימחה". מ. הורוויץ, 1, דף מ"ו. 1858/1

**אין דעסן** – אדוו פר. (עלט) ~~אין דעם, אין דער צייט, אין דעם מאָמענט, דערווייל.~~ בז 11 כפֿ 11

1901 "**אין דעסן** זאָגט ער, איז מיר בעסער פון דיר, ווייל אַז עס קומט מיטאָג |צייט| עס איך און טרינק |...|". איבן גרינשפּאַן, 1. 1858/2

1932 "|...| 'יאָ, נו', זאָגט די קאַץ '**אין דעסן** קומט דאָס ניט צו עסן'". שטיינבארג, 1, 40. 1858/3

□ **אונטער דעסין / אונטער דעשן.**

16~~2~~79 [7] " <u>אונטער דעסין</u> בירייטטן זיא דאך גישענק צו,

ביז דש יוסף קאם אויף דען מיטאג |...|". 1861

<u>בליץ, בראשית מג - כד.</u>

1734 " <u>אונטער דעשן</u> פור זוכי דיזה נייאה גשפאנשאפט מיט

אלי בצייגונג פון פריינדליכקייט |...|". <u>לשון זהב.</u> 1861

(?נ?) ם ד ע ס נ ט ה א ל ב ן - ---→ דעסהאלבן.

471 דע-

ד ע ס ע - צאַלוואַרט. (קצביש) צען |סטוטש 61|.

472 -דע

(?נ?) ד ע ס ע וו ע ר - ----→ דעסער.

(?נ?) ד ע ס ע נ ס י ב י ל י ז אַ צ י ע – די, בא.

אַקט פֿון דעסענסיביליזירן.

ד ע ס ע נ ס י ב י ל י ז י ר ן - 1. (מעד)

אומשפּירעוודיק מאַכן דעם אָרגאַניזם צו דער ווירקונג
פון אַ געוויסן שטאָף.

|| דעסענסיביליזירונג - די, בא. אַקט פון דעסענסיביליזירן.

1950 " די דאָזיקע דעסענסיביליזירונג (ד"ה דאָס מאַכן
1875 ניט=שפּירעוודיק קעגן דעם אנטיגען) קען מען |...|
מאַכן נאָר אונטער דער קאָנטראָל פון אַ דאָקטאָר=ספּעציאַליסט".
פער 152, נ' 6 - 8.

-ה

ד ע ס ע ר ! - ----> <u>דעסערט</u>.

פֿס דעסערט.

ד ע ס ע ר (ט) I - דער, =ן. 1. נאַכשפּײַז, לעצטע
שפּײַז, וואָס ווערט געגעבן בײַ אַ מאָלצײַט, ס'רוב עפּעס
זיס אָדער פֿון פֿרוכטן. % אויף דעסערט איז הײַנט דאָ
קאָמפּאָט.

1947 "|...| עסן קאָמפּאָט אָדער זײַערלעכן דעסערט
1885 נאָך אַ פֿעטן מאָלצײַט". ל. פֿײַנבערג, פֿער 90, !!V, ז' 69.

2. (פֿיג, איר) אַ פּיקאַנטע, אינטערעסאַנטע זאַך, געשעעניש
וואָס קומט צום סוף.

1888 "|...| וואַרט אויס, צו דעם זיסן 'ראָמאַן' איז
1882 נאָך דאָ אַ דעסערט אויך: צום סוף איז צוגעשטוקעוועט
שפּריכווערטער". רבי קצין, פֿער 74, נ' 15, ז' 436.

1944 "צום דעסערט האָט ער די שענסטע מיידלעך זײַנע
1884 געהייסן אַרײַנטראָגן נאַקעטערהייט אויף גרויסע זילבערנע
פּאַלומעסקעס". שניאור, 8, 127.

O דעסערט=לעפעלע — דאס, =ן. קליין לעפעלע צו דעסערט=
שפּייזן.

דעסערט=סערוויז — דער, =ן. קאָמפּלעט כלים פאַר דעסערטשפּייזן.

(?נ?) דעסער II - דער, בא, פֿפּ דעסעווער. געמיינט משה
מענדעלסאָן, דער אָנהייבער פֿון דער השכלה-באַוועגונג ביי
יידן (1786-1729), געבוירן אין דעסאַו, דייטשלאַנד.

... " |...| ער לייענט די גויִישע ביכלעך |...|, טפֿו
1880 זאָל ער ווערן! און דערצו לייענט ער דעם דעסערס
תנ"ך, רחמנא ליצלנו". אקסענפֿעלד, 3, 259.

1895 " |...| ספרים וואָס זענען מיט איבערזעצונג פֿון דעם
1879 דעסער טאָר מען אפֿילו אין שטוב נישט האַלטן".
אנ, ס' מקור הברכה, דף פ"א.

|1926-1931| " |...| א ייִד אַ גביר, אַ משכיל, איינער
1878 פֿון דער 'קאַלעקאַטקע', וואָס לייענט תנ"ך מיטן
דעסערס 'ביאור'". אפּאַטאָשו, 10, 137.

(?נ?) ד ע ס ע ר ||| - <u>דער, =ן.</u> "דער קלענערער קרעדענץ פֿון
אַן עסצימער" |<u>קטוו</u>|.

דעספּאָט - דער, =ן. 1. אַליינהערשערישער, אומבאַגרענעצטער מאַכטהאָבער פֿון אַ מדינה (לאַנד, געגנט), וואָס הערשט מיט גוואַלט, מיט אַכזריות.

1912 "אַ דעספּאָט קאָן אין אַ קורצער צײַט מאַכן פּלאַץ אין זײַן לאַנד פֿאַר נײַע געדאַנקען, זײַן הײַנטיקער קאַפּריז איז מאָרגן אַ נײַע מאָדע, אין אַלע אַריסטאָקראַטישע הויפֿן". זשיטלאָווסקי, 4, 22. 1894

1930 "איך האָס און פֿאַראַכט דעם דעספּאָט, ווי יעדער פֿרײַער העלענער". פּינסקי, 5, 21. 1892

2. (פֿיג, פּעיאַ) ווערן אַ מענטשן, וואָס פֿירט זיך אויף הערשעריש, תקיפֿותדיק, ברוטאַל אין זײַן משפּחה און לגבי אַנדערע מענטשן, וואָס וויל תּמיד אַרויפֿצווינגען זײַן ווילן אויף אַנדערע, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינעם.

1882 " |...| איינגעשפּאַרטע, בײַזע דעספּאָטן, // זיי לאַכן ניט,

1895 נאָר זיי שפּאָטן". גאָרדאָן, 2, 36.

... " ווי באַלד ער וועט נאָר קומען צוריק, אַזוי וועט

1896 ער זי מיט גוואַלט אַרויסרײַסן פֿון די הענט פֿון די

דעספּאָטן". שלום=עליכם, ד2, 141.

ד ע ס פ אַ ט י ז ם - דער, בא. 1. רעזשים פֿון אַבסאָלוטער
אַליינהערשאַפֿט, די אומבאַגרענעצטע און ברוטאַלע געוואַלטיקונג
פֿון איין מענטשן.

1902 " יעדע אָפּשוואַכונג פֿון דעם סולטאַנס דעספּאָטיזם
|טעקסט:דעספּאָטיזמוס| איז, שוין מער ניט קיין טובה 1897/1
פֿאַרן צאַרישן |דעספּאָטיזם| ...|". פֿער 8, נ׳ 14, ז׳ 28.

1958 " לעצטנס האָט מען אין דער יידישער און העברעיִשער
פּרעסע אָנגעהויבן צו רעדן אויך וועגן די קרבנות פֿון 1897
סאָוועטישן דעספּאָטיזם, די ליקווידירטע יידישע
שרייבער". ניגער, 8, 447.

2. (פֿיג, פֿעיִא) דאָס הערשעווען איבער אַנדערע, דאָס (וועלן)
אַרויפֿצווינגען אויף אַנדערע דעם אייגענעם ווילן.

ד ע ס פּ אַ ט י ע – די, =ס. מדינה וואָס ווערט רעגירט דורך אַ דעספּאָט.

1962 " |...| בײדע אַנטמענטשטע דעספּאָטיעס |...|".

1902 לעיעלעס, פּער 69, 17/XII.

ד ע ס פ אַ ט י ש - אַדי/אַדוו. 1. ווי/פֿון אַ דעספּאָט, ב׳ 1.

1951 " אין דער פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן (1825-1855)

1907 איז די פּאָליטיק פֿון רעפּאַרמען דאָס יידישע לעבן געווען אין גאַנצן אין גייסט פֿון 'דעספּאָטישער אויפֿקלערעריי". י.שאַצקי, פּער 106, 731.

1959 " |...| אומפּשרהדיקע שינאה צום דעספּאָטישן רעזשים".

1904 איבז פּערדמאַן, 1, ז׳ 323.

2. ווי/פֿון אַ דעספּאָט, ב׳ 2.

1916 " שלאָג מיך בעסער |...|, אַבי ניט די קאַץ, - האָט זיך

1909 שלום געבעטן און אונטערגעשטעלט דעם רוקן אַט דער דעספּאָטישער מויד". שלום-עליכם, 37, 55.

484 דע־

3. (פיג) איינגעשפּאַרט, קאַפּריזנע.

... "דער גאָלד געלאָקטער קאָפּ וויל זיך נישט אונטערגעבן איר דעספּאָטישן קאָם". פּרץ, 6, 79.

ד ע ס פ א ר א ד - ------← דעספעראט.

ד ע ס פּ אַ ר אַ ט – ←----- **דעספּעראַט.**

(?נ?) ד ע ס פ ע נ ס ע - די, =ס. 1. (רעג, ארגענטינע)

"מיך געשעפּט, ווי מע קריגט צו עסן און צו טרינקען"[קטוו].

2. (רעג, מעקסיקע) שפּיזאַרניע, אָרט ווו מע האַלט

שפּייזפּראָדוקטן.

488 דע-

(?ב?) ד ע ס פ ע ק ט ו ם[ם] - <u>דאס, בא.</u> ביטול, פאראכטונג.

1774 " <u>דעספעקטום</u> - פר[אכטונג, פר קליינרונג".

1918 <u>חנוך לנער, דף כ"א</u>.

(?נ?) ם ד ע ס פֿ ע ק ט י ר ן - טרוו. מבטל זיין, גרינגשעצן, פֿאַראַכטן.

1774 " דעספּעקטירן - פֿר קליינרן, פר אכטליך האלטן".

1919 חנוך לנער, דף כ"א.

דעספעראַט – דער, =ן, פּפּ: דעספּראַט, דעספּאַראַד(ט), (רעג. פּוילן) דעספּבראַד. 1. ריזיקאַנט, איינשטעלער, בעל=העצה (ס'רוב געמיינט מחמת יִיאוש, בלית=ברירה אָדער פֿון הפֿקרדיקייט). % פֿון אַט דעם דעספּעראַט קאָן מען זיך ריכטן אויף אַלץ, היט זיך!

P: desperat

1875 "האָט אים א מאָל געפעלט א גרייצער צו אַ ברייטל זיך צו קויפֿן, איז ער געווען איין דעספּראַט און איז צוגעגאַנגען צו דעם גביר ער זאָל אים געבן א גרייצער |...|". אנ, קהל חסידים, דף לח. 1927

1927 "זיין ווייב, א ייִדענע א דעספּעראַט |...|". זאַנענבערג, 1, 7. 1936

1936 "א ייד אַן אומרו – א דעספּעראַט מיט פּוילע געשעפּטן". ראַשקין, 1, 264. 1924

2. אַ הפקר=יונג, אַמופקר, אַ רשע, |סטוטש 574,567|.

1895 "אַ ייד אַ נאַר, ווען ער פילט זיך |...| תקיף, |...| ווערט ער אַ גאַנצער פּריץ |...| אפילו אַ דעספּעראַט

1914 איבער קלענערס און שוואַכערס פון זיך". ליניעצקי, 9, 87.

.................................................................

רעד: 1) כ'מיין, אַז "עספּראַט, דעסבראַד, דעספּעראַד" זענען ניט קיין פּאַראַלעלע פאַרמעס (וואַריאַנטן) פון וואָרט, נאָר אַנדערע (און אפשר גרייזיקע) שרייבונגען, אָדער שלעכט געהערט. ביי אונדז |לויצק| האָט מען געזאָגט "דעסעראַט" (דער צווייטער "ע", ייער שוואַך ארויסגערעדט, פון דאַנעט מסתמא די שרייבונג "דעספּראַט"), נאָר איך ערשטן באַטייט. וואָס שייך דער פאָרמע "דעסעראַדאָ", ווייס איך ניט פון וועלכן מקור האָט עס גענומען סטוטש |540,567|. קיין ציטאַטן ניטאָ. עס קלינגט שפּאַניש, און ס'איז טאַקע דאָ אין שפּאַניש דאָס וואָרט desperado, באַטייט: פאַרצווייפלט,

~~רעגנ~~ רעזיגנירט. אָבער ווי קומט עס אין יידיש, דערצו נאָך
אין אַזאַ באַטייט ווי: „כוליגאַן, באַנדיט, גענגסטער,
דעספּעראַדאָ" |סטוטש 567| ; „ווילער/בלאַטער יונג, אַפּאַש,
דעספּעראַדאָ, גראַנדאַוואָניק" |סטוטש 574|. אין אַזאַ באַטייט איז
עס דאָ נאָר אין דייטש. כ'האָב א חשד, אַז אין דער ציטאַטע
פֿון ליניעצקין, איז דאָס וואָרט, "דעספּאַראַט" א טעות
הדפּוס, אָדער זייער מיגלעך א פֿאָלקסטימלעכע צי בכיוונדיקע,
פֿון מחבר, פֿאַרגרייזונג פֿון "דעספּאָט", וואָס פּאַסט זיך טאַקע
בעסער אַריין אין קאָנטעקסט.

|| **דעספּראַטניק** -דער, =עס.

... " א מענטש אַ להכעיסניק, וואָס האָט ליב צו דאַקוטשען
און זיך מישן אין פֿרעמדע אַנגעלעגנהייטן" |קטוו|. 1925

..................................................

<u>רעד:</u> מסופק אין אויסטייטש פון אינפארמאנט. אויך
דא איז מסתמא די זאך אזוי ווי דאס ווערטל זאגט:
'געהערט קלינגען און קען נישט נאכזינגען'...

..................................................

<u>דעשפעראט</u> - ם

.1 ----->

1774 " <u>דעשפעראט</u> גלייך איין פאר צווייפלער, דר אויף
גיווינן אודר פרלירן דרויף לאזן גיט". 1922
<u>חנוך לנער, דף כ"א.</u>

ד ע ס פ ע ר אַ צ י ע – די, באַ. 1. (עלט) פּאַרצווייפלונג.

ם דעשפּעראַציאָן.

1774 " דעשפּעראַציאָן, פאר צווייפלונג". חנוך לנער,

1917 דף כ"א.

ם
ד ע ס פ ע ר י ר ן - אוטוו. פֿאַרצווייפֿלען, זיך מייאש זײַן.

1926 1774 " דעשפערירן. פארצווייפלן". חנוך לנער, דף כ"א.

(?נ?) ד ע ס ק – דער, =ן. (אמ) שרײַבטיש.

1947 " ער האָט געװוּנדט זײַן בליק צום דערבײַיקן

1937 דעסק, װוּ ס'איז געזעסן אַ העכערער 'אונרא'=באַאַמטער".

לײװיק, 9, 57.

1963 " ער איז אַן אײַנפֿאַלערישער מענטש. ער קאָן ניט

1928/1 זיצן צוגעשמידט צו אַ דעסק". ג. זאַלאַװיץ, פּער 155,IV/13.

ד ע ס ק ו נ ט ע ן – טרוו. "(רעג, מאָלדאַוויע, רומעניע)

1938 אַפּשפּרעכן פֿון אַ גוט=אויג=שרעק" |קטוו|.

רעד: דער אינפֿאָרמאַנט גיט אויך אָן אַן עטימאָלאָגיע: descânta

498 דע־

ד ע ס ק ר י פ ט י וו - אַדי/אַדוו. באַשרײַבנדיק, באַשרײַבעריש.

1930 " עס |דאָס בוך| דאַרף זײַן אײַנגעטיילט אין צוויי

1932 קאָנצענטערן: א) טאַפּאָגראַפיע, ב) סיסטעמאַטישער

דעסקריפּטיווער טייל". פּער 70, נ' 5 - 6.

1958 " ...אַזוי איז עס אין דער |...| דעסקריפּטיווער

און דערציילערישער סאָוועטיש־ייִדישער פּראָזע".

ניגער, 8, 437.

דעסקריפּציע - די, ס. באשרייבונג.

דע־

500

דעפּאָ – דער, =ס. 1. (עלט) הורט=מאַגאַזין, סקלאַד, לאַגער פֿאַר סחורות.

1866 " |...| דעפּאָ פֿון די נייַסטע מאָדע טוכענע סחורות פֿון די בעסטע פֿאַבריקן אין רוסלאַנד, פּוילן".

פֿער 177, נ' 50, מודעות.

1942

2. בנין ביי/לעבן א באַן=סטאַנציע, וווּ מע האַלט לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען אויף רעמאָנט.

1940 " דער מאָדעליסט פֿון |...| פֿאַבריק און דער צענטראַוויק פֿון אייזנבאַן=דעפּאָ האָבן |...| געפּאָדערט צו זיך |...| אַגיטאַטאָרס=איסקראַווצעס". בערגעלסאָן, 14, 223.

1946

1967 " עטלעכע סנאָפּעס פֿייער האָבן א פֿלאַטער געטאָן אַרום דעפּאָ |...| באַלויכטן די טרויב פֿון לאָקאָמאָטיוו, דעם געפֿלאַכט פֿון רעלסן". י. פֿאַליקמאַן, פֿער 131, נ' 8, ז' 44.

3. בנין פון די פּײַער=לעשער, װוּ ס'װערן געהאַלטן די לעשמאַשינען און אַנדערע מכשירים צו לעשן א שׂריפֿה.

1957 " דער לאָקאַל פון דער שולע איז געװען |...| לעבן דעם דעפּאָ פון די פּײַער=לעשער". יזב 11, 77. 1943

4. (פינאַנצן) טײל פון די פֿאַרזיכערונג=פּרעמיעס, װאָס װערן געהאַלטן אין רעזערװ.

1892 " איך טו שוין |...| א נעם מיט א מאָל צען טױזנט פֿונט, |...| נאָטירלעך, מיט א דעפּאָ". שלום=עליכם, 21, 26. 1944

דעפאזיט – דער, =ן. 1. געלט אדער ווערטפאפירן, וואס מע לייגט אריין אין א באנק צו קריגן דערויף צינזן.

1922 " ביים אפנעמען געלט פון א דעפאזיט מוז אומבאדינגט צוגעשטעלט ווערן דער |דאס| אפרעכענונגס=ביכל, אין 1953
וועלכן ס'ווערן אריינגעשריבן אלע ארויסצאלונגען".
ב. האלפערן, 1, 21.

1961 " די אויפבויבאנק |...| האט געהאט העכער א מיליאן
זלאטעס דעפאזיטן". ש. ווארקאוויצקי, יזב 13, 230. 1950

2. א סכום געלט אדער ווערטפאפירן וואס ווערט איינגעלייגט
אין געריכט אין פאל פון א געריכט=פראצעס.

3. (אמ) אויפגאב, האנטגעלט.

1916 " דער גרינהארן |...| האט אונדז מיט גוואלט אריינגעשטופט
צען טאלער אין אויפגאב. דא הייסט עס 'דעפאזיט'". 1948
שלום=עליכם, 30, 199.

|| דעפּאָזיטאָר - דער, =ן. דער וואָס מאַכט (לייגט אַריין) א דעפּאָזיט, ב"ב 1, 3.

0 דעפּאָזיטן=באַנק - די, ~ בענק. באַנק וואָס נעמט אָן דעפּאָזיטן, ב' 1.

דעפּאָזיטן=ביכל - דאס, =עך. ביכעלע, ווו מע שרייבט אַריין די סומעס וואָס ווערן אַריינגעלייגט ווי א דעפּאָזיט און אַרויסגענומען פון אים.

דעפּאָזיט=געלט - דאס, בא/=ער. (אַמ) האַנטגעלט, אויפגאַב.

1963 " עס איז נישט אָנגעדייט געוואָרן, ווי אזוי דער שריט |...| וועט זיך אויסווירקן אויף די קונדן, וואָס האָבן דעפּאָזיט=געלטער ביי די צוויי פירמעס". פער 69, XI/21. 1954

דעפּאָזיט=וועקסל - דער, =ען. וועקסל וואָס ווערט איינגעלייגט ווי א גאַראַנטיע אויף א חוב.

<u>דעפּאָזיטן=צעטל</u> - <u>דער, =ען.</u> קוויט, קבלה אויף דעם דעפּאָזיט.

ד ע פ אַ ז י ט נ י ק - דער, =עס. (עלט) בנב.

1876 "דער |פֿון די שרײַבער| פֿירט אַ לאַנגע הקדמה |...| ביז ער שטעלט אויף דער וויוועסקטע |=שילד| 1961
זײַן אויסערוויילט, כשרן |?טעקסט: כשרה׳ן| ,הערלעכן
דעפּאַזיטניק". ליניעצקי, 1, 51.

דעפּאַזיטנע - די, =ס. (עלט?) בנב.

1865 "און |דער שותף| האַלט איין האַנט אַ דעפּאַזיטנע
אויף אַן אַדערויף. נו, זאָל איך זײַן אַ נביא, אַז דאָס 1962
איז גאָר איין גאַנצן אַן אָנשטעל?". יש"ר, פּער 177, נ׳13, ז׳203.

דעפּאַזיטקע - די, =ס. "אַסיגנאַציע"|קטוור|.

(?נ?) ד ע פֿ אַ ז י צ י ע I – די, =ס. גבֿית=עדות, דאָס עדות=זאָגן

|סמוטש 318, 366|.

507 דע-

(?ב?) ד ע פּ אָ ז י צ י ע !! – די, =ס. דאָס באַזייַטיקן עמעצן

פֿון אַ פּאָסטן, אַמט|סטוטש 463|.

(?נ?) ד ע פּ אַ ל אַ ר י ז אַ צ י ע – די, בא. (פּיג) אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעפּאַלאַריזירן.

ד ע פ אַ נ י ר ן - טרוו.מאַכן, אייַנלייגן אַ דעפּאָזיט,ב׳1,3.

1886 "|...| האָבן זיי אים באַשולדיקט דערין,אַז זיי האָבן בייַ אים דעפּאַנירט (אייַנגעלייגט) בלאַנקע וועקסלען |...| און דער באַנקיר האָט זיי אָפּגעזאָגט |אַרויסצוגעבן|". 1974

פער 74, נ׳ 32, ז׳ 500.

1961 " דער קריסטלעכער פּאַטער, וואָס האָט דעפּאַנירט פֿאַרן קינד אַ גרעסערע געלטסומע בייַ אַ נאָטאַר, האָט עס אויסדריקלעך געפֿאָדערט". י. קאַרנהענדלער, 1972

פער 27, נומער אָב — אלול.

|| דעפּאָנענט - דער, =ן. דער וואָס דעפּאַנירט.

1965 " |...| ער האָט באַרויִקט די דעפּאָנענטן און האָט דערגרייכט זייער הסכמה צו אַ מאָראַטאָריום". 1977

פער 107, 253.

510 דע-

(?ב?) ד ע פּ אָ פּ ו ל אַ צ י ע – די, באַ. די פֿאַרמינערונג פֿון דער צאָל מענטשן, איינוווינער.

1929 " |...| די מלחמה=יאָרן האבן ניט געווירקט אין דער קלענסטער מאָס אויף דער דעפּאָפּולאַציע פֿון די יידישע מאסן". פּער 70, נ׳ 3. 1978

דעפּאַרטאַמענט - דער, =ן, פּפּ (אַמ) דעפּאַרטמענט.

1. אָפּטייל פון אַ מיניסטעריום, פון אַ גרעסערער אינסטיטוציע, אונטערנעמונג.

1864 "מע לאָזט איבער דעם גלאַווני נאַטשאַלניק |=הויפּט[אָנפירער] פונעם פּאָטשטאָווע [פּאָסט=דעפּאַרטאַמענט, ער זאָל דאָס אויספירן לויט דער פאַרגעשריבענער אָרדענונג". 1980

פער 177, ב' 24, ז' 376.

1947 "דאָרט איז אויך געווען דער נאַצישער שוץ=דעפּאַרטאַמענט, און |ווו|מען האָט באַשטימט ווער פון די יידן זאָל בלייבן און ווער נישט". 2005

יזב 8, 204.

2. (רעג. פראַנקרייך) גרעסערער אַדמיניסטראַטיווער איינס, געגנט, פּראָווינץ.

0 דעפּאַרטמענט=סטאָר - די, =ס. (אַמ). 1. גרויס האַנדלס=געשעפט מיט אָפּטיילן (דעפּאַרטמענטס) פאַר פאַרשיידענע סחורות.

512 דע־

2. (איר) אַרט וווּ מע קריגט, עס געפֿינען זיך אַלערליי זאַכן.

|1926–1931| "איך וועגעלע האָט ער געהאַט אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר פּאַרקויפֿט פֿון אַ טעפּל ביז אַ נאָדל". אַפּאַטאַשו, 14, 119.

דעפּאָרטאַציע – די, =עס. אַקט פֿון דעפּאָרטירן, ב׳ 1.

1966 "|...| ס׳זאָל פּירן צו דער דעפּאָרטאַציע און
1987 אַנטבירגערונג פֿון פֿערזאָנען, וועלכע ווערן באַשולדיקט
אין אַזעלכע טעטיקייטן". פּ. באַום, פֿער 155, III/2.

2. אַקט פֿון דעפּאָרטירן, אַב׳ 2.

1968 "אייביקער כּבוד מײַנע טײַערע און נאָענטע, וואָס
1982 זענען אומגעקומען אין אַטוואַצק און אויף דעפּאָרטאַציע
אין די טויט לאַגערן". יזב 2, 132.

1971 "דער שווערסטער קלאַפּ פֿאַר די ייִדן אין יענער צײַט
1989 זײַנען געווען די דעפּאָרטאַציעס אויף צוואַנגסאַרבעט |...|".
י. באַגדאַן, יזב 7, 361.

ד ע פ אַ ר ט י ר ן – טררו. 1. אַרויסשיקן פֿון אַ לאַנד, (שטאַט, געגנט) מענטשן, וואָס וווינען דאָרט אומגעזעצלעך אָדער פֿאַרברעכערס פֿון אַנדערע מדינות. % מע האָט דעפּאָרטירט עטלעכע אומלעגאַלע אימיגראַנטן.

2. (שגל) אַרויסשיקן די ייִדן פֿון די געטאָס ~~אין זייערע~~ ~~היימשטעט~~ אין די אַרבעט=לאַגערן אָדער טויט=לאַגערן וואָס די דײַטשע נאַציס האָבן געשאַפֿן.

1954 " כמעט אַלע ייִדן האָט מען דעפּאָרטירט אין סאָביבאָר".
י. זילבער, יזב כעלם, 551. 1997/1

1968 " נאָך טעג און נעכט פֿון פּייַניקונגען אין די תּפֿיסות פֿון פֿראַנקרייַך, ווערן זיי דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ". 1997
א. ושעלאזני, יזב 2, 1044.

|| <u>דעפּאָרטירונג</u> - <u>די, =ען</u>. אַקט פֿון דעפּאָרטירן, ב׳2.

1970 "באַלד נאָכן אויסברוך פֿון קריג האָבן זיך אָנגעהויבן

1992 די <u>דעפּאָרטירונגען</u> פֿון דער באַפֿעלקערונג אויף צוואַנגאַרבעט

אין פֿאַרשיידענע געביטן פֿון דײַטשלאַנד". <u>ג. לוטאַווסקי,</u>

<u>יזב 7, 309.</u>

ד ע פּ ו ט אַ ט - דער, =ן. 1. אויסגעקליבענער פֿאַרשטייער צו אַ געוויסער אינסטיטוציע, אויך אַ פֿאַרשטייער אויסצופֿירן אַ באַשטימטע שליחות, אויפֿגאַבע.

1837 "דיא דעפּוטאטין זעניך ארום גיפאהרין פון איין אורט צום אנדערין". אנ, איין קיצור |...|, 2018/1

1865 "פונעם 1 פעווראל וועלן די האנדלס=דעפּוטאַטן אָנהייבן מאַכן אַ גענעראַלנע פֿאַווערקע |=קאַנטראַל|, אויב איטלעכער, וואָס האנדלט אין שטאָט, האָט דערצו דאָס רעכט |...|". פער 177, נ׳ 5, מודעות. 2018/2

1910 "אַ דעפּוטאָט האָט שמוינעווקע // געקליבן |...|". פּרוג. 1, 257. 2022

1951 "בשעת דער מלחמה אין 1812 און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה שווימען אַרויף די אָזוי גערופֿענע יידישע דעפּוטאַטן ביי דעם רוסישן הויפּטשטאַב". מ.ווישניצער, פער 106, 76. 2017

2. (<u>ספּעצ</u>) אויסגעקליבענער מיטגליד פֿון אַ געזעצגעבערישן
אָרגאַן (פּאַרלאַמענט, סיים, דומע <u>אד"גל</u>).

1934 " עס פּוסטעווען אויך פֿיל <u>דעפּוטאַטן</u>=בענקלעך מיט
רויטלעכן לעדער באַצויגן |...|". <u>נסתר, 2.</u>

1954 " כעלעם פֿירט אַרײַן דעם ערשטן פּועלי=ציוניסטישן
<u>דעפּוטאַט</u> אין פּוילישן סיים — ד"ר יצחק שיפּער". 2013
<u>י. צ. שארגעל, יזב 10, 658.</u>

1973 " צו דער ערשטער דומע אין 1906 זײַנען אין גראָדנער
גובערניע אויסגעקליבן געוואָרן 2 ייִדישע <u>דעפּוטאַטן</u>". 2016
<u>פּער 139, 646.</u>

|| <u>דעפּוטאַטסטווע</u> — <u>די, באַ.</u> (<u>עלט, רוס</u>) דער אַמט,
פּאָסטן פֿון אַ דעפּוטאַט.

1883 " |...| האט געבאטן א מטבע מען זאל אים אפמאכן |דא: צונעמען, אנולירן| די דעפּוטאטסטווע, נאר מע האט שוין ניט געקאנט". סאפיר, 2, 4. 2031

**דעפּוטאטקע** - די, =ס. ווע פאר דעפּוטאט, ב"ב 1 - 2.

% אין פארלאמענט זענען דא עטלעכע **דעפּוטאטקעס** אויך.

0 **דעפּוטאטן=הויז** - דאס, ~ היזער. נאמען פון געזעצגעבנדיקן ארגאן אין געוויסע מדינות.

**דעפּוטאטן=קאמער** - די, =ן. דזוו דפּוו.

ד ע פ ו ט אַ צ י ע – די, =ס. אַ גרופּע אויסגעקליבענע/ באַפולמעכטיקטע פֿאַרשטייער, געשיקט צו רעפּרעזענטירן אַ [illegible] געוויסן קאַלעקטיוו פֿאַר אַן אָפיציעלער פער,אַן/אינסטיטוציע.

1911 "נעכטן איז געווען אַ ייִדישע דעפּוטאַציע צום גובערנאַטאָר |...|". קאַברין, 1, 12. 2036

|1926–1931| " |...| ער האָט זיך אָפּט געזען אויפן פּויפּסט גאָלדענעם שטול, געווונסט בשעה=מעשה, אַז ס'איז אַן אוממעגלעכע זאַך, און פֿון דעסטוועגן הנאה געהאַט אויפצונעמען ייִדישע דעפּוטאַציעס וועגן עלילת=דם". אַפּאַטאָשו, 7, 172. 2039

1951 " אַ ייִדישע דעפּוטאַציע בעט שוץ ביי סיגיזמונדן |פּוילישער קיניג|". מ.ווישניצער, פער 106, 63. 2038

דעפוטירטע (ר) – דער/די. דזוו דעפוטאט.

1810 " והפנקס אינווענטאריז יהי מנוח אין איין שאנק
אפרטע |?| דא צו זיין שני דיפרענטי |=פארשיידענע| 2044
שלעסיר. ווו פון איין שליסל הוט רעגיהר גבאי אונד
איין שליסל הוט דער רעגירענדי דעפוטיהרטי כדי איינר
דער אנדרן ניט קען דא איבר קומן". תקנות דחברה קדישה
|...| דק"ק אשכנזים האללאנד, תק"ע.

1951 " |...| צום סוף האט מען זיך באגנוגנט כאטש
מיטן אנקוקן די דעפוטירטע צוזאמען מיט אלע הויכע 2045
געסט |...|". ל. שמעוני, פער 106, 252.

□ דעפוטירטע

1791 " בהתוועדות אלופים גבאים ודעפוטירטע |...| הוסכם
|...| אום ארטיקל כ"ו ~~דועלכש זאגט~~ |...|". 2015
תקנות מהחברה מגדלי יתומים באמשטרדם.

ד ע פּ ו ט י ר ן – טרוו. (זך) שיקן אַ פֿאַרשטייער (שטאַפּ), אַ דעפּוטאַט.

P: deptak

ד ע פ ט א ק – דער, ~ דעפּטאַקעס.

1. וועג, גאָס וווּ אַ סך מענטשן שפּאַצירן אָפּט, הין און צוריק (ספּעציעל אין קורערטער)

1957 "שפּאַצירנדיק אויפֿן 'דעפּטאַק' |האָבן זיי| זיך דורכגערעדט |...|". ה. סאַבאַטקאַ, יזב 11, 167. 2052

2. אַ וועג וואָס איז שטאַרק אויסגעטראָטן דורך פֿערד.

3. (ספּעצ) אַ קליינער קרייז = שטח, וווּ פֿערד דרייען זיך אַרום ביים דרעשן תּבֿואה, ביי אַ מילראָד, אָדער ביי אַן אַנדער אַרבעט, ווען זיי דאַרפֿן דרייען אַ דרייקלאָץ.

4. דאָס פֿערד, וואָס דרייט זיך אויפֿן דעפּטאַק |מ. לעהרער, פּער 161, 202.

5. יידישער טאַנץ |סטוטש 515|.

6. (פּיג, איר) וועגן אַ מענטשן אָן אַן אייגענער דעה,
אַ נאָכזאָגער, וואס באַמקעט יעדן צו, וואָס יענער זאָגט.
|דצוו|.

7. (פּיג, איר) וועגן איינעם וואָס לערנט אָדער לייענט
נודנע, מאָנאָטאָן |דצוו|.

8. (פּיג) אַ טעות, אַ פֿאַרזען |סטוטש 336|.

ד ע פּ ט ש ע ן – אוטוו/טרוו ; טרעטן שווער, צוקוועטשנדיק דעם באָדן. % די בהמות דעפּטשען דאָס גראָז. דעפּטשע- מיר ניט אויף די הינעראויגן! דאָס פֿערד דעפּטשעט אויף דעם דעפּטאַק.

◻ דעפּטשען (מיט די פּיס) אויף עמעצן – באַליידיקן, אונטערדריקן.

1935 " מען זאָל איַיך נעמען און אָט אַזוי צעדעפּטשען,
ווי די בהמות דעפּטשען דעם הנאָי אין שטאַל |...|". 2060
הירשביין, 6, 494.

1935 " דער אָרעמאַן, נישט נאָר וואָס ער ליגט צען אייל
אין דר'ערד, זעט נאָך יעדערער אים צו דעפּטשען מיט די פּיס". 2059
הירשביין, 2, 25.

(?נ?) ד ע פֿ י ל אַ ט אָ ר - דער, =ן. מכשיר אָדער מיטל צו באַזײַטיקן האָר.

1929 " עס ווערן באַנוצט א גאַנצע ריי אַנדערע מיטלען צו קורירן האָר=פֿאַרוואַקסונגען|, ווי פּאַסטע |...|, פֿאַרשײדענע דעפּילאַטאָרן, פּינצעטקעס |...|". פֿער 151,נ׳11.

2062

(?נ?) ד ע פּ י ל אַ צ י ע - די, =ס. דאָס באַזײַטיקן האָר.

(?נ?)

ם**דעפונטירן** – אָטשוון. אַרויסקומען.

1766 " דעסנט הלבן דיא אותיות א׳ ח׳ ה׳ ע׳ דיא

דעפונטירן פון דער קעהל איז צו שווער פר זיא 2049

איין שוא איינציג צו רידן דרום פינדן מיר עש ניט

אין אונזרם לשון הקודש". אבן ישראל, דף ד.

ד ע פּ ע - דער/די, =ס. 1. (לאקל פּאלאנגע, ליטע)

"א פוילער, א לאדער" [מ. מארק, פער 90, נ' X - 11, ז' 22].

2. צונאמען פאר א טעמפן מענטשן, א פארשטאפטן קאפ" [קטור]. 2067

ד ע פּ ע ר ס אָ נ אַ ל י ז אַ צ י ע - די, באַ.

דאָס פֿאַרלייקענען אָדער פֿאַרלירן די באַזונדערקייט,
אייגנקייט פֿון יעדן מענטשן.

1953 " |...| זײַן אויסוואָרצלונג |...| מוז ניט פֿירן צו
זײַן טויט אָדער צו פֿולשטענדיקער דעפּערסאָנאַליזאַציע". 2072
ח. גרינבערג, 1, 256.

1966 " ס'האָט זיך אָנגעהויבן די תּקופֿה פֿון קונסט פֿאַר קונסט'
ביי באַדלערן האָט זיך אָנגעהויבן די דעפּערסאָנאַליזאַציע 2071
|...| וועלכע איז ביי רעמבאָ דערגאַנגען צו דעהומאַניזאַציע".
י. האָפּער, פּער 169, נ' מײַ-יוני.

ד ע פ ע ש - די, =ן, פּפּ (זן) דעפּעשן, =ס. טעלעגראַמע.

1873 " ווי באַלד ער האָט געעפֿנט דאָס מויל צום רעדן

2077 איז אַרייַנגעפֿלויגן אַ רוח מיט דעפּעשן". מענדעלע, 1,

קאַנק 359880.

1907 " ער האָט אויך געהאַט אַ דעפּעש פֿון זייַן זונדל

2074 סאַשאַ, אַז ער פֿאַרט אַהיים מיטן קורירצוג".

שלום=עליכם, 18, 22.

1916 " פּרובירט אים |דעם עלעקטרישן דראָט| נאָר אָנרירן אין

2096 דער[צייַט ווען אַ דעפּעשע לויפֿט דורך דורך אים און איר

וועט גלייַך דערפֿילן די פֿאַרענדערונג". קאַספּע, 1, 12.

1945 " עס לויפֿט אַ דעפּעש צו אַ מומען,// עס קומט אַ דעפּעש

2079 פֿון קאַנאַדע". סעגאַלאָוויטש, 9, 26.

∠7 קלאַפּן אַ דעפּעש(ע) - שיקן אַ דעפּעש, טעלעגראַפֿירן.

531 דע-

ד ע פּ ע ש י ר ן - אוטוו. שיקן א דעפּעשע, טעלעגראַפירן.

1947 " נאָך אַזעלכע בריוו איז מען נאָך מער געלאָפן

2091 צום טעלעגראַף און ווידער דעפּעשירט". סעגאַלאָוויטש, 161,11.

532 דע-

ד ע פּ ק ע - די, =ס. שוסטער=מכשיר |סטוטש 527|,

גענויער בנב.

דעפרימירט – 1. פאר פון דעפרימירן.

2. אדי/אדוו. איך מצב פון דעפרעסיע; דערשלאגן, שווערמוטיק, אפאטיש.

1952 " זיי זיינען געווען פולשטענדיק דעפרימירט און פארצווייפלט". יזב 12, 482.

2106

(?נ?) ד ע פ ר י מ י ר ן – טרוו. אַריַינברענגען אין מצבֿ פֿון דעפּרעסיע.

1962 " ליַידן און נויט דעפּרימירט |...|".

2107 בן=גוריון |?|, פער 69, 28/IX.

535 דע-

(?בּ?) ד ע פּ ר ע ס ט י ז ש י ר ן - טרוו. אָווּעקנעמען, שעדיקן
דעם פּרעסטיזש.

19... " |זײַן| טעאַריע איז שטאַרק דעפּרעסטיזשירט געוואָרן
2113 דורך דעם באַווײַז פֿון פֿעלשונג". ב. לעווין, פער 94, נ' XX, 1.

ד ע פ ר ע ס י ע – די, =ס. 1. פסיכישער צושטאַנד

פון דערשלאָגנקייט, שווערמוטיקייט, אַפּאַטיע;

מעלאַנכאָליע, מרה=שחורה.

1951 "די דאָזיקע שטימונג גוטע האָט אָבער ביי בעל=מחשבותן

2115 ניט לאַנג געדויערט, ניט לאַנג, גאָר אין גיכן איז ער

ווידער אַריינגעפאַלן אין א דעפּרעסיע". ש. אלישאָב,

פּער 106, 1318.

1970 "דער טויט פון דער שוועסטער האָט שושנהן אַריינגעטריבן

2116 אין א דעפּרעסיע". י. כץ, יזב 7, 206.

2. אין דער עקאָנאָמיק – אַ פּעריאָד פון ירידה אין דער

פּראָדוקציע און האַנדל, באַגלייט מיט אַרבעטלאָזיקייט.

1947 "די הכנסות פון רעליף זיינען געוואָרן קלענער צוליב

2121 דער שטייגנדיקער דעפּרעסיע אין אמעריקע".

3. (געאָגר) אַ שטח וואָס געפינט זיך נידעריקער פון ים-שפיגל. % דער ים המלח און די געגנט אַרום געפינט זיך אין אַ דעפרעסיע.

4. אַ געגנט מיט אַ נידעריקן אַטמאָספערישן דרוק.

ד ע פ ש ט אָ ק - דער, ~ שטעק |?| .שוסטער=מכשיר

|סטוטש 527| ,געגויער בנב.

(?נ?) ד ע פּ אָ ד י ל  - דער, =ן. (באַט) זגאַל בלום, געניוער בנב.

1968 " באַלד וועט זי מיט טולפּאַנען, דעפּאַדילן// אויף

2125 סטרונעס זון א שפּיל און הוליע טאָן". לעיעלעס,6,141.

1972 " ביי אונדז אין קאונטרי האָבן מיר א שטיקל באַדן,

2127 |...| האָבן מיר געזען שפּראָצן טוליפּן-בלומען, הייעסינט,

ווי אויך פון קראָקוס, דעפּאַדיל= און טשיאַנאַדאַקסא=בלומען".

י. ראַכלין, פּער 155,IV/8.

רעד: ניט געפונען אין קיין שום ענגלישן ווערטערבוך

אַזא בלום...

ד ע פ אַ מ אַ צ י ע – <u>די, בא.</u> אַקט פֿון דעפּאַמירן.

דע-

ד ע פ א מ י ר ן – טרוו. רעדן שלעכטס אויף עמעצן,

מאכן א שלעכטן נאמען, (פסמ) פארשווארצן דאס פנים.

(?נ?) ד ע פ אָ ס אַ נ י ר ן - טרוו. גורם זײַן דאס פֿאַרלירן דעם פּאַסאַן, די פֿאַרמע. |מארק װוב 687.

% דער קאָסטיום איז שלעכט פֿאַרפּאַקט, וועט ער זיך דעפּאַסאַנירן.

ד ע=פ אַ ק ט אָ - אדוו פר. פּאַקטיש, ממש, ממשותדיק (אין קעגנשטעלונג צו פאָרמעל, אָפיציעל).

1919 " קוים זענען מיר דע=פּאַקטאָ די באַזיצער פון דעם
לאַנד, וואָלט שוין די ענערגישע פּאָליטישע טעטיקייט 2133
געפונען מיטלען, ווי אַזוי רעכטלעכן דאָס צו גאַראַנטירן.
זשיטלאָווסקי, 9, 88.

1972 " מ׳האָט אונדז דאָ אַריינגעוואָרפן אין חרם - נישט
מיט שופר=בלאָזן און שוואַרצע ליכט, נאָר דע=פּאַקטאָ". 2132
באַשעוויס, פער 155, 26/VIII.

ם
דאפאקטא.

1765 " דער בעדלי גונץ איז בייא אונז |...| דרויזן דער
שאסן |גע|ווארן אונ׳ דעם קאף|קאפ| אפ גשנידן ווארן 2131
דז מן דאפאקטא ניט וויס וואו ער איז".
שו"ת אור נעלם, דף יח/א.

ד ע פֿ אָ ר מ אַ צ י ע – די, =ס. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעפֿאָרמירן.

545 דע-

ד ע פֿ אָ ר מ י ר ן – <u>טרוו</u>. פֿאַרענדערן אָדער פֿאַרקריפּלען
די פֿאָרעם, דעם אויסזען, דאָס געשטאַלט.

ד ע פֿ ו י ע ר - ----> דערפֿויער.

547 דע-

(?נ?) דעפּטערדאָר - דער, =ן. (עלט, טערקיִיִ?)

שאַצמיִיסטער, פֿינאַנץ=מיניסטער.

1967 " |...| אָדער אַ דערוואָרגענעם קאָרומפּירטן דעפּטערדאָר

2139 (פֿינאַנץ=מינסטער)". ברוסילאָוו, פּער 38, נ׳ 59, ז׳ 26.

ד ע פ י ל אַ ד ( ע ) |ווײַבער ל| - די, =ס. דורכמאַרש

(ס'רוב פֿון מיליטער) אין אַ באַזונדערער צערעמאָניאַלער

פֿאָרעם, בעת אַ פּאַראַד.

1938 " |...| דאָ איז פֿאָרגעקומען די גרויסע דעפּילאַדע.

2147 אַן ערנוואַך פֿון געקליבענע צדיקים האָט זיך געשטעלט נעבן

שור=הבר |...|". מאַנגער, 2, 312.

1973 " דער פּאַן רומקאָווסקי האָט זיך אַ שטעל געטאָן בראש

2151 פֿון זײַ און, ווי אַנפֿירנדיק מיט אַ דעפּילאַדע, האָט ער

פֿאָרבענדיק מיט דער האַנט אָראָפּגעפֿירט די שורה הערן פֿון

די טרעפּלעך". ראָזענפֿאַרב, 3, 203.

דעפּילירן – אוטוו. 1. דורכמאַרשירן (ס'רוב וועגן מיליטער) אין אַ צערעמאָניאַלן מאַרש בעת אַ פּאַראַד.

2. (פיג) דורכגיין פּאַרביי עמעצן איינס נאָכן אַנדערן ווי אין אַ דעפּילאַד.

1960 " די דורות שפּאַנען דורכן בלומען=גאָרטן פון אונדזער זיכרון, |...| איצט לאָזן מיר זיי דעפּילירן דורך דער תל=אביבער עדאַלידע". י. פרידמאַן, 2, 50. 2207

1967 " |...| לאָזנדיק פאַר אונדז 'דעפּילירן' אַזוי פיל גראָטעסקע טיפּן". י. גאָלדקאָרן, פער 155, !!X/17. 2155

דעפיניטיוו - אדי/אדוו. באשטימט, אנטשלאסן,

ענדגילטיק, לעצטגילטיק.

1954 " צוזאמען מיט דער פוילישער 'ארמיא לודאווא'

(פאלקסארמיי) האט זיך שפעטער די רעגירונג באזעצט 2161

דעפיניטיוו אין איר שטענדיקער הויפטשטאט - ווארשע".

ש. וואסערמאן, יזב 10, 96.

|| דעפיניטיווקייט - די, בא. אייגנקייט אדער מצב

פון זיין דעפיניטיוו.

1958 " מיר ווייסן איצט, |...| ווען די האק פונעם

קרעמלין האט זיך אראפגעלאזט מיט איר אכזריותדיקער 2162

דעפיניטיווקייט אויפן יידישן שעפער און זיין ווארט".

ביקל, 1, 287.

דעפֿיניציע - די, =ס. קאָנדענסירטע באַשטימונג
(דערקלערונג) פֿון דעם באַטײַט (מיין, תּוך, מהות)
פֿון אַ זאַך, ~~פֿון אַ~~ (באַגריף, וואָרט, דערשײַנונג אד"גל).

1917 " |...| אַ שאָד נאָר, וואָס דער אויטאָר גיט אין ערגעץ
2165 ניט קיין שאַרפֿע דעפֿיניציע פֿון יענעם חילוק, וואָס דאַרף
עקזיסטירן צווישן אַט די פֿאַרשיידענע טיפּן |...|".
זשיטלאָווסקי, 8, 211.

1928 " זײַ האַלטן |...| מיט דעם ענגלישן קריטיקער
2165/1 העיזליט, וועלכער זאָגט אַז "די דעפֿיניציע פֿון אַ געני
איז אַז ער האַנדלט אומבאַוווּסטזיניק". ניגער, 3, 349.

1953 " אין בראשית רבה ווערט געגעבן אַ צו גלאַטע דעפֿיניציע
2169 פֿון רשעים און צדיקים |...|". ח.גרינבערג, 2, 93.

ד ע פֿ י נ י ר ל ע ך - אַדי/אַדוו. (נש) וואָס לאָזט זיך דעפֿי-
דעפֿינירן. % דעפֿינירלעכע באַגריפֿן.

1935 "|...| וועט זיך די פּסיכישע דינאַמיק לאָזן אויסדריקן
ניט נאָר אין קלאַסיפֿיצירלעכע און דעפֿינירלעכע גרייסן". 2173
מ. ווײַנרײַך, 3, 128.

ד ע פּ י נ י ר ן - טרוו. קאַנדענסירט באַשטימען (דערקלערן)
דעם באַטײַט (מיין, תוך,מהות) פון אַ זאַך (~~פון~~ א באַגריף,
אַ וואָרט, אַ דערשײַנונג).

1919 " |...| איז זײַן גורל דער זעלביקער, ווי דער גורל
פֿון רוים, צײַט און לעבן, וואָס יעדער ווייס זיי, רעדט 2184
וועגן זיי, און קיינער קאָן זיי ניט דעפינירן".
זשיטלאָווסקי, 8, 142.

1953 " |...| אפשר דאַרף מען צוליב דעם פֿריִער אויף ס'נײַ
דעפינירן דעם באַגריף פון פּאַטריאָטיזם". 2177
ח. גרינבערג, 2, 308.

דעפּיס – דער, =ן. גראַפֿישער צייכן (אַ שמאָל פּאַסיקל), וואָס ווערט געשטעלט ביים איבערטראָגן אַ טייל פֿון אַ וואָרט אויף אַ צווייטער שורה אָדער צווישן די טיילן פֿון אַ צונויפֿהעפֿט; בינדשטריך, מקף.

ד ע פֿ י צ י ט - דער, =ן. 1. (פֿינאַנצן, בוכפֿירונג) מצב ווען די הוצאות שטײַגן איבער די הכנסות.

1876 " איך האָב געזען קהלשע פֿאַרזאָרגער, שיינע יידן בעלי=קומה, וואָס פֿירן שולן, תלמוד=תורהס, ביקור=חולימס וכדומה |...|, און צו יעדן נײַ יאָר ווייסן זיי |פֿון| אַ גרויסן דעפֿיציט". ליניעצקי, 3, 42. 2189/1

1951 " די גרויספֿירשטלעכע קאַסע איז געווען אויף צרות, קאַזימירס מלחמות מיט מאָסקווע און מיט די טאַטערן האָבן פֿאַראורזאַכט אַ גרויסן דעפֿיציט". מ. ווישניצער, פער 106, 60. 2190

2. מאַנגל, דוחק אין עפּעס. % אין די קראָמען פֿילט זיך אַ דעפֿיציט אין געוויסע סחורות.

1890 " מיין לעבנס=באַלאַנס האָלט זייער שלעכט, איך האָב
2190/1 איך אים געפֿונען אַ גרויסן דעפֿיציט". יצחק ראַבינאָוויטש,
1, 3.

1930 " ס'ווערט דאָ נעמלעך געטערט דער 'באַלאַנס' פֿון דער
2188 נשמה=ווירטשאַפֿט דורך דעם 'דעפֿיציט' פֿון די אונטערדריקטע
און דעם 'איבערפֿלוס' פֿון די איבער=אַנטוויקלטע כּוחות".
פּ. שניאורסאָן, 3, 13.

1940 " ווען די קישקע האָט אַ דעפֿיציט — קומט חשבון=הנפֿש
2193 מיט זייַנע געווינסן". דער לעבעדיקער, פּער 217,187.

|| דעפֿיציטיש — אַדי. |סטוטש 496| וואָס ווייַזט אַ דעפֿיציט, אַ מאַנגל. % דער מלוכה=בודזשעט איז דאָס יאָר אַ דעפֿיציטישער.

דעפּיציטנע - דזוו דפּוו./מע צאָלט טייער פֿאַר דעפּיציטנע סחורות.

(?נ?) דעפּיציטע(ר) - דזוו דפּוו.

1932 " א סעזאָן=אינדוסטריע, ביי וועלכער עס ווערט

2198 פֿאַרברויכט אַזאַ מין דעפּיציטער רויוואַרג ווי מצה=וואַסער...",

פּער 61, 144.

0 דעפּיציטלאָז(יק) - אדי. (דטשמ) וואָס איז אָן דעפּיציט

|סטוטש 495|.

ד ע פֿ ל אַ צ י ע – די, =ס. (פֿינאַנצן) דאָס פֿאַרקלענערן דעם אומלויף פֿון געלטמיטלען (ספּעציעל פֿון באַנקנאָטן) אונטער דעם ניוואָ פֿון געוויינלעכן געברויך, כדי צו פֿאַרגרעסערן דעם ווערט פֿון געלט (דער היפּוך פֿון אינפֿלאַציע).

דעפּלאָראַציע – די, =ס. דאָס איבעררײַסן דאָס
בתולה=הײַטל.

1938 "|...| אַזוי לײַדט א פּרוי פֿון בלוטאָפּפֿלוסן בײַ
דער מענסטרואַציע, בײַ דער דעפּלאָראַציע (בעת דעם 2202
ערשטן געשלעכטלעכן אַקט)". פּער 151, נ' 6.

דעפּעטיזם – **דער, בא.** נטיה (ס׳רוב אין פּאָליטישע ענינים) ניט צו גלייבן אין נצחון, אין הצלחה און דעריבער די גרייטקייט נאָכצוגעבן דעם קעגנער, אונטערצוגעבן זיך.

1972 " דער אינעוויניקסטער נאַציאָנאַלער דעפּעטיזם איז פאַרן יידישן קיום א סך מער געפערלעך, ווי דער אויסערלעכער שונא". **י. הירשהויט, פּער 169, יאַנואַר, ז׳ 8.**

ד ע פּ ע ט י ס ט - דער, =ן. דער וואָס איז נוטה צו דעפּעטיזם.

1949 " א דעפּעטיסט איז ער. אַזעלכער וועט קיין מלחמה ניט פֿירן". ס. יזהר, פּער 38, נ' 2, ז' 164. 2205

|| דעפּעטיסטיש - אדי/אדוו. -ווײַז(פֿון) א דעפּעטיסט.

1965 " סאָלדאַטן און בירגער זײַנען געווען אויסגעשפּראָכן דעפּעטיסטיש געשטימט". ג. אַראַנסאָן, פּער 107, 169. 2206

(?נ?) °ד ע פֿ ע נ ד י ר ן / ד ע פּ ע נ ד י ן – טרוו.

פֿאַרטיידיקן, (באַ)שיצן.

1739 " פֿר לושט פון (שכל), דעפֿענדירט פון דעם 2208

(יצר הרע) און לושטין". ס׳ מבחר הפנינים, דף ט"ז.

1777 " דעפענדין, שיצן פֿר טייטיגן". חנוך לנער, דף כ"א. 2210

ד ע פּ ע נ ס י ו ו - אַדי/אַדוו. פּאַרטיידיקעריש,

פּאַרטיידיקנדיק, באַשיצעריש, אָפּוווערנדיק (להיפּוך צו אָפּענסיוו).

דעפֿענסיווע – די, באַ. 1. פֿאַרטיידיקונג,

אָפּוווער, באַשיצונג. % די דיוויזיע איז איצט אין

דעפֿענסיווע, מע האָט זיך פֿאַרגראָבן אין די אָקאָפּעס

וואַרטנדיק אויף פֿאַרשטאַרקונגען.

2. די געהיים=פּאָליציי אין פּוילן צווישן ביידע וועלט=מלחמות.

1938 " מ'האָט מיך געשלאָגן אין דער דעפֿענסיווע,

פֿאַר אַ קאַליקע געמאַכט". י.י. זינגער, 7, 222. 2221

1968 " מײַן ברודער יאָסל האָט אויסגעהאַלטן די שווערסטע

פּײַניקונגען |...| פֿון דער אַכזריותדיקער פּוילישער 2218

דעפֿענסיווע און קיין איין מאָל זיך נישט איינגעבראָכן".

א. זשעלאזני, יזב, 2, 1050.

ד ע פ ע ק אַ צ י ע - די, בא. דאָס אויסשיידן די עקסקרעמענטן פון מאָגן.

1936 " די דעפּעקאַציע (דאָס מאָגן האָבן) איז אַ פּראָצעדור, וואָס אונטערליגט, ביז צו אַ געוויסן גראַד, אונדזער ווילן |...|". פער 151, נ' 11. 2222

2. (טעכט) דאָס רייניקן דעם רויען צוקערזאַפּט פון זייטיקע צומישן מיט דער הילף פון געברענטן קאַלך.

דעפעקט - דער, =ן. פעלער, חסרון, מום, פגם.

1927 " איך קאבינעט איז נאך איינער א דעפעקט געווען,
|...| די שטול, וואס עמעצער האט מיט א מעסערל דאס 2226/1
זיידן געמאלענע באשלאג אירס אויסגעשניטן".
איבז דער נסתר, 1.

1951 "מיר האבן אין דער פאבריק נאכגעפארשט די אייגנשאפט
פון דער אויסגעארבעטער לעדער, אויסגעפונען אירע 2226/2
דעפעקטן און וואס מען זאל פארבעסערן |...|".
י. פרענקעל, פער 106, 954.

▫ דעפעקטום.

1774 " דעפעקטום - איין מאנגל". חנוך לנער, דף כ"א. 2230

567 דע-

דעפעקטיוו – אדי/אדוו. וואס איז מיט א פעלער, חסרון, מום.

1968 "מען האט געמוזט באצייטנס זארגן, אז די דעפעקטיווע קינדער זאלן איזאלירט ווערן אין א פארמאכטן דערציִערישן אנשטאלט, וואס זאל זיי היילן און דערציִען". 2232/1

י. פערעל, יזב 2, 347.

(?נ?) ד ע פ ר ו י ד אַ צ י ע - די, =ס. אַקט פֿון דעפֿרוידירן.

p: defraudacja

569   -דע

ד ע פֿ ר ו י ד י ר ן – אוטור. צואייגענען זיך אָנגעטרויט     (?נ?)

געלט אָדער פֿאַרמעגן, באַשווינדלען |מארק רוב 1781|.

p: defraudować

ד ע צ י ב ע ל  –  דער,=ן. (פּיג) איינס צו מעסטן די שפּאַנונג פון קלאַנג, גלײַך צו איין צענטל פון א בעל.

ד ע צ י ג ר אָ ם - דער, =ין. אַ צענטל פֿון אַ גראַם.

דעצידירט – 1. פאר פון דעצידירן.

2. אדי/אדוו. אנטשלאסן, רעזאלוט, פעסט ביי זיך אויסצופירן
וואס מע האט זיך פירגענומען. א דעצידירטער מענטש
שטעלט זיך ניט אפ פאר קיין שוועריקייטן.
קעגן דעם שונא דארף מען אננעמען דעצידירטע שריט.

1968 " איך בין אבער געווען פעסט דעצידירט, און קיין
שום רייד האבן מיך נישט געקענט אראפפירן פון וועג".
א. קאמינסקי, יזב 2, 265.

|| דעצידירטקייט – די, בא. אייגנשאפט פון זיין דעצידירט.

1959 " בכלל אבער האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט א
גראדליניקער, ווען אפילו עלאסטישער דעצידירטקייט". 2250
ניגער, 9, 217.

1968 " ווען איך בין אהיימגעקומען אויף אורלויב, האב איך
מיינע עלטערן דערציילט |...| וועגן מיין דעצידירטקייט 2249
עולה צו זיין קיין ארץ=ישראל". א.קאמינסקי, יזב 2, 265.

ד ע צ י ד י ר ן - טרוו. באַשטימען, אַנטשיידן
(וואָס יאָ אָדער ניט צו טאָן, יאָ אָדער ניט אָנצונעמען אד"גל)
אין פֿאַל פֿון פֿאַרשיידענע ברירות, מעגלעכקייטן; באַשליסן.

1937 " |...| ער האָט אויך דעצידירט ביים אויספֿאַרטיקן דעם
טייך־קאַלענדאַר" ווי, און ביי וועמען |...|". 2247
אלחנן ציטלין, 1, 497.

1970 " אויך די גרויס צאָל נפֿשות האָט דעצידירט אין
אַ געוויסער מאָס ביים פֿאַרנעמען אַ סאָציאַלן שטאַנד". 2247/1
ד. גראַבינער, יזב 7, 97.

דעצידירן זיך - אוטוו. אַננעמען אַ באַשלוס נאָך אַ געוויסער
נאָכטראַכטונג, וואַקלונג, פֿועלן ביי זיך; אַנטשליסן זיך.

1922 " קינד, איצט מוזטו זיך דעצידירן, און איך בין
געקומען דיר דאָס צו זאָגן". אש, 7ד, 86. 2251

574 -דע

1954 "דזשיע ראַפּאַפּאָרט און איך האָבן לאַנגע וואָכן
זיך ניט געקענט דעצידירן אויף וועמענס צד זיך צו 2268
שטעלן". ח. גרינבערג, 3, 191.

ד ע צ י ז י ע – די, =ס. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון
דעצידירן (זיך); באַשלוס, אַנטשיידונג.

p: decyzja

1949 " דאָס מיליטער |...| האָט זיך צוריקגעצויגן און
2271 איבערגעלאָזט דעם קיבוץ די דעציזיע וועגן פֿאַרלאָזן דעם
פּונקט אָדער אויסדויערן". נ. גריס, פּער 38, נ׳3, ז׳207.

1973 " די אויסזידלונג פֿון די ייִדן פֿון דער ראַדאָמער
2270 געגנט האָט געהאַט א שייכות מיט דער דעציזיע פֿון דער
ווערמאַכט צו שאַפֿן |...| א מיליטעריש איבונגספּעלד|...|".
יזב 18, 275.

576 -דע

ד ע צ י ל י ט ע ר - דער, =ס. אַ צענטל פֿון אַ ליטער.

ד ע צ י ם - -----> דעצעם.

ד ע צ י מ אַ ל - אַדי. צענטלדיק, געצענטלט, שייכדיק צו צען. % דעצימאַלע סיסטעם פֿון צאָלן.

דעצימאַלע ברוכצאָל - די, =ן. ברוכצאָל מיט א טיילווייזער וואָס טיילט זיך אויף צען אָן רעשט.

דעצימאַלע וואָג - די, =ן. אַזא וואָג, וואָס אירע געוויכטן זענען צען מאָל קלענער פֿון דער געוויגענער זאַך.

דעצימאַלע מאָס - די, =ן. א מאָס פֿון דער מעטרישער סיסטעם (מעטער, קילאָגראַם א"אַ).

דעצימאַלע סיסטעם - די, בא. די איצט אוניווערסאַל אָנגענומענע סיסטעם פֿון צאָל, אין וועלכער די ציפֿערן פֿון יעדער ריי זענען קלענער/גרעסער צען מאָל פֿון דער שכנותדיקער.

579 דע-

דעצימאַל=פּונקט - דער, =ן. |סטוטש 54|. בנב.

רעד: ניט געפֿונען ביַי סטוטש.

דעצימאַל=תּשבורת | טישבוירעס| - די, =ן. דזוו דעצימאַלע ברוכצאָל.

(?נ?) ד ע צ י מ אַ צ י ע - די, בא. 1. דאָס צעצענטלען, צעטיילן (צעשניידן, צערײַסן) אויף 10 טיילן.

2. פֿאַר צײַטנס - דאָס טייטן יעדן צענטן מענטשן לויט אַ גורל, שפּעטער - דאָס באַשטראָפֿן יעדן צענטן, אויס מע געפֿינט ניט דעם שולדיקן, ווען די פֿאַרדעכטיקע זענען זיך ניט מודה.

(?נ?) ד ע צ י מ י ר ן – 1. צעצענטלען, צעטיילן (צעשניידן, צערייסן <u>אד"גל</u>) אויף 10 טיילן.

2. (<u>רעג, גאַליציע?</u>) אומברענגען אַ סך מענטשן, איבערלאָזנדיק ביים לעבן נאָר יעדן צענטן. דרי

1967 " אויפן קריק וועג קיין אוקראַינע, וונהין אונדזער <u>דעצימירטער</u> רעגימענט איז אריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף 2294

אַפּרו, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט |...| אין קראָקע".

<u>ש. ביקל, 68, 18/XI.</u>

ד ע צ י מ ע ט ע ר – דער, =ס. אַ צענטל פון אַ מעטער.

1912 " |...| זי שפּילט זיך אָפּ ניט ערגעץ ווו אַנדערש,

2297 נאָר אין אַ פּאָר קובישע דעצימעטער, וואָס זייער גוף פאַרנעמט

אין רוים". זשיטלאָווסקי, 1, 130.

דעצעם - צאלוואַרט. (כּלש) צען |נ.פּרילוצקי, רשומות,א׳, 1918, ז׳ 277|.

|| דעצעמל - דער/דאָס, =ן- =ער. (כּלש) אַ מטבע פֿון 10 פּרוטות.

1937 " די פּריזיר=באַלעבאַטים לאָכן זיך דערפֿון אויס, אויסשטעלנדיק דעם יוגנטלעכן אויף די צופּעליקע ספּעמניאַקעס און דעצעמלעך |?| פֿון גאַסט". פּער,דער יוגנטלעכער פּריזיר=אַרבעטער, וואַרשע, נ׳ 1, ז׳6. 2313

דעצעמניק - דער, =עס. (כּלש) 1. דזוו דפּוו.
|נ. פּרילוצקי,רשומות,א׳, 1918, ז׳ 277|.

2. (כּלש) אַ באַנקנאָט פֿון צען רובל |דצוו|.

דעצעמער - דער, =ס. (כּלש) אַ צענער, צען קאַפּיקעס
|י. טריוואַקס, פּער, 33, ז׳ 168|.

1956 " עס 'פּראבעט' (נישט פּראַן) קיין 'דעצעמער'

2302 |טעקסט:דעצעמער|(פּיטאַקל)אין 'שטעקער' (קעשענע)".

איריס, 1, 130.

2290 0 דעצעם=באקער - צאלווארט. (כּלש) צוועלף.

2291 דעצעם=בערעלע - צאלווארט. (כּלש) עלף.

2292 דעצעם=דעצעם - צאלווארט. ~~פער 33, ז' 168.~~ (כּ/ל) הונדערט.

דעצעם=דעצענער - צאלווארט. (כּלש) דזוו דפּוו .

2296 דעצעם=סטראם - צאלווארט, פּפּ דעצעם מיט סטראָם.(כּלש) דרײַצן.

2309 דעצעם מיט בעזין - צאלווארט. (כּלש) זיבעצן .

דעצעם מיט כאשמיל - צאלווארט. (כּלש) עלף.

2312 דעצעם מיט ספּערן - (כּלש) פּופצן.

דעצעמבער – דער,ס. לעצטער (צוועלפֿטער) חודש פֿון קאַלענדאַר=יאָר.

1866 " זייט דעם 19 דעצעמבער אין א ביסל שטילער געוואָרן
אין געטרייַדע=האַנדל". פֿער 177, נ' 50, ז' 772. 2305/1

1949 " אין דעצעמבער 1940 האט דער געטאָ=פּרעזעס |...|
אַרויסגעלאָזט די ייִדישע באַנעס אַלס אומלויפֿגעלט אין 2305/2
לאָדזשער געטאָ". פער 147, 43.

|| דעצעמבערדיק – אַדי/אַדוו. פֿון דעצעמבער אָדער ווי אין
דעצעמבער. עס בלאָזט א דעצעמבערדיקער ווינט.

1955 " |...| אין דעצעמבערדיקע ווינטערנעכט |...|".
לייוויק, פער 69. 2306

(?נ?) ד ע צ ע מ וו י ר – <u>דער, =ן.</u> אין אַנטיקן רוים – איינער פֿון די הויכע בא<u>א</u>מטע.

587 דע-

ד ע צ ע נ ט ר א ל י ז א צ י ע - די, בא. אקט אדער

רעזולטאַט פון דעצענטראַליזירן.

**דעצענטראַליזירן** – טרוו. איבערגעבן די נידעריקערע אָרגאַנען א טייל אָדער מערער פֿונקציעס און רעכט אין דער אַדמיניסטראַציע/אָנפֿירונג פֿון אַן אינסטיטוציע, מלוכה=אָרגאַן, אונטערנעמונג.

1947 "די פּוילישע עקאָנאָמיסטן האָבן, קעגן די אינטערעסן
פֿון דער טשענסטאָכאָווער אינדוסטריע, געשטיצט די פּלענער 2318
פֿון דעצענטראַליזירן די שפּילוואַרג=און גאַלאַנטעריע=
פֿאַבריקאַציע". יזב 8, 47.

**דעצענטראַליזירונג** – די, באַ. אַקט פֿון דעצענטראַליזירן.

1963 "די באַשלוסן, וואָס גייען אין דער ריכטונג פֿון
מינערן די 'אומטעותדיקייט' פֿונעם פּויפּסט, אין דער 2316
ריכטונג פֿון דעצענטראַליזירונג פֿון דער קירך".
ש. ביקל, פּער 169, נ' 11, |זײַט 11?|.

(?נ?) ד ע צ ע נ י ו ם – דער, =ס. א יאָרצענדליק |סטוטש 70|.

Lat: decennis/decennium

דעק - די/דער, =ן, פּפּ דעקע. 1. עפּעס וואָס דעקט צו, באַדעקט/פֿאַרדעקט, אָדער מיט וואָס מע דעקט זיך צו.

% ער שלאָפֿט, איינגעדעקט מיט א וואָלענער דעק. דאס בעט איז פֿאַרדעקט מיט אַ געבלימטער דעק.

1829 " ... |...| און דו זאלסט מאכן איין דעק צו דעם געצעלט, רויט געפארבטע פעלן פון ווידער, און איין דעק פון תחשים פעלן פון אויבן". איבז אנ, חמשה חומשי תורה, שמות, כו - יד. 2374

1868 " דער ר' מ.ש. האָט מנדר געווען זיבנע ליילעכער, דעקן און נאָך גרעט". פּער 177, נ' 15, ז' 113. 2327

... די שטולן פון זילבער, דער טיש אַלאַבאַסטער,// מיט דעקן פֿון גינגאָלד באַשפּרייט". יהואש, ליד"די בייזע כאַליאַסטרע". 2327/1

1927 " |...| שטעלט מען שטאַנגען אויף אַרום מייַן קבר,//

2345 ציט מען אויס אויף זיי אַ דעק א שוואַרצן |...|".

מ.ל. האַלפּערן, 2, 298.

1957 " |...| דינה, איינגענוירעט מיטן קאָפּ אונטער דער

2389 דעק, האָט געוואָרט אויף דער מאַמען". קאָרן, 6, 219.

2. (לאקל, מלאוועו) " אַ פּערענע" |פער 90, !! - 5, ז׳ 151|.

3. דער דיל, וואָס דעקט איבער דעם קאַרפּוס פון אַ שיף.

% די פּאַסאַזשירן פון דער שיף שפּאַצירן אויפן דעק.

1922 " |...| און די כוואַליעס פון ים |...| רייַסן זיך

2397 |...| העכער און העכער, ווילן אריבערשמייַסן אריבערן דעק".

שלום=עליכם, 9ב, 102.

1974 " דאָס מיידל פון אוישוויץ איז געשטאַנען בייַ דעם

2397/1 באַריער אויף דער אייבערשטער דעק". עלבערג, 2, 362.

4. טישבלאַט.

1971 " |...| ס'אַקאַפּאַטע, אַלרייט, – האָט ער אַ מורמל געטאָן
|...| אויסציִענדיק דאָס מלבוש איבער דער צעקאַרבטער 2356
דעק פון אַרבעטסטיש |...|". ב. רעסלער, פער, 69, ז׳ד׳ 4.

5. דנאָ, באָדן, גרונט, דער אונטערשטער טייל פון עפּעס.
% אויפן דעק פון פאַס איז נאָך דאָ א ביסל ווײַן. די אונטערוואַסער
שיף ליגט אויפן דעק פון ים.

1883 " טרינק געזונט, – האָט אים ירחמיאל געענטפערט. –
ער האָט געשווינד אויסגעקערט א גלאָז מיט דעם דעק 2332
אַרויף זיך אין גאָרגל אַרײַן". צ.ז. רובינשטיין, 56,1.

1900 " אַז די גרוב איז שוין אויסגעגראָבן אויף דער
גאַנצער טיף |...| דאַרף מען נאָך דעם דעק איבערגראָבן אויף 2333
איין שטיק (זאַסטופּ) און די ערד שוין ניט אַרויסוואַרפן".
העללער, 1, 22.

1930 " דאָס פּײַער אין די אונטערשטע שיכטן, אין טיפֿסטן

2342 דעק פֿון שמעלצאָפֿן, איז שטאַרקער ווי אויבן".

אײַנהאָרן, 7, 155.

1945 " |...| און איך האָב אויסגעטרונקען ביזן דעק //

2342/1 מײַן ווײַטאָג אין דער נאַכט |...|". גראַדע, 1, 60.

6. (קצבֿ.) טייל פֿון פֿלייש פֿון א בהמה, געווינער דעק.

~~e 56~~ 1938 (~~קצבֿיש~~)" ויש לו |לקושליץ| עוד ב׳חתיכות |...| והבשר

2329 השלישי שקורין אותו די דע"ק (ובעירנו ביאליסטאק

קורין אותו לאטע |...|". בישקאָוויץ, 1, 123.

7. (פֿיג) נידעריקסטער סאָציאַלער שיכט, אונטערוועלט.

% דער שרײַבער שילדערט טיפֿן פֿון דעק. אין דער געגנט

ווינען מענטשן פֿון דעק.

1961 " דעק=עלעמענטן האָבן נאָר געוואַרט אויף א געלעגנהייט

2328 אָנצוהייבן ראַבעווען ייִדיש האָב=און=גוטס". פּ. טשעטשאַטקא,

יזב 13, 114.

1962 " טרעפּערס און שלעפּערס, שיכּורים און שלעק, //
2328 ס'שוויבלט מיט גאָרקיס פֿאַרשווינען פֿון דעק".
מ. קנאַפּהייס, פּער 129א, II/23.

8. (פֿיג) שוץ, באַשיצונג.

1885 " לאָז אונדז גאָט |...| אויפשטיין צו לעבן און
2357 שפּרייט איבער אונדז דײַן פרידלעכע דעק ".
איבן אַנ, מחזור 4, 16.

9. (פֿיג) עפּעס וואָס פֿאַרשטעלט, באַהאַלט; שלייער, מאַסקע.

1848 " וואך אויף, מיין ברודער פון דעם דאזיגן שלאף
2355 אונ טו אפּ פון דיין הארץ דיא דעק פון דעם יצר הרע".
חובות הלבבות, 3, 204.

1970 "די רעגירונג האָט באַפוילן, אַז ביי נאַכט - אונטערן דעק
2338 פון דער פינצטערניש - אַריבערצופירן פון אַנדערע
פלעצער מילטער=טרופן קיין ווילעלון". ש.כץ, יזב 167,7.

10 (פיג) אַ קלאַפּ (ביי שלאָגן) |סטוטש 183|.

|| דעקל - דאָס, =ער. זבז.

ס'איז אין דער ערד אויפן דעק - ס'איז זייער ווייט, טיף, ניט צו דערגרייכן אַהין |סטוטש 119|.

ס'איז פאַרפאַלן ווי אין דעק - ס'איז ניט צו געפינען |סטוטש 496|.

ס'איז אַרויס דער דעק - ס'איז שוין ניט וויכטיק, ס'איז שוין ניטאָ וועגן וואָס צו רעדן |סטוטש 414|.

ם דעק.

1. ---->

1510 " |...| אונ' אױף דער הול װש גימאכט איין אובר לוך
2352 װאל צו גמכט מיט איינר דעק". איין מעשה פון שלמה המלך,
ז' 256.

1723 " מן טאר װאול אום האלטן פֿר דען רעגן איין דעק
2348 אודר איין זאק". לבֿ טובֿ, 2, דף 2/66.

8. --->

1692 " אונ' גאט װערט זייך (מחסה) איין דעק צו זיינום
פאלק (רש"י)". ס' המגיד, 2, יואל, ד - 56, |תי: א באשיצונג.|

1713 " גלובט בישטו גאט דר דא שפריי אט איין פרידליכי
2334 דעק איבר אונז אונ' איבר אל זייך פאלק ישראל |...|".
מחזור 1, דף קלז.

9. ---->

1739 " דארום (שפראך דער חכם) צעררייסיט אײרי דעקין

2325 דער בושה בײא זוכונג דער חכמה". ס' מבחר הפנינים,

דף ה.

1767 " סוה א. מסוה ומכסה. דעק. שלײער". ס' דברי יושר.

11. בגד, קלײד.

1679 " ער ווערט וועשין אין ווײן זײן קלײד, אונ' אין

2381 קוטין ווײן זײן דעק". בליץ, בראשית, מט - יא.

|תי: בגד|.

ד ע ק א – די, =ס. געקירצט פון דעקאַגראַם, א וואָגמאָס – צען גראַם, א הונדערטסטל פון אַ קילאָגראַם.

1958 " דרייסיק דעקא ברויט איז א 'שטראָפּנאָי פּאַיאָק' (אַ פּאָרציע) וואָס קומט אַ באַשטראָפטן". א. באַש, פּער 18, 5/XII.
2404

1972 " פּאָרן דורכפירן די היגיענישע אַקציע האבן די פּאָליציאַנטן |...| באַקומען: איין קילאָ ברויט, צען דעקא וווּרשט, צען דעקא שמאַלץ |...|". ראַזענפּאַרב, 3, 485.
2409

ד ע ק א ב ע ר - דער, בא. (רוס) דעצעמבער.

ד ע ק אַ ב ר י ס ט – אַנטיילנעמער אין אויפֿשטאַנד פֿון
א גרופּע רוסישע אַדללײַט קעגן צאַרישן רעזשים, דעם 14
דעקאַבער (=דעצעמבער) 1825.

1956 " |...| איז ער אַדורכגעגאַן דורך ראַזינס אָפּגעהאַקטן
2414 קאָפּ און דורך געקעפּטע טרוימען פֿון די דעקאַבריסטן".
מאַרקיש, 11, 460.

ד ע ק א ג אָ ן – דער, =ען. (מאט) א פֿיגור מיט 10 ווינקלען.

ד ע ק אַ ג ר אַ ם - דער, =ען. א וואָגמאָס, 10 גראַם,

א הונדערטסטל פון א קילאָגראַם.

1954 " אין פּאַלקסקיך גיבן מיר צו צום מיטאָג |...|

2419 צו עטלעכע דעקאַגראַם |...| ברויט פֿאַר יעדן".

יזב 10, 609.

דעקאַדאַנס - דער, באַ. ירידה, אראָפּנידערונג
(בפרט געניצט צו באַצייכענען די קונסט-שטרעמונגען
אין אייראָפּע פון סוף XIX און אָנהייב XX י"ה).

1906 " פון צו פיל טיפן זיך אין פאַרבן האט אַרויסגעשפּראָצט
דער דעקאַדאַנס אין פאַרבן". קאַצענעלסאָן, 4, 7-8. 2421

ד ע ק אַ ד י ר ן - טרוו. אויסגעפּינען, קענען לייענען/ פֿאַרשטיין דעם קאָד, דעשיפֿרירן.

1962 " |...| איר פּערסאָנאַל איז פֿאַרנומען מיט דעקאַדירן געהיימשריפֿטן און אויסגעפּינען, ווי די קעגנערס האבן מיליטערישע אינסטאַלאַציעס". ב. עטינגער, פער 15/V,69.
2424

(?נ?) ד ע ק אַ ד נ י ק – דער, =עס. אַן אַקציע וואָס איז פּלאַנירט אָדער דורכגעפֿירט במשך פֿון אַ דעקאַדע (צען טעג).

% מע וויל אָרגאַניזירן אַ דעקאַדניק צו פֿאַרשפּרייטן ייִדישע ביכער.

דעקאַדע – די, =ס. 1. צײַטאָפּשניט פון 10 טעג.

1972 "איינער פון די פּלאַקאַטן האָט מודיע געווען וועגן

דער פּראָוויאַנט=צוטיילונג פֿאַר דער נײַער דעקאַדע". 2430

כאָגנעסאַר, 2, 314.

2. צײַטאָפּשניט פון 10 יאָר.

1960 "'פֿאַרן מבול' איז אַ פּאַנאָראַמע פונעם רוסישן,

רוסיש=ייִדישן און פּויליש=ייִדישן לעבן און שטרעבן 2432

אין די ערשטע צוויי דעקאַדעס פון אונדזער יאָרהונדערט".

ניגער, 10, 176.

607 - דז

דעקאַדענט - דער, =ן. פֿאָרשטייער פֿון דעקאַדאַנס.

|| דעקאַדענטיש - אַדי/אַדוו. ווי (פֿון) אַ דעקאַדענט.

1909 "איר קענט נישט די דעקאַדענישע ליטעראַטור? דאָס איז דאָך די נײַע פֿאָרמע, די שטימונגס=פֿאָרמע, וואָס זעט אַלץ באַשײַנט מיט דעם גערטלעכן און מעלאַנכאָלישן שײַן פֿון דער לבנה". 2440

מילטאָן, 1, 57.

1914 "מיר הענגען די דירה אין גאַנצן אײַנריכטן אין דעקאַדענטישן סטיל, דו ווייסט, ווי איך האָב ליב די אײַנגעבראַכענע ליניען". 2435

אַדעלהיים, 1, 12.

ד ע ק אַ ד ע נ ץ - די, באַ. דזוו דעקאַדאַנס.

... " געדערדט האָט מען וועגן איבערנאַטירלעכס, אומבאַגרײַפלעכס

2437 אין דער נאַטור און וועגן דעקאַדענץ אין דער ליטעראַטור".

שלום=עליכם, 5ב, 161.

1938 " ער האָט זיך געשטעלט א פּראָבלעם, די דעקאַדענץ

2439 פֿון אַלעבן=שטייגער, דער צעפֿאַל פֿון בירגערלעכקייט".

קאָראַלניק, 1, 199.

ד ע ק אַ ט י ז י ר ן - ----> <u>דעקאַטירן</u>.

ד ע ק אַ ט י ר ן – טרוו, פּפּ דעגאַטירן. דורכנעמען אַ וואַלנשטאָף מיט דאַמף אָדער הייס וואַסער, כּדי צו פֿאַרבעסערן די קוואַליטעט, דער עיקר כּדי צו פֿאַרמײַדן דאָס אײַנלויפֿן, אײַנציִען זיך.

1960 " טוכן מיט אַ שטאַרקן פּאָסגלאַנץ |...| דאַרף מען

2445 דעקאַטירן (אײַנטונקען אין וואַסער און זיי אויסשפּאַנען ניט צו שטאַרק)". ל. זאַמעט, פּער 90, XV – 3.

דעקאַלאָג — דער, באַ. די צען געבאָטן (עשׂרת=הדברות) פֿון דער תורה.

(?נ?) ד ע ק אַ ל אָ ר אַ נ ט - דער, =ן. כעמישער שטאָף געניצט

אַרויסצונעמען, אַרויסצוציִען אַ געווויסן קאָליר פֿון

אַ מאַטעריאַל.

ד ע ק אַ ל אָ ר י ר ן – <u>טרוו.</u> (<u>בעמיע</u>) אַרויסנעמען/ אַרויסציִען א קאָליר פֿון אַ מעטעריאַל.

ד ע ק אַ ל ט - |ווייכער ל| - פּפּ דעקאַלטע.

א טיפּער אויסשניט ביים האַלדז און ברוסט אין אַ פֿרויענקלייד.

|1937?| " עס זיינען היינט מאָדיש גרעסערע דעקאַלטן".

2455 פּערלע, 2, 231.

1943 " |...| פֿון דעם ווייסן |...| טיכל איבערן הויכן

2456 שטערן ביז דעם קליינעם דעקאַלט פֿון איר הויכן,

ווייכן און ווייסן האַלדז". י.י. זינגער, 8, 154 (159?).

ד ע ק אָ ל ט ע - 1. די, =ס. דזוו דעקאָלט.

2. אדוו. מיט אַ דעקאָלט, אויסגעשניטן.

1911 " אירן וועלאַנטאַן מייַן קלייד שטאַרק דעקאָלטע...

2474 אַי, עס איז אַזוי אָנגענעם ווען דו פּילסט, ווי די מענער

קוקן". י. גאָרדין, 14, 27.

1926 " |...| טוט זיך אָן |...| אַ טריקאָטן העמדל, [illegible]

2475 געשניטן דעקאָלטע, אָן אַרבל |...|". אָפּאַטאָשו, 5, 118.

דעקאָלטירט – 1. פֿאַר פֿון דעקאָלטירן (זיך).

2. אַדי/אַדוו. מיט אַ דעקאָלט.

1869 "בײַ זײַן טיר איז צוגעשלאָגן אַ פּושקע פֿונעם

2465 שפּאַלער זיידנס קבֿר, און אויף דער וואַנט... אַ בילד

פֿון אַ דעקאָלטירטער נקבֿה". עלי. קציז, פֿער 177, נ'16, ז'115,

1920 "|...| אין די גאַלעריען שפּאַצירן אום עלעגאַנטע

2471 דעקאָלטירטע פֿרויען פֿון דער האַלבער וועלט".

איינהארן, 2, 60.

1965 "|...| ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ יונגע פֿרוי,

2468 אַ פֿאַרפּוצטע, שטאַרק דעקאָלטירטע". נאָטע לוריע, 5, 222.

(?ב?) ד ע ק אָ ל ט י ר ן (ז י ך) – מאַכן אַ דעקאָלט אין קלייד, גיין מיט אַ דעקאָלט |<u>סטוטש 523</u>|.

דעקאליטער – <u>דער, =ס.</u> איינס צו מעסטן די ארייננעמיקייט פון פליסיקייטן: צען ליטער.

619 דע-

ד ע ק אַ מ ע ט ע ר - <u>דער, =ס.</u> איינס פֿון לענג:
צען מעטער.

דעקאַמפּלעטירן – טרוו. גורם זײַן דאָס צעפֿאַלן פֿון אַ קאָמפּלעקט, פֿון אַ באַשטימטער צאָליקער גאַנצקייט.

1952 " דער דעקאָמפּלעטירטער און רעאָרגאַניזירטער יודענראַט האָט זיך |...| אַריבערגעטראָגן צוזאַמען מיט אַ פּאָר טויזנט ייִדן אין נײַעם געטאָ". ט. ברוסטין, יזב 12, 364. 2480

1973 " צוליב דעם, וו‏אָס דער שטאַטראַט איז דעקאָפּלעטירט געוואָרן איז ער אין 1925 אויפֿגעלייזט געוואָרן". יזב 16, 225. 2482

(?נ?) ד ע ק אָ מ פּ ר ע ס י ע - <u>די, =ס.</u> דאָס אַנולירן די קאָמפּרעסיע(דרוק).

1939 " ביי קעסאָן=אַרבעטער שטעלן מיר פעסט צוויי מינים פאַרענדערונגען. איינע אַלס פּועל=יוצא פון קאָמפּרעסיע און דעקאָמפּרעסיע |...|". <u>פער 151, נ' 4.</u>

ד ע ק אָ ן – <u>דער, =ען.</u> 1. דער וואָס שטייט בראש פֿון
א פֿאַקולטעט אין אַ הויכשול.

2. עלטערער (אין אַמט) גלח אין קאַטוילישער און אַנגליקאַנישער
קירך.

<u>דעקאַנאַט</u> – <u>דער, =ן.</u> דער אַמט פֿון דעקאַן, <u>ביידע בב.</u> || ← ס'פֿעלן אינשטער באַדייטן... (גורי)

<u>דעקאַנשאַפֿט</u> – <u>די, =ן.</u> <u>דזוו דפֿוו.</u>

דעקאָנספּירירן – טרוו. אויפדעקן, צו נישט מאַכן די קאָנספּיראַציע.

1947 "האָבן אָנגעהויבן קאָנפיסקירן ביי יידן

2491 געלט |...| און אַנדערע זאַכן, וואָס האָט אין אַ גרויסער

מאָס דעקאָנספּירירט די קאַמף=באַוועגונגען".

מ. קושניר, יזב 8, 224.

דעקאָנספּירירן זיך – רעפל. אַליין אָפּשאַפן די קאָנספּיראַציע, אַליין זיך אויפדעקן.

1974 "זיי האָבן געמאַכט דעם פעלער זיך צו דעקאָנספּירירן

2493 און האָבן איצט מורא געהאַט פאַר די קאָנסעקווענצן".

עלבערג, 2, 240.

(?בּ?) ד ע ק אַ ס ט י ק (אָ ן) – דער, =(ע)ן. סטראָפע וואָס באַשטייט פֿון צען פֿערזן |סטוטש 382|.

רעד: איך קיין שום ווערטערבוך (רוסיש, פּויליש א"א) אַפֿילו אין אַ גרויסער ענציקלאָפּעדיע גיט מען נישט דאָס וואָרט...

(?נ?) ד ע ק אָ פּ אַ ד - דער, =ן. (זאָאָל) בעל-חי מיט צען פֿיס אָדער טאַפּערלעך (געוויסע טײַך=קרעפּסן, לאַנגאָסטע, קראַבעס).

ד ע ק אָ ר אַ ט אָ ר - דער, =ן. אַ ספּעציאַליסט אין דעקאָראַטיווער קונסט, ספּעציעל אין שיין איינאָרדענען דעם אינעווייניקסטן אויסזעען פון אַ וווינונג אָדער אין פּראָיעקטירן דעקאָראַציעס פֿאַר טעאַטער=פֿאָרשטעלונגען.

1951 "דער יידישער דעקאָראַטאָר, וואָס האָט אַ מאָל געאַרבעט ביים רוסישן גובערנאַטאָר, האָט געאַרבעט ווייטער ביים ליטווישן פּרעזידענט". י. לעשטשינסקי, פּער 106, 915. 2504

1970 "פּתיחה האָט באַקומען באַשעפטיקונג ווי אַ דעקאָראַטאָר אין אַ סאָוועטישער האַנדלס=אונטערנעמונג". יזב 642,15.

|| דעקאָראַטאָרקע/דעקאָראַטאָרשע - די, =ס. ווע צו דעקאָראַטאָר.

(?נ?) דעקאָראַטור - די, בא. באַפּוצונג, פּוצערײַ.

1936 " קאַטלער האָט זיך געהיילט מיט הומאָר, מיט

2505 קינדערשער דעקאָראַטור". נאַדיר, 9, 245.

............................................................

רעד: איך קיין שום ווערטערביכער, אויך איך פרעמד=
ווערטערביכער, ניט געפֿונען אַזאַ פֿאָרמע.
איז עס נאַדירס אַן אײַנפֿאַל?

............................................................

ד ע ק אַ ר אַ ט י ו ו – אַדי/אַדוו. וואָס באַפּוצט, באַצירט, וואָס דינט צו באַפּוצן, מאַכן שיין.

1936 " [...] פֿאַר איר, זעט אויס, איז דער פּירשט מער

2512 ווי אַ דעקאָראַטיווער אָרנאַמענט אויפֿן באַל, ער אימפּאָנירט איר אומגלייבלעך". בורשטין, 2, 4.

1960 " די 'כּישוף=מאַכערין פֿון קאַסטיליע' איז מער

2511 דעקאָראַטיוו, בעת אין 'קידוש=השם" פֿילט זיך אַ טיפֿער, שיער ניט אַ רעליגיעזער, עקסטאַז". ניגער, 343,10.

דעקאראציע – די, ס=. 1. אקט אדער רעזולטאט
פון דעקארירן.

2. באפוץ, באציר.

1930 " שוין פאר די בערג קומט פאר א קליינע דעקאראציע,
א פאנטאסטישע פארשפיל". איינהארן, 7, 181. 2522

3. די קינסטלעריש געפורעמטע אויסשטאטונג פון דער בינע
צו א טעאטער=פארשטעלונג.

1869 " הײַנט שפילט מען נאך די אייגענע ראלע, נאר
אונטער אן אנדער דעקאראציע". פער 177, נ׳ 17, ז׳ 121. 2517

1931 " איך בין בײַ איר געווען די רעכטע האנט. בײַם
באזארגן די דעקאראציעס און בײַם אײַנלערנען |די ראלעס| 2525
מיט די תלמידים בין איך געווען דער גאנצער קנאקער".
זילבערבוש, 3, 76.

1951 " ער האט פאר זיי געמאלט די דעקאראציעס,
געשריבן מוזיק און אפילו געזונגען און געטאנצט אויף 2518
דער סצענע". א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 1232.

4. (פיג) עפעס וואס דינט בלויז ווי א דרויסנדיק שיינער
באפוץ פון אן אנדער זאך.

1960 " די עפיזאדן דינען ווי אויסגעבארגטע דעקאראציעס,
כדי צו פארגרעסערן א בילד, וואס איז אין עצם קליין 2524
און אומבאטייטנדיק". גלאטשטיין, 2, 416.

1974 " ער האט פארטריבן פון זיך דעם געדאנק, אז די
שולביכער אונטער איר ארעם זיינען נאר געווען א 2516
דעקאראציע". עלבערג, 2, 265.

ד ע ק אַ ר ב אַ נ י ז אַ צ י ע - די, באַ. אַקט אדער

רעזולטאַט פון דעקאַרבאַניזירן |סטוטש 218|.

ד ע ק אַ ר ב אַ נ י ז י ר ן - טרוו. (כעמיע)

באַזייטיקן, אַרויסציִען דעם קוילנשטאָף פֿון אַ מאַטעריאַל

|סטוטש 218|.

ד ע ק א ר ב א נ י ר ן - -----> דעקארבאניזירן.

(?נ?) ד ע ק אָ ר ו ם – דער, בא. דרויסניקע שיינקייט,

פֿיינקייט, שיינער שטאַט.

1954 " אײַער תּפֿילה איז נאָבל און כאַראַקטעריסטיש מיט

2532 איר באַשיידענעם דעקאָרום". ה. גרינבערג, 3, 341.

1961 " |...| אַלץ איז דאָרט פֿאַראַן: עלעגאַנץ, דעקאָרום,

2533 שיין געזאַנג, צערעמאָניע – אָבער איין זאַך פֿעלט:

נשמה=אויפֿברויז". ד. איידלסבערג, פער 69, 17/III.

ד ע ק אַ ר י ר ן - טרוו. 1. פֿאַרפּוצן, באַצירן, שיין מאַכן.

1930 " |...| אין פֿראַנצויזישן קוואַרטאַל דעקאַרירט מען צום |יום=טוב פֿון| פֿאַלן פֿון דער באַסטיליע". 2542
איינהאָרן, 7, 62.

1960 " |...| דעקאַרירט א ווענטל דאָ, א ווינקל דאָרטן, אויסגעפּוצט גאַנעקלעך, געמאַכט פֿאַרביקע געזימסן, אָרנאַמענטן". ניגער, 10, 162. 2542/1

2. צוטיילן אָדער איבערגעבן עמעצן אַ מעדאַל, אַן אָרדען.

1951 " ווען דער צאַר האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז א רב, וואָס אין זיינע דרשות הייסט ער די ייִדן זיין געטריי דעם צאַר, האָט ער אים געגעבן דווינערכט אין פּעטערבורג און האָט אים דעקאַרירט מיט אַ מעדאַל". 2540
ל. מלאכי, פּער 106, 557.

|| **דעקארירונג** – די, בא. אקט אדער רעזולטאט פון דעקארירן.

1951 " |...| אנדערע טויזנטער שקלאפן האבן געארבעט, אויף דעקארירונג און אויסצירונג פון דעם דענקמאל". 2535

אש, 16.

**דעקארירער** – דער, =ס. דער וואס דעקארירט.

ד ע ק ו ט ש ל י ו ו ע - ----> __דערקוטשליווע.__

ד ע ק ו ט ש ע ן – ----> <u>דערקוטשען</u>.

(?נ?) ד ע ק ו ל ט ו ר א צ י ע — די, בא. פראַצעס פון
פֿאַרלירן די אייגענע קולטור.

1954 " אוודאי וואַלט מען אויך באַדאַרפֿט באַטראַכטן די
אַמעריקאַנער אַקולטוראַציע און יידישער דעקולטוראַציע |...|". 2559
א. ג. בוקער, פער 94, נ׳ XXXVIII, ז׳ 144.

פסעוודיקע חורבנע פון אַסימילאַציע און אַ פּראָדוקט פון

(?נ?) ד ע ק ו ר א ז ש י ר ן - טרוו. צונעמען ד עם קוראזש, אנטמוטיקן.

ד ע ק ז ו י מ י ק - אדי, פּפֿ דעקזוימענדיק. (באַט)

האָט צוגעדעקט

וואָס ~~דער~~ זוימען. ~~איז צוגעדעקט~~. % דעקזוימיקע געוויקסן.

1920 " דעקזוימענדיקע געוויקסן ביי וועלכע די זוימענס

קנאָספּן זיינען פֿאַרשלאָסן אין א פֿאַרמאַכט פֿרוכטפּלעכטל". 2572

איבז האַכבערג , 1, 3.

צו דער פּאָנ.ג.ל. "דעקזוימענדיק".

642 -דע

ד ע ק ז ו י מ ע נ ד י ק - -----> דעקזוימיק.

דעקטוך - דער/דאס ~ טיכער. 1. (עלט) אַ ווייַסער שלייער פֿון טיול, מיט וועלכן מע באַדעקט די כלה צו דער חופּה.

1889 " פֿון יענער נאַכט אָן, וואָס איך בין געגאַנגען צוריק פֿון דער חופּה מיטן דעקטוך באַהאַנגען, האָב איך צוועלף פֿינצטערע יאָרן פֿאַרבראַכט |...|". מיכל גאָרדאָן, 2, 77. 2579

1960 " |...| מיר ציִען אַראָפּ דעם שלייער פֿון זאַכן, ווי אַ חתן דעם דעקטוך פֿון דער כלהס פּנים". י. פֿרידמאַן,2. 2586

2. (פֿיג) עפּעס וואָס דעקט צו ווי אַ ווייַסער שלייער.

1973 " דער שניי איז געפֿאַלן אָן אויפֿהער און איינגעהילט די ערד אין אַ ווייַסן דעקטוך". פֿרייבערג, 1, 61. 2585

3. (פֿיג) עפּעס וואָס פֿאַרדעקט, פֿאַרשטעלט, מאַסקירט.

1865 " איצט איז שטיל, מען ווייסט גאָרנישט, וואָס עס
גייט פֿאָר אונטער דער דעקטוך פֿון וואָפֿן=שטילשטאַנד". 2574
פֿער 177, נ' 29, ז' 457.

... " אין תּוך אַרײַן אָבער איז |...| גאַנץ גלײַך, צי
ער ווײַזט זיך אַרויס גראָב אין רשעות אָדער ער גייט 2587
אונטער א דעקטיכל פֿון רחמנות". מענדעלע, 25, 12.

1947 " אַפֿילו דאָס דינע טערמינאָלאָגישע דעקטוך
|...| האָט מען צו ביסלעך אַראָפּגעוואָרפֿן". 2580
מ. ווײַנרײַך, 5, 74.

ד זי איז אַ שיינע כּלה אונטערן דעקטוך – (איר)
וועגן אַ מיאוסער כּלה.

ד ע ק ט ו ר - ----> טעקטור.

(?בנ?) דעקודע – אדוו. (פּטמ, רעג אוקר) ווען ניט ווען, ציַיטנווייַז |סטוטש 92|.

רעד: א) דער אויסלייג וועלט געדאַרפּט זייַן "דעקודע", און די וואָלינער – פּוילישע וועלן עס קענען לייענען אויך "דעקידע"; ב) אויך סטוטש שטעלט איין ספק דעם באַניץ פון וואָרט, בפרט נאָך, ווען אין אוקראַיניש האט עס אַן אנדער באַטייַט: ווויניט ווי, ערגעץ = декуди.

דעקל – <u>דאָס, =ען</u>. 1. אַ זאַך מיט וועלכן מע דעקט
עפּעס צו, מע פֿאַרמאַכט (ס'רוב צו אַ כּלי, פּושקע, קעסטל).
% די קעכין דעקט צו דעם טאָפּ מיטן דעקל. דאָס <u>דעקל</u>
פֿון דעם שקעטעלע איז פֿון האָלץ.

1864 " איך די (ידות הכלים) אנגריף פֿון די כּלים מוזן
געבּשרט ווערן, <u>דעקלען</u>, שטאַרצן פֿון די כּלים |...|, 2614
שאַראַייזן מיט וועלכע מען די קדרות ציט". <u>ברודאַ, 1, דף ע"ה.</u>

1932 " אין דער אונטערשטער טייל פֿון דער וואַגראַנקע איז
פֿאַראַן אַ <u>דעקל</u>, וואָס עפּנט זיך אויף |...|". 2612
<u>פּרומין, 1, 6.</u>

1960 " ער האט אויך געהאט אַ גילדערנעם זייגער מיט דריי
<u>דעקלען</u>". <u>י. וואַרשאַווסקי, פּער 155, IX/30.</u> 2612

2. דאס באַוועגלעכע הײַטל, וואס עפֿנט און פֿאַרמאַכט די אויגן, אויגן=לעפּל. % ער האָט צוגעמאַכט די אויגן=דעקלען, און איז אײַנגעשלאָפֿן.

1938 " דו האָלסט אויף די דעקלען פֿון מײַנע אויגן".

2592 איבז גראָס, תהילים, עז - 5.

1943 " |...| געדריקט מיט שווערע געוויכטן די דעקלען

2613 איבער די אויגן |...|". אש, 14א, 266.

1959 " |...| די דעקלען פֿון זײַנע אויגן זשמורען זיך".

2606 ליוויק, 13, 132.

3. דער אונטערשטער טייל (דנאָ, באָדעם) פֿון אַ שופֿלאָד.

1929 " פֿיל סטאַליאַרעס לאָזן אַרײַן די דעקלען פֿון די

2600 שופֿלאָדן גלײַך אין די זײַטלעך |...|". בערמאַן, 2.

4. (<u>רעג, אונגערן?</u>)|?| צוגעברענטער טייל פֿון אַ קוגל.

1939 " |...| מע קײַעט אויף אַלע שיריים, די אויסגעטריקנטע

2600/1 באַנדלעך מיטן <u>דעקל</u> פֿונעם קוגל, וואָס ס'איז געבליבן

פֿונעם טשאָלנט בײַם טיש". <u>אַפּשאַן, 1, 212.</u>

5. (<u>ניקור=טערמין</u>) נאָמען פֿון אַ געוויסן חלק פֿלייש |וועלכער?|.

1938 " ובכל מדינות חוץ מפולין ישאר בו דבוק הקלין

2954 או (ח) עקרב (ט) <u>והדעקל</u>". <u>בזשקאָוויץ, 1, 120.</u>

6. (<u>מאַליעריי</u>) אַ מוסטער, אַ שאַבלאָן צו מאַלעווען.

|<u>ח.שעסקין, פּער 90, !!!X - 1, ז' 24</u>|.

2599 (?ב?) 7. אַ טעשל קאַרטן " |<u>קטור</u>|.

צו יעדן טעפּל איז ער א דעקל – וועגן איינעם וואָס מישט זיך אומעטום.

האַרצדעקל מײַנס! – (שפּאַטיש) ליבער מײַנער, טײַערער!

דעקיל.

1. ←------

1717 " אך ווארמי דעקיל פון איין ערדני פאט |טאָפּ| אוף דעך נאפל גיליגט איינם פוירט דעך אנדרך דר נאך |...|". 2592

ס' החיים, II, דף נ"ט.

דעקלאַמאַטאָר - דער, =ן. דער וואָס דעקלאַמירט, וואָס באַהערשט די קונסט פון דעקלאַמירן.

1931 " ער קומט קיין אַמעריקע, ווו. ער טרעט אַרויס |...| אַלס אַ דעקלאַמאַטאָר". פּער 110א, ז׳ 10.

|| דעקלאַמאַטאָריש - אַדי/אַדוו. ווי (פֿון) אַ דעקלאַמאַטאָר.

1953 " ער |דוד עדעלשטאַט| האָט עס |דאָס ליד| געשריבן אין אַ מאָמענט, ווען דאָס געזאַנגיק לירישע אין אים |...| האָט איבערגעשטיגן זײַן דעקלאַמאַטאָרישן הימען=געזאַנג". 2616/1
י. ביאַלאָסטאָצקי, פּער 135, 511.

דעקלאַמאַטאָרקע - די, =ס. ווע צו דעקלאַמאַטאָר.

1931 " נאָך אין דער שול |איז זי| געווען באַקאַנט אַלס דעקלאַמאַטאָרקע". פּער 110, 10. 2618

דעקלאַמאַציע - די, =ס. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דעקלאַמירן.

1914 "עס הייבט זיך אָן די פֿאָרשטעלונג, וועלכע באַשטייט פֿון אַ דעקלאַמאַציע |טעקסט: דעקלאַמאַציאָן| פֿון פּרוגס 2619
פֿאָלקס=לעגענדע 'דעם שמשס טאָכטער'". לואיס מילער, 1, 85.

1970 "די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע |...| האָט איר 'אַנסאַמבל פֿון געזאַנג און דעקלאַמאַציע'". 2621
יזב 7, 232.

2. רייד וואָס ווערן אויסגעדריקט אין אַן אומנאַטירלעך געהויבענעם טאָן, ניט עכט.

דעקלאַמירן - טרוו. 1. אויסדריקלעך, קינסטלעריש פֿאַרלייענען אָדער זאָגן אויף אויסנווייניק אַ ליטעראַריש ווערק.

1930 " די קינדער האָבן געענטפֿערט אויף ייִדיש, דערציילט ייִדישע מעשהלעך, דעקלאַמירט לידער". איינהאָרן, 7, 227. 2625

1972 " דאָס דעקלאַמירנדיקע קול האָט זיך גענומען ענדערן. 2631 עס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטורמישער, טראַגישער, גיכער". ראָזענפֿאַרב, 3, 459.

2. רעדן אין אַן אומנאַטירלעך געהויבענעם, באַמבאַסטישן טאָן, ניט עכט.

|1927| " |...| אַזוי איז אויך אומסימפּאַטיש דער שוישפּילער 2623 וואָס דעקלאַמירט אין פּריוואַט=געשפּרעך |...|". ווינטשעווסקי, 3, 130.

654 דע-

1951 " מענטשן האָבן נישט גערעדט, נאָר דעקלאַמירט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס |...|". מוקדוני, 4, 242.

ד ע ק ל א ס י ר ט – 1. פֿאַר פֿון דעקלאַסירן.

2. אַדי/אַדוו. וואָס איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון זײַן פֿריִערדיקן סאָציאַלן קלאַס פֿון זײַן שטענדיקער פּראָפֿעסיע.

1936 " אַרויסגעשטויסן ווערן פֿון דער אַרבעט, |...| דעקלאַסירט ווערן". י.י. זינגער, 6, 298. 2640

1958 " דאָס רוב זײַנען דאָס ייִדן, וועלכע זײַנען די דעקלאַסירט גײַסטיק, ניט נאָר עקאָנאָמיש און פּאָליטיש". ניגער, 8, 193. 2636

1951 " די ליטווינער, א דורכויס דאָרפֿישער עלעמענט, און די ייִדן – א שטאָטישער, אָבער בײַ ביידע גרופּעס איז נאָכגעהאַנגען א גאַנץ לאַנגער סאָציאַלער עק פֿון דעקלאַסירטע עלעמענטן". י. לעשטשינסקי, פּער 865,106. 2641

דעקלאַסירן - טרוו, ס'רוב געניצט אין פּאַסיוו.
אַרויסשטויסן געוויסע גרופּעס פון דער באַפעלקערונג פון
זייער סאָציאַלן קלאַס, גורם זיין דאָס פארלירן זייערע
פּריערדיקע פּראָפעסיעס. % די רעוואָלוציע האָט דעקלאַסירט
א היפּשן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד.

|| דעקלאַסירונג - די, בא. אַקט אָדער רעזולטאַט פון
דעקלאַסירן.

1951 " אַזוי ווי די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג
איז באַשטאַנען פון סוחרישן עלעמענט, האָט דער סאָציאַלער
איבערברוך פאַר זיי באַטייט א דעקלאַסירונג און א
דעגראַדאַציע |...|". ש. גרינהויז, פער 106, 156. 2633

657 דע־

ד ע ק ל אַ ר אַ ט י ו - <u>אַדי/אַדוו.</u> 1. וואָס האָט דעם כאַראַקטער אַדער די פֿאָרמע פֿון אַ דעקלאַראַציע.

2. וואָס איז געמיינט בלויז פֿאָרמעל, אויף דרויסן, ניט געמיינט ערנצט, אויף אַן אמת, ניט אָפֿנהאַרציק.

ד ע ק ל אַ ר אַ נ ט - דער, =ן. 1. דער וואָס דעקלארירט, אין ב׳ 2.

1951 " |...| האָבן די אָנגעפֿאַרענע דעקלאַראַנטן ביים צאַלאמט |...| אַריינגעטראָגן אַ גייסט פֿון רוסיפֿיקאַציע". 2647

פֿער 106, 1636.

2. דער וואָס דעקלארירט, אין ב׳ 3.

1954 " דער דעקלאַראַנט באַקומט אַ בלאַט אין אונדזער ׳גאָלדענעם בוך׳ אויף זיין נאָמען אַלס אייביקן אָנדענקונג פֿאַר זיין מיטהילף פֿאַר אונדזער תּלמוד=תּורה |...|". 2645

ה. שישלער, יזב 10, 105.

דעקלאראציע - <u>די, =ס.</u> 1. דערקלערונג

(ס'רוב פון אן אפיציעלן ארגאן, אינסטיטוציע, פארטיי <u>אד"גל</u>)
וועגן געוויסע פרינציפן, וועגן דער שטעלונג צו א געוויסן
ענין, געשעעניש. % <u>אפגעבן/ארויסגעבן א דעקלאראציע.</u>

1951 "די יידישע סיים=דעפוטאטן האבן שטארק געקעמפט
פאר דער באשטעטיקונג פון דער <u>דעקלאראציע</u> פון 12טן מאי 1922, 2667
וואס דער פעלקערבונד האט געפאדערט פון ליטע, ביים
ארייננעמען זי אין פעלקערבונד". <u>פער 106, 127.</u>

1968 " אויף דער ערשטער זיצונג פונעם אויסגעוויילטן
שטאטראט האט י.א. אנגעהויבן די <u>דעקלאראציע</u> פון 2663
דער פראקציע אויף יידיש". <u>מ. רעכטמאן, יזב 2, 230.</u>

2. א דערקלערונג/מעלדונג וואס עמעצער גיט פאר אן
אפיציעלער אינסטיטוציע וועגן א געוויסער התחייבות,
ביאגראפישע דאטן אדער אנדערע נייטיקע אינפארמאציעס.

% דעקלאראציע וועגן הכנסה=שטייער. פאר אפגעבן א פאלשע
דעקלאראציע פארן אימיגראציע=אמט האט מען אים ארויסגעשיקט
פון לאנד.

0 באלפור=דעקלאראציע - די, בא. די דערקלערונג פון
ענגלישן מיניסטער לארד באלפור פון 2טן נאוועמבער 1917
וואס האט צוגעזאגט צו שאפן א "יידישע נאציאנאלע היים"
אין פאלעסטינע.

1947 " אין שייכות מיט דער באלפור=דעקלאראציע, צום סוף
פון דער ערשטער וועלט=מלחמה, האט דער ציוניסטישער 2664
געדאנק זיך פארשטארקט אויף דער יידישער גאס".
יזב 8, 298.

1961 " אין יענע טעג איז, צו אונדז דערגאנגען די ידיעה
וועגן היסטארישן אקט אין סאן=רעמא, ווו די באלפור=דעקלאראציע 2653
איז באשטעטיקט געווארן". נ. גארטיבעל, יזב 13,131.

**דעקלאַרירן** – <u>טרוו.</u> 1. אָפּגעבן אַ דעקלאַראַציע, אַן אָפֿיציעלע דערקלערונג בשייכות מיט געוויסע פּרינציפּן, וועגן אַ שטעלונג צו געוויסע געשעענישן <u>אַד"גל.</u>

1919 " דאָס יידישע פֿאָלק האָפֿט אויפֿן שלום=קאָנגרעס, אַז
2674 ער וועט פּרינציפּיעל <u>דעקלאַרירן</u> פּאַלעסטינע פֿאַר ארץ=ישראל".
<u>פֿער 62, 20.</u>

1934 " ווייטער און ניגער |...| האָבן צו דער צייט שוין
2673 געהאַט געשאַפֿן דעם 'אומפּאַרטייִשן' בלאָק |...| און
<u>האָבן דעקלאַרירט</u> זייער לאָזונג 'קולטור=רענעסאַנס'".
<u>בריאַנסקי, 1,</u>

1951 " אין זעלביקן חודש מאי האָט אַ מיטגליד פֿון ליטווישן
2676 מיניסטעריום <u>דעקלאַרירט</u> פֿאַרן פֿעלקערבונד, אַז ליטע האָט
אָנגענומען די פֿאַרפֿליכטונגען |...|". <u>פֿער 127,106.</u>

2. אפגעבן א דעקלאראציע, אין ב' 2. % אלע שטייער=
צאלער דארפן דעקלארירן זייערע הכנסות ביזן סוף חודש מערץ.

3. אפיציעל מעלדן וועגן באשטייערן זיך פאר א געוויסן צוועק.

1947 " |...| רעכענענדיק אבער אויף די פיל נדבות, וואס
פארשיידענע מנדבים האבן דעקלארירט, איז דער קאמיטעט 2672
תיכף צוגעטראטן צו אונטערהאנדלונגען מיט פארשיידענע פירמעס".
יזב 8, 107.

1970 " |...| זיין תשובה איז געווען: |...| איבער א יאר
וועל איך דעקלארירן נאך א גרעסערע סומע". 2671
יזב 15, 580.

דעקלארירן זיך - רעפל. אפיציעל דערקלערן וועגן אייגענער
אנגעהעריקייט צו עפעס אדער וועגן אייגענעם מעמד.
% זיי האבן זיך דעקלארירט פאר יידן.

... " געטא=מאן און געטא=ווייב, ד"ה פאַרן, נאָר ניט

2671/1 אַפּיציעל=רעליגיעז פֿארהייראַט, אָבער וועלכע דעקלאַרירן זיך

אַלס מאַן און פרוי און האָפן עס צו בלייבן אויך נאָכן

געטאָ, אויב זיי וועלן איבערלעבן". מ. דוואַרזשעצקי, 10,1.

ם

דעקלערירן.

1739 " דאש איך האפנדליך ווערדי שלייניגשט ערהלטן

2671/2 וואו מיט איך |?| מיך ווערדי גלאַסיפּיסירן מעגי

דש איך דיא נומינאציאן פון איר צו דינן וויכטג

גדעקלערירט בין". לשון זהב, דף 9.

................................................................

רעד: דער טעקסט (שטאַרק דייטש ...) איז מיר בכלל ניט

קלאָר, דעריבער ווייס איך ניט וואָס פֿאַר א באַטייט

עס האָט דאָ דאָס וואָרט "דעקלאַרירן".

................................................................

(?נ?) ד ע ק ל י נ אַ ט אָ ר - דער, =ן. אַפּאַראַט צו מעסטן די
מאַגנעטישע אָפּווייכונג.

ד ע ק ל י נ אַ צ י ע - די, =ס. 1. (פֿיז, געאָגר) אָפּווייכונג, אָפּנייג. % מאַגנעטישע דעקלינאַציע, אַסטראָנאָמישע דעקלינאַציע.

2. (גראַמ) בייגונג, ענדערונג אין דער פֿאָרמע פֿון ווערטער (סובסט, אַדי, פּראָנ) אָפּהענגיק פֿון צאָל און בייגעפֿאַל.

□ דעקלינאַציא.

1774 " דעקלינאַציא, אב ווייכונג". חנוך לנער, דף כ"א. 2681

ד ע ק ל י נ י ר ן - טרוו. (גראַמ) בייגן (ענדערן די פֿאָרמע).

פֿון װערטער (סוב, אַדי, פּראָנ) לויט דעם בייגפֿאַל און צאָל.

1866 " זיי |די שילער| האָבן געענדיקט דעם |...| ערשטן

טייל פֿון |...| רוסישער |...| שפּראַכלעכע |...| דעקלינירן 2685

פּראָנצויזישע הויפּטווערטער". ד. וואַכטעל, פּער 177, נ' 36, ז' 553.

|| דעקלינירלעך - אַדי/אַדוו. וואָס לאָזט זיך דעקלינירן.

% דעקלינירלעכע אַדיעקטיוון.

ם דעקלינירן.

1774 " דעקלינירן. אָב ווייכן, וואַנדלן זיך, לענקן".

חנוך לנער, דף כ"א. 2684

(?נ?) ד ע ק ל ע ר - דער, =ס. בעל=מלאכה, "דער וואָס פּלעגט אײַן די הײַזער צוקלאַפּן די ברעטלעך אויף די ווענט, אַז די וואַנט זאָל זיך האַלטן אָדער ווי דאָ רופט מען דאָס פּלאַסטער" |קטוו|. 2689

רעד: כ'דערמאָן נישט, ס'זאָל האָבן געווען אַ ספּעציעלער בעל=מלאכה צו אָט דער אַרבעט: ערשטנס, זעלטן ווו: האָט מען אַזאַ זאַך געטאָן, צווייטנס, אויב יאָ, האָט עס געטאָן דער מולער אַליין, אָדער אַ סטאָליאַר. עפּעס שטימט דאָ נישט... נאָך אַ זאַך: אויף אַ צווייטן קאַרטל(פֿון אַן אַנדער זאַמלער) אונטערן זעלבן נאָמען שטייט: "אַנשטאָט דעקלער דאַרף זײַן לעטשער". וואָס באַטײַט עס?!

ד ע ק ל ש נ ע ק – דער, =ן. זגאַל שנעק |סטוטש 247|.

2691 (?נ?) ד ע ק ל ש ע ר - די, =ן. "מאַשין" |קטוון|.

רעד: וואָס פֿאַר אַ מאַשין?!

דעקמאַנטל - דער, =ען. רייד אָדער טוּונגען, וואָס דאַרפֿן פֿאַרדעקן, (פֿאַרשטעלן, מאַסקירן) עפּעס וואָס מע וויל ניט אַרויסווײַזן, וואָס מע וויל באַהאַלטן.

% אונטערן דעקמאַנטל פֿון צדקה=אַרבעט האָט זיך דער פֿאַרווין באַרײַכערט אויפֿן חשבון פֿון קהל.

1885 " די צײַטונגען ערלויבן זיך אונטער דעם דעקמאַנטל פֿון אַנטיסעמיטיזם |?| עפּטלעך צו באַליידיקן די 2693
אַכטבאַרסטע |=חשובֿסטע| מענטשן". פּער 74, נ׳ 45, ז׳699.

1954 " אונטער דעם דעקמאַנטל פֿון כּלומרשט פֿאַרשענערן די שטעט פֿלעגן אין די פּוילישע שטאָטראַטן צוגעטראַכט 2695
ווערן פֿאַרשיידענע שפּיצלעך ווי אַזוי שאַטן צו ברענגען דער יידישער באַפֿעלקערונג". י. בעקער, יזב 246,10.

ם
דעק מאנטל.

1743 " דיא אונטר דען דעק מאנטל פון גאטש דינסט

2692 זיך פר שייאן אונ' טונין זאכין דיא ונזר וועטין

|?| פר ביטן". שארית ישראל, דף כ"א.

ד ע ק ן - טרוו. 1. אַרויפֿלייגן אויף עפּעס, אויפֿשפּרייטן
אויף עפּעס; באַדעקן. % דער בלעכער דעקט דעם דאַך
מיט בלעך. דאָס בעט איז געדעקט מיט אַ געבלימטער דעקע.

1881 " ס'איז געשטאַנען אַ געדעקטע בויד מיט דריי פֿערד
באַשפּאַנט". יה"ל, 1, 22. 2765/1

... " ערב סוכּות, בשעת בויען און דעקן און אויסהענגען
די סוכּה - דעמאָלט טרעט ער ניט אָפּ פֿון דער אַרבעט". 2765
שלום-עליכם, 6ד, 130.

1948 " |...| לעבן אויוון - אַ טיש, מיט בלעך געדעקט,
אויף מצות צו ריגלען". נסתר, 6, 390. 2762/1

2. (ספּעצ, דעקן דעם טיש) אויפֿשפּרייטן אַ טישטעך אויפֿן טיש
ס'רוב אויך אַרויפֿלייגן באַשטעק, אַרויפֿשטעלן געשיר מיט
מאכלים, משקה א"א. % לכּבוד די געסט האָט מען געדעקט
אַ רייַכן טיש. די מסיבה איז געווען ביי געדעקטע טישן.

1888 " פריִיטיק צו נאַכט באַקומט די קאַנורע עפּעס גאָר אַן

2747/1 אַנדער פּנים + |...| רייַן איך איטלעכס ווינקעלע.

דער טיש איז געדעקט מיט אַ ווייַסן טישטעך, אויף אים דרייַ

מעשענע אויסגעשייַערטע לייַכטער מיט די בענטשליכט".

מענדעלע, 3, 121.

1906 " דער בעל=הקרעטשמע |...| האָט צוויי גרויסע ליכט

2740 אויפן געדעקטן טיש אַנידערגעשטעלט". אַש, ד1, 88.

1930 " |...| עס ברענט לכּבֿוד אים דער גרויסער ׳ציטערלאָמפּ׳//

2740/1 איך מיטן פון אַ יום=טובֿדיקן ווייַס געדעקטן טיש |...|".

רויזענבלאַט, 3, ליד "אַן אַנגעלייגטער גאַסט".

1968 " אויפן געדעקטן טיש איז געשטאַנען אַ שיסעלע שטשאַוו,

2740/2 פּאַרווייַסט מיט סמעטענע |...|". גראַדע, 7, 28.

3. (מאליערײַ, סטאליערײַ) ארויפגעבן א שיכט פֿארב, פּאליטור אד"גל. % דער מאליער דעקט די ווענט מיט א גרונט פֿון געלער פֿארב.

1929 " |...| חוץ דעם דארף מען נאכן גרונטירן און נאך די ערשט צוויי=דרײַ מאל "דעקן" די פּאליטור, ~~לייכט~~ 2750
~~איבערשלייפֿן~~". בערמאן, 2, 129.

4. (געאמ, וועגן פֿיגורן) זײַן קאנגרוענט, צוזאמענפֿאלן. % איין דרײַעק דעקט דעם צווייטן.

5. (אין פֿינאנציעלע ענינים) באצאלן אדער גאראנטירן דאס באצאלן, קאמפּענסירן, באלאנסירן. % דעקן די חובות. דאס וועקסל איז געדעקט געווארן צום טערמין. מ'האט אומגעקערט דעם ניט=געדעקטן טשעק. מע טראכט וועגן א נײַעם שטײַער צו דעקן דעם דעפֿיציט אין מלוכה=בודזשעט.

1928 " אַלע הודאות פֿון דער פּלאַנטאַציע **דעקט** ער מיט
2749 דער הכנסה פֿון די זוימען". איזרא, 1, 22.

1943 " זייַנע פֿריִערדיקע געשעפֿט=פֿירער |...| וואָס האָבן בייַ
2749/1 אים געגנבֿעט,/... |...| אַרויסגעטריבן, |...| אַזוי אַז פֿון
הייַנט אָן און ווייַטער איז ניט שייך - ער **איז**
מיט זייַן פֿאַרמעגן **געדעקט**. פֿאַרקערט, ער הייבט אָן
שטייַגן |...|". דער נסתּר, 5, 171.

6. (אין קאָרטנשפּיל) שלאָגן די קאָרט פֿון פּאַרטנער מיט
אַן עלטערער קאָרט, פֿון אַ גרעסערן ווערט. % דעם
מלך **האָט** ער **געדעקט** מיט אַ טויז.

1914 " זי וואַלט **דעקן** דעם טאַש און וואָלט מיט אַ קלייניקן
2724 טרומף גלייַך אַרויסגעשלאָגן דאָס צענטל טרומף בייַ יודינען".
בלינקין, 1, 89.

7. (פֿיג) באַוואָרענען, באַשיצן, פֿאַרזיכערן. % צו דעקן

דאָס אָפּטרעטן פֿון דער דיוויזיע האָט מען איבערגעלאָזט
אַ באַטאַליאָן פֿוסגייער מיט עטלעכע האַרמאַטן. זי האָט אים
אַזוי ליב, אַז זי דעקט אַלע זײַנע חטאים.

1869 " מיר האָבן שוין געמיינט, אַז מיר זענען שוין
אויף תמיד געדעקט פֿאַר אַ שטודירטן |רבֿ| – וואָרעם ווער 2769/1
זאָל זיך ריכטן אויף אַזאַ אומגליק?". פּער 177, ג׳3, ז׳22.

1909 " |...| זייַ זשע נישט קיין חצוף, יוקל, אַז איך
זאָג, ס׳איז געדעקט, ווייס איך וואָס איך זאָג".
סעקלער, 1, 18.

1947 " דעקנדיק דעם צוריקגאַנג פֿון דעם באַטאַליאָן מיט
זײַנע מאַשינביקסן, |...| איז דער קאַפּיטאַן |...| 2769
געטראָפֿן געוואָרן פֿון שונאס קויל". יזב 8, 164.

8. (פיג, וועגן קלאנגען) פארטויבן, זיין שטארקער, איבערוועגן.

% דער ארקעסטער האט געשפילט שטארק און געדעקט דאס געזאנג פון כאר, מע האט אים כמעט ניט געהערט.

1961 " הייבט אן צי מאשין צו דעקן// מיט גערויש און מיט געקנאל". י. מאניק, פער 24, 352.

9. (פיג, זשורנאליסטיש) אויספירן די ארבעט פון א רעפארטער ביי געוויסע וויכטיקע געשעענישן. % די איינשווערונג פון נייעם פרעזידענט איז געדעקט געווארן דורך הונדערטער זשורנאליסטן.

10. (פיג) דורכמאכן א געוויסע דיסטאנץ. % די נייע שיף קאן דעקן דעם וועג קיין איראפע אין 4 טעג.

1958 " אין דער לופטן וועט מען דעם מרחק 'דעקן' אין בלויז דריטהאלבן טאג". ב. באק, פער 18, 17VIII.

11. (פיג, שש) שלאָגן, געבן קלעפּ. % ס'איז געוואָרן א געשלעג, און מ'האָט איינער דעם אַנדערן געדעקט ביז בלוט.

1883 " ביז וואַנען מען וועט דיך חתונה מאַכן, וועל איך דיר אָט באַלד א חתונה אָפּשפּילן... – האָט די מוטער בייז געשריִען און האָט זיי |?| אָנגעהויבן דעקן מיט דער קאָטשעלקע". 2737

צ. ז. רובינשטיין, 1, 34.

1930 " |...| גענומען 'דעקן' דעם שייגעצל איבערן קאָפּ און פּנים". שניאור, 1, 266. 2725

12. (פיג, שש) זידלען, שעלטן.

1868 " אַזוי וואַלטן זיי זיך געוויס געצאַנקט די גאַנצע נאַכט... אין דעם ווי זיי האָבן אַזוי איינער דעם אַנדערן געדעקט |...| האָט זיך אָנגעהויבן צו הערן |...|". 2711/1

דיק, 36, 14 - 15.

1901 " |...| ער האָט זיי גוט געדעקט, גוט געצוואָגן די

2764 קעפּ |...|". אלפּס, 3, 3.

1931–1935 " אויף די לעצטע פאַרטפאַרזאַמלונגען האָט

2764/1 מען אָט דעם בולען געדעקט פאַר אָפּגעשטאַנענקייט |...|".

מ. קולבאַק, 9/8, ז' 103.

דעקן זיך - 1. איך ב' 4. % די קרייזן דעקן זיך, (רז"ל)

זיינען קאָנגרוענטע.

2. קזוו איך ב' 5. % די הכנסות און הוצאות דעקן זיך.

3. (מיל) קזוו איך ב' 7. % די פּאָזיציעס פון ביידע באַטאַליאָנען

דעקן זיך קעגנזייטיק.

4. קזוו איך ב' 11. % מע האָט זיך געהרגעט, געדעקט זיך

מיט גוטע קלעפּ.

5. קזוו איך ב' 12. % די ווייבער שעלטן זיך, דעקן זיך מיט טויטע קללות.

6. זיין גלייכווערטיק אָדער שטאַרק ענלעך, צונויפפאַלן זיך.

1962 " אין דעם רוב פון די אָקערשט געבערענגטע אילוסטראַציעס דעקט זיך שלמה בירנבוימס טענדענץ צו יידישלעכקייט מיט זיין גאַנג צו געבן די בכורה דעם פוילישן יידיש און זיין היימשן בוקאָווינער יידיש". מ.שעכטער, פער90, XXIL-2. 2768

|| דעקונג - די, =ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פון דעקן, ב' 1. % די דעקונג פון דאַך האָט געדויערט א וואָך צייט.

2. אַקט אָדער רעזולטאַט פון דעקן, ב' 3. % די דעקונג פון די ווענט האָט זיך גיך אָפגעשיילט, די פאַרב איז געווען א שלעכטע.

3. אקט אדער רעזולטאט פון דעקן, ב׳ 5. % דער טשעק
איז אַן דעקונג.

1867 " זיי נעמען גערן |געלט=| אַנווײַזונגען פון די
קאַנטאָרן, וואָס האָבן פאַרשיפט ווייץ און שיקן דעקונג 2564
|...| שטאָט מזומן=געלט". ארז, פער 177, נ׳ 27, ז׳ 206.

4. אַקט אדער רעזולטאַט פון דעקן, ב׳ 7. % די שוצגרובן
זײַנען געווען אַ גוטע דעקונג פאַר די פוסגייער.

1947 " די גרופּע איז צו ווײַט אַוועק און נישט געהאַט
קיין דעקונג פון דער אַרטילעריע". יזב 8, 160. 2562

5. אַקט אדער רעזולטאַט פון דעקן, ~~אין~~ ב׳ 9.
% דער פאַראַד האָט געהאַט אַ דעקונג פון צענדליקער רעפּאָרטערן.

6. (שגל) אַ באַהעלטעניש |בלומענטאַל, פער XX,90 - 3|. 2565

<u>דעקיק</u> - <u>אדי.</u> (געשט) וואָס דעקט, קאָנגרוענט. % <u>דעקיקע</u>

פּיגורן |סטוטש 54|.

<u>דעקער</u> - <u>דער, =ס.</u> 1. דער/דאָס וואָס דעקט.

2791 2. (<u>ספּעצ</u>) "דער וואָס דעקט (גאַראַנטירט) אַן הלוואה" |<u>קטוו</u>|.

3. (<u>ספּעצ</u>) דער וואָס דעקט דעכער.

1951 " איך רודאַמיך זענען געווען האָרעפּאַשנע ייִדן:

2795 שנײַדער, שוסטער, |...| שינדלער און שינדל=<u>דעקער</u>".

<u>ד. ריבאַק, פּער 1624,106 |1614?|</u>.

4. (<u>שטריקערײַ</u>) מכשיר, זעט אויס ווי אַ דיקע נאָדל מיט א

גרויס לעכל, איז איינגעפּאַסט איך אַן אײַזערנעם הענטל.

שטריקערס פון סוועטערס, אויף האַנטמאַשינען |?| פּלעגן

דערמיט "<u>אָפּדעקן</u>" די וואָלענע אויגן פון איין נאָדל אויף

דער אַנדערער אַרויף און אַזוי אַרום מאַכן סוועטערס מיט

2793 פאַרשיידענע מוסטערן" |<u>קטוו</u>|.

**דעקבלאַט** - -----> **דעקבלעטל.**

**דעקבלעטל I** - דאָס, =עך. (באַט) איינס פון די בלעטלעך וואָס רינגלען אַרום די בלום ביים בלומענפּיסל אויפֿן שטענגל

.|סטוטש 249|

1922 "יעדע בלום זיצט אויף אַ לאַנגן שטענגעלע - דעם בלומענפּיסל מיט צוויי קליינע בלעטעלעך, וואָס רופֿן זיך

דעקבלעטלעך". איבז א. גאלאמב, 1, 16.

P: przykwiatki ; R: прицветники.

**דעקבלעטל II** - דאָס, =עך. טאָוול פֿון בוך |?|, שער=בלעטל|?|.

1936 " איך האָב געלייענט אויף דער אַנדערער זייט פֿונעם

דעקבלעטל". נאַדיר, 9, 59. 2547

רעד: ניט זיכער איך אויסטייטש. איז דאָ אַזאַ טערמין אָדער ס'איז נאַדירס אַן אויסטראַכטעניש?

<u>דעקגלעזל</u> - <u>דאַס, =עך.</u> פּירקאַנטיק קליין שטיקל גלאָז, מיט וועלכן מע דעקט צו דאָס אַנדערע גלעזל, אויף וועלכן ס'געפינט זיך דער אָביעקט, וואָס מע פאָרשט אין מיקראָסקאָפּ (<u>ביאָלאָגיע, כעמיע</u>).

1926 " טריפט אָן אַ טראָפּן פון דער יוירנדיקער פליסיקייט אויפן זאַכגלעזל, דעקט עס איבער מיטן <u>דעקגלעזל</u> און באַטראַכט עס אין מיקראָסקאָפּ". <u>יאַכינסאָן, 2, 23</u>. 2549

<u>דעקגעוועב</u> - <u>דאַס, =ן.</u> (<u>ביאָלאָגיע</u>) דאָס געוועב וואָס שאַפט די הויט, די קאָרע.

<u>רעד:</u> ניט זיכער אין אויסטייטש.

1922 " די גרופּעס קעמערלעך, ~~קעמערלעך~~, וואָס זײַנען
2551 ענלעך געבויט און פֿילן אויס פֿאַרן געוויקס איין אויפֿגאַבע,
רופֿן זיך אָן געוועבן, למשל די קעמערלעך פֿון דער הויט
בילדן דאָס דעק געוועב". איבז א. גאלאמב, 2, 92.

דעקפֿעדערן - מצ. (זאאַל) זגאַל פֿעדערן, |סטוטש 240|.

דעקצייִג - דאָס, בא. ברעזענט |פֿינקעל, ווב, ז' 8|.

(?ב?) דעקצעל - די, =ן. (ביאַל) קעמערל פֿון דעקגעוועב.
1967 " אַ גוטווייליקער געוויקס, וואָס שטאַמט פֿון די דעקצעלן
2799 פֿון פֿאַרשידענע דריזן |...|". גלען, 1.

דעקשופּ - די, =ן. (באַט) בנב.
1922 " דאָס בערדל |פֿון גערשטן| בילדעט זיך דערפֿון, וואס
2847 די דעקשופּן פֿון די זאַנגעלעך ציִען זיך אויף אַרויף אין
לאַנגע שטעכיקע שפּיצלען". איבז א. גאלאמב, 67,1.

ם
**דעקן** - מה"ד: decken.

<---- 1.

1610 " ער מאכט העקליך צו דען ציילן און ער **דעקט**

2743 איר הויבט אונ' ער אום גירט זיא". טייטש=חומש, שמות, לח-כח.

<---- 2.

1735 " דערנאך צו מיטאג וואלט דיא מייד דען טיש דעקן".

2756 איילין שפיגל, דף 13[?]

ד ע ק ס ט ר א ז - דער. ז. (כעמיע) אָרגאַנישע פֿאַרבינדונג (קזילנהידראַט), געפֿינט זיך אין אַ גרויסן סכום אין געוויקסן |סטוטש 271|.

ד ע ק ס ט ר ין - (בעמיע) דער, =ן. בײַפּראָדוקט פון קראָכמאַל-הידראָליז, ווערט גענוצט צו מאַכן קלײַ.

1927 " דעם קראָכמאַל, וואָס געפינט זיך אין ברויט, פאַרוואַנדלט זי | די שפּײַעכץ | נאָך אין דעקסטרין און נאָך דעם אין טרויבן=צוקער". פער 151, נ׳ 21. 2772

(?ב?) ם ד ע ק ס ל - דער, =ען. "דעקל פון אָרון" |קטוו|.

1717 " זאל מן דאך דיא נעגיל ניט גנץ אין דעקסל

2774 שלאגן ני'יארט זאל איין וויבג פון קאפ פון נאגל ארויס

לאזן". ס' החיים !!, דף י"א.

| |
|---|
| רעד: אפשר איז אַ טעות און ס'דאַרף זײַן פּשוט "דעקל"? דער אויסטייטש איז פֿון אויסשרײַבער. |

ד ע ק ס ע ר ל - דאַס, =ער. (עלט) "אַ זילבערמינץ פֿון 3ען גרייַצער (עסטרייַך)" |קטוו|.

2775

ד ע ק ע - די, =ס. 1. דינע וואַלענע קאָלדרע.

% ער שלאָפֿט אײַנגעדעקט מיט אַ דינער דעקע.

1943 " דאָ |...| דאַרף זיך דער עולם אײַנבאַדיען אויף

2789 איבער שבת, דעריבער |...| האָט מען יעדן איינעם

געהייסן מיטנעמען דעקעס". דעמבלין, 3, 89.

1944 " |...| פֿלעגט ער כאַפּן זײַן קישן און דעקע און

2783 זיך אײַנשליסן אין קאַבינעט". שניאור, 8, 39.

1954 " פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן |...| שטעקן אַרויס

2777 זייערע אײַנגעהילטע קעפּ אין קאָלדרעס און אין דעקעס

אומגליקלעכע מאַמעס |...|". י.צ. שאַרגעל, יזב 657,10.

2. אַ דיק (ס'רוב געמוסטערט) טוך איבערצודעקן אַ בעט.

% דאָס בעט איז שוין פֿאַרבעט און איבערגעצויגן מיט

אַ שײנער דעקע.

... " צוויי בעטן, צוגעדעקט מיט ווייסע דעקעס,

2787 שווייגן |...|". מאלאדאווסקי, 7, ליד "צוויי בעטן".

1961 " די שפּיטאָל=שוועסטער האָט געמאַכט די בעטן, און

2784 מיר האָבן באַמערקט, ווי איינגעלאַפּן די דעקעס זיינען".

א. באַטקין, פער 69, 16/ז.

3. עפּעס מיט וואָס (זיך) איינצודעקן (דיקע שאַל, פּלעד אד"גל)

פאַר קעלט, רעגן.

1878 " אויף אירע פּיס האָט זי |די סאַרנע| גילדענע פּינגערלעך

2785/1 און אויף איר רוקן איין דעקע, |א| געלע, זיידענע,

מיט זילבער=געשטיק". אנ. טויזענד אונד איין טאג, ז' 39.

1949 " |...| מיט דער האַריקער דעקע, מיט וועלכע מען

2785 פעגט דעקט צו די פּערד אין רעגן". י. י. זינגער, 154,9.

2782 (?נ?) 4. "איבערצי אויף א קישן" |קטור|.

רעד: אויפן קארטל זענען דא צוויי נעמען פון
אינפארמאנטן, איינער מיטן באמערק: באברויסק,
מאהילעוו; דער צווייטער מיטן באמערק: קאוונע.
איך בין אבער שטארק מסופק אין דעם אויסטייטש.
אומעטום איז דאס יידישע ווארט פאר א קישן=איבערצי
געווען, "ציכל" אדער סתם, "איבערצי/איבערצוג".

5. (בויארבעט) האלצערנע פלאטע אויף וועלכער ס'ווערן
אויסגעלייגט די אייזנס און דער בעטאן ווערט אויסגעגאסן"
2780 |קטור|.

2776 6. (פיזיק) בנב |די נייע שול, ווילנע 1920|.

7. טאַש/טעשל קאַרטן |סטוטש 516|.

8. (פּיג) באַדעק, צודעק.

1920 " וואָס פאַר אַ סוד וועבט זיך צווישן די ביימער,

2786 וואָס שטייען אין דעקעס אין שוואַרצע געהילט|...|".

איינהארן, 5, 25.

דעקרעט - דער, =ן. 1. געזעץ, אַרויסגעגעבן דורך
דער אויספֿירמאַכט (ניט דורך געזעצגעבערישע אינסטאַנצן).

1889 " וואָס קען העלפֿן וויינען און טרערן,// מאַכן זיי
דען אום דעם דעקרעט?". י.ל. גאָרדאָן, 1, 37. 2824

1936 " גייט אַרויס א האַסטיקער דעקרעט // מיט ווערטער
זיבערע, ווי פֿײַלן". כאַריק, 3, "מינסקער בלאָטעס". 2803

1968 " אין יאָר 1926 האָט די פּילסודסקי=רעגירונג
פֿאַרעפֿנטלעכט א דעקרעט, וואָס האָט פֿאַרפֿליכטעט געהיימע 2800
וואַלן צו דער קהילה". י. זלאַטקאָווסקי, יזכ 2, 699.

2. אין פֿראַנקרײַך בעת דער רעוואָלוציע (1789) - די געזעצן פֿון
די געזעצגעבערישע אינסטאַנצן.

3. (עלט, פּסמ) פּסק=דין, גזירה.

1838 " |...|האבן |די שופטים| אויף מיר איין בילבול

2807 געמאכט דש איך האב גישאלטן די שופטים און האבן

|אויף| מיר א <u>דעקרעט</u> ארויש גגעבן מיין לעבן פון מיר

אוועק צו נעמן". <u>פאוויר, 2, דף יד.</u>

1896 " |...| און ער האט דערציילט דעם <u>דעקרעט</u> פון דער

2810 הייליקער אינקוויזיציע |...|". <u>אחון, 1, 63.</u>

4. (<u>פיג, פטמ)</u> באפעל, גזירה.

1881 " ווי פינצטער האבן אויסגעוויזן זיינע אויגן, בעת

2809 ער האט אויסגעהערט מיין בייזן <u>דעקרעט</u> אויף אים".

<u>זאביעזענסקי, 2, 9.</u>

697 -דע

(?נ?) ד ע ק ר ע ט י ו ו - אדי/אדוו. לויט/ווי א דעקרעט

|סטוטש 462|.

ד ע ק ר ע ט י ר ן  -  טרוו. 1. אַרויסגעבן אַ דעקרעט/ דעקרעטן.

1951 " |...| אין אַפּריל 1495 האָט אַלעקסאַנדער יאַגיעלאַ
2853 אומגעריכט דעקרעטירט צו פֿאַרטרײַבן די ייִדן פֿון ליטע".
מ.ווישניצער, פּער 106, 59.

2. פֿסקענען, דעצידירן, באַשטימען אַז ס'איז מחייבֿדיק.

1927 " ימים=טובֿים קענען ניט דעקרעטירט ווערן, |...|
2839 זיי זענען זכר פֿאַר אַ גרויסער און עפּאָכע=מאַכנדיקער
געשעעניש". ווינטשעווסקי, 7, 16.

1953 " |...| אַזאַ מאַניזם, אַזאַ גאַנצקייט איז קיינ(ע)ר
2834 פֿון אונדז ניט בכוח צו דעקרעטירן". ח.גרינבערג, 335,2.

699 דע־

ד ע ק ר ע ש ט ש ע נ ד אַ - אדור. (מוזיק־) אַנווייז

צוריקצוגיין פֿון קרעשטענדאַ (ד"ה אויספֿירן די מעלאָדיע

שטילער און פֿאַמעלעכער).

ד ע ש ו ר ב נ י ק - -----> **דזשעהורבניק.**

ד ע ש י פֿ ר י ר ן – טרוו. 1. איבערלייענען/פֿאַרשטיין עפּעס וואָס איז געשריבן, איבערגעגעבן אין א שיפֿער אָדער אין אומבאַקאַנטע אותיות.

1887 " די 'היעראָגליפֿן', וואָס מיר האָבן געגעבן אין

7497 פֿאַרגאַנגענעם פּסח מיט פֿרעהס בילד, דאָס האָבן מיר פֿון דעם דאָקטאָר זעליקאָוויטש באַקומען. ער האָט דאָס קאָפּירט און 'דעשיפֿרירט'". פֿער 74, נ' 21, ז' 314.

דעשיפֿריר=שליסל – דער, =ען. אָפּגערעדטע סימנים, לויט וועלכע מע קען דעשיפֿרירן אַ טעקסט.

2. (פֿיג) פֿאַרשטיין, טרעפֿן דעם באַטײַט פֿון אַן אומבאַוווּסטער, פֿאַרבאָרגענער זאַך, ענין.

1960 " אמת איז ליכטיק, ווײַל אמת זעט בײַדע זײַטן

7498 פֿון דער מטבע... אמתיזם, ווי אַ |...| באַוועגונג, וואָס דעשיפֿרירט דאָקומענטן". גלאַטשטיין, 334, 2.

ד ע ש ל - |דאס? =עך?|. בנב.

1952 " |...| ער האט שוין, ברוך=השם, מער אין דעשל

7500 ווי אין פלעשל". מ. קולבאק, פער 38, נ' 13, ז' 15.

ד ע ש = נ ע = ד ע ש - אדוו. פר. (פטמ, אוקר) ווו. ניט
ווו, ערגעץ, דאַ און דאָרט.

1935 " איך שפּריץ מיר און זיץ מיר לעבן אויוון און
שרײַב גרעטערע לידער, וואָס ברענגען מיר דעש=נע=דעש 7503
אַ ביסל כּבוד". נאדיר, 8, 144.

.......................................................
רעד: דאָ נאָך עטלעכע ציטאַטן - אַלע פֿון נאַדירן...
כ'בין מסופּק, צי דער באַניץ איז געווען פֿאַרשפּרייט.
.......................................................

ד ע ת |דאַס| - דער/דאָס, באַ. (לל) פֿאַרשטאַנד, פֿאַרשטאַנדיקייט
וויסן, באַוווּסטזיין.

1832 " י"ש |=בראַנפֿן| איז שורף הלב והנשמה, דאָס
איז זייער מחמם דאָס בלוט און פֿאַרפֿירט דעם דעת 7511
לגמרי". דוב בער, 1, אות כ"ז.

1889 " דער מענטש איז אויך אַ מין חיה... דער דעת
און |...| בושה, אמונה, |...| אָט די עטלעכע זאַכן 7511/1
זײַנען פֿאַר די מענטשן=חיות ווי די אײַזערנע
קלעטקע |=שטײַג| מיט די אײַזערנע גראַטעס פֿאַר דעם
טיגער |...|". לעווינער, 1, 6.

1936 " דאָס באַגערפֿעניש פֿון דײַן פֿאָלק איז פֿיל און
זייער דעת איז קורץ און קליין צו פֿאַרשטיין וואָס 7509
צו בעטן פֿון דיר |...|". מחזור 5, 338.

1947 " אומזיסט איז מען חושד די נאַציס אין רעספּעקט
7519 צום 'ריינעם דעת'". מ. וויַינרייַך, 5, 21.

0 דעת אלהים |~ עלאָהים| - 1. (לל) דאָס אַלצוויסיקייט
פֿון גאָט.

2. דערקענטעניש פֿון גאָט, פֿון זייַנע אַטריבוטן און מצוות.

1940 " ווען מיר פֿאַרגלייַכן די דאָזיקע פֿאָרמולע מיט
7523 דער הינדוסישער פֿאָרמולע |...| וועלן מיר באמת נשתומם
פֿון דער וווּנדערלעכע הכללה אין יידישן דעת=אלהים".
קאַראַלניק, 2, 284 |?287|.

דעת=הבריות |~ האַבריעס| - (לל) די אָנגענומענע מיינונגען
פֿון מענטשן אין אַ געגעבענער סביבה.

דעת=הקהל |~האקאהאל| - (לל) די עפנטלעכע מיינונג.

1885 " איך גיב דאס איבער דער אלגעמיינער מיינונג

7527 (דעת=הקהל) דער מיינונג פון אלע ~~פון אלע~~ לעזער

פונעם יודישן פאלקסבלאט". פער 74, נ' 23, ז' 350.

1949 " |...| אפטער האט דער דעת הקהל פון אונדזערע

7529 ניט=יידישע שכנים אונדז געגעבן צו פילן, אז מיר

זענען א פרעמדע צוטשעפעניש ". ל. לעהרער, פער 38, נ' 2, ז' 151.

1965 " די יידישע צייטונגען אין ליטע האבן געהאלפן

7528 פארמירן דעם דעת=הקהל פון ליטווישן יידנטום |...|".

פער 107, 419.

דעת=עליון/ה|עליוינ/ע| - (לל) דזוו דעת=אלהים, ב' 2.

1883 " קום און זע, בלעם האט ניט געקענט באשטיין אקעגן

7537 דער דעה טפשות פון דעם אתון, מכל=שכן אויף דעם

דעת עליון". אנ, נופת צופים 2, 230.

‏|1957?|  " אין דער בחינה פון דעם 'דעת עליון', וועלכער
7535 נעמט אַריין חסד און גבורה". איבן אַן, ליקוטי אמרים,
תניא, ז' 124 - 112|?|.

דעת=עצמוניק|~ אַצמעניק| - (לל, פּעיל) וועגן אַ מענטשן,
וואָס טוט אַלץ אויף אייגענער אחריות, ניט פֿרעגנדיק
ביי קיינעם קיין הסכמה, ווי אים גלוסט זיך.

1957 " ס'איז געוואָרן אַ חבֿרה דעת=עצמוניקעס |...|,
7538 מענטשן מיט אַ פּשוטן גראַבן "אני", איבן אַן, ליקוטי
דיבורים, דף קצט...

דעת (ה)תורה|~ (האַ)טוירע| - (לל) דאָס פֿאַרשטיין,
וויסן די תורה.

1971 " טאָמער האָבן יִדן בזמן פֿון די חשמונאים זיך יאָ קעגנגעשטעלט איז עס געווען קעגן דעת=התורה לויט 7541
די רבנים". ח. גראַדע, פער 69, !!/17.

בן=דעת |בען=דאַאַס| - דזוו בר=דעת.

בר=דעת |באַר=דאַאַס|. דער, אַ קלוגער, פֿאַרשטאַנדיקער מענטש.

1907 " |...| האָט געקוקט אויף מאַשען |...| ווי אַן
אמתער בר=דעת". שלום=עליכם, 18, 76. 7538/1

בהיסח=הדעת | בעהעסעך=האַדאַאַס | - אדוו, פֿר, (לל)אומבאַמערקט, ניט וויסנדיק.

1888 " |...| דאָס וועט אונדז גאָר קומען בהיסח=הדעת,
ד"ה מיר וועלן גאַרניט דענקען דערפֿון, גראָד זיך 7538/2
מייאש זײַן פֿון די אַלע גוטע זאַכן.|...| מיט איין מאָל
וועט קומען משיח און וועט דאָס אַלץ געבן מיט פֿולע הויפֿנס".
פער 74, נ' 5, ז' 138.

גילוי=דעת | גילוי=~ | - דער. (לל) אַפּיציעלע מעלדונג, דערקלערונג וועגן אַ געוויסן ענין.

גניבת=דעת | גנייווֹאַס=דאַאַס | - די. (לל) אָפּנאַרעריי, שווינדל.

חוות=דעת | כאַוואַס=~ | - די. (לל) מיינונג (ס'רוב פֿון אַ מומחה אָדער פֿון אַן אָפֿיציעלער פּערזאָן), עקספּערטיזע.
% מען האָט אָנגעפֿרעגט די חוות=דעת פֿון אַ באַרימטן רב.

חסר=דעת | כסאַר=~ | - דער/די. (לל) אַ שוטה, אַ מענטש מיט אַ קנאַפּן פֿאַרשטאַנד.

ישוב=הדעת | יִישעווהאַדאַאַס | - דער. דאָס גענויער באַטראַכטן, באַקלערן אַ זאַך פֿון אַלע אַספּעקטן. % דער ענין איז אַ פֿאַרפּלאָנטערטער, מע דאַרף האָבן אַ לענגערן יִישוב=הדעת.

קלות=דעת|קאַלוס=~ - די. (לל) אומערנצטקייט, לייכטזיניקייט, איבערגעאײַלטקייט. % ס'איז א גרויסע קלות=דעת זיך צי לאָזן ווינטער אין אזא שווערן וועג.

לפי דעתי|לעפּי דאַטי| - אַדוו פּר. (לל) לויט מיין מיינונג.

לפי עניות=דעתי|לעפּי אַניעס=דאַטי| - אַדוו פּר. (לל) לויט מיין באַגרענעצטער מיינונג (געזאָגט אזוי אויס באַשיידנקייט).

☐ גנבענען דעם דעת - אָפּנאַרן, פּאַרפּירן.

1819 " דאָס איז איין איסור אז מען זאָל גנבנען|דעם|דעת הבריות, די דיעה פון איין גוי איז אפילו אסור צו גנבנען". ס' חסידים. 7524

1967 " דו האסט געגנבעט! געגנבעט דעם דעת=המקום און דעם דעת=הבריות, דו האסט זיך פארשטעלט פאר א צדיקל אפצונארן גאט און מענטשן". גראדע, פער 3/XI,69.  7525

ניט זיין ביים דעת - ניט זיין ביים קלארן פארשטאנד, זיין משוגע.

1894 " באלד האבן זיי איינער צום אנדערן גענומען ווינקען |...|, אז געצל איז ניט ביים דעת". ב. גארין, 12,2.  7515

ם 1626 " |...| דאס |גאטספארכטיקייט| ווערט דיר און דיין הרצן געבן דז דוא ווערשט גישעפטן |געשאפן?| אין חכמה און אין דעת". ס׳המגיד, 1, משלי, א - ז.  7515/1

דעתן |דייטן/דאַטן| - דער, =ס. (לל).

1. אַ ווייסער, אַ קענער.

2. אַ מענטש וואָס האַלט זיך פֿעסט ביי זיין דעה (מיינונג), אויף וועגן אַן עקשן, אַן איינגעשפּאַרטן.

1887 " די וועלט זאָגט אויף איינעם פֿאַר אַ מעלה:
7533 'ער איז אַ גרויסער דעתן; און אויף דעם צווייטן, פֿאַר
אַ חסרון: 'ער איז אַ גרויסער עקשן'. |...| אַ דעתן'
און אַן 'עקשן' האָבן ביידע איין כאַראַקטער - אַ פֿעסטן ווילן".
פער 74, נ' 21, ז' 313.

דעתנות |דייטאַנעס| - דאָס, באַ. (לל) איינגעשפּאַרט פֿון
זיין אַ דעתן.

1889 " איך האָב גרויס פֿאַרדראָס, וואָס איך געפֿין אין
7534 דיר די עקשנות פֿון דײַין טאַטן, וואָס ער רופֿט עס
דעתנות". פּער 74, נ׳ 1, ז׳ 3.

דעתנית - די, =ות. (לל) ווע צו דעתן.